STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03092

YIDISHE GESHIKHTE

Ignacy Schiper

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג
„אחי ספר"
וואַרשע

דר. יצחק שיפּער

יידישע געשיכטע

(ווירטשאַפטסגעשיכטע)

פאַרלאַג „אחיספר" בײַ געז. „צענטראַל" וואַרשע, נאַלעווקי 7.

דר. יצחק שיפּער

יידישע געשיכטע

ערשטער באַנד

פאַרלאַג „אחיספר“ ביי געז. „צענטראַל“ וואַרשע, נאַוואַליפּקי 7.

1 9 3 0

Zakład graficzny „Stereotyp"
Warszawa, Nowolipki 7.

Printed in Poland

דעם ליכטיקן זכּרון
פון מיינע אומפאַרגעסלעכע
עלטערן
משה און חנה שיפּער

הקדמה.

דאָס ווערק, וועלכעס איך גיב דאָ איבער דער עפנטלעכקייט, אַנטשפּרעכט אַ וויסנשאַפטלעכן באַדערפעניש, וועלכעס איך האָב מיר קלאָר געמאַכט נאָך מיט 25 יאָר צוריק, ווען איך האָב–דעמאָלט נאָך אַ יונגער סטודענט–געשריבן מיין ערשטלינגס-בוך: „דער אָנהויב פונם קאַפּיטאַליזם ביי די מערב-אייראָפּעישע יידן". אָן שום וועג-ווייזער, אָן שום מוסטערן האָב איך דעמאָלט געפּרואווט פאַנאַנדערצוּוויקלען יידישע ווירטשאַפטס-געשיכטלעכע פּראָבלעמען, ווי אַ זעלבשטענדיקע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין. איך האָב אָבער נישט באַוויזן צו באַאַרבעטן אַ גרעסערן פּעריאָד פון אונזער געשיכטס-לעבן, ווי דאָס פריע מיטלאַלטער. וואָס ווייטער אין צייט אין רוים איך האָב געוואָלט וואַנדערן, אַלץ בולטער איז פאַר מיר געוואָרן, אַז די אַרבעט פאָדערט גרויסע צוגרייטונגען און עס איז ביי מיר געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז מען מוז זי צעטיילן לויט טעריטאָריעס, דהיינו, אַז מען מוז באַאַרבעטן די ווירטשאַפטס-געשיכטע פון איינצלנע יידישע צענטערס, איידער מען טרעט-צו צו אַן אַלגעמיינער יידישער ווירטשאַפטס-געשיכטע „אינם וועלט-מאַסשטאַב". נאָכגייענדיק נאָכן דאָזיקן געדאַנק, האָב איך אָנגעהויבן מיט פאָרשונגען, וואָס זענען געווען נוגע דער ווירטשאַפטס-געשיכטע פון די יידן אין פּוילן. אַלס פּועל-יוצא דערפון האָב איך נאָך אין י. 1908 פאַרענדיקט אַ בוך

וועגן דער יידיש-פוילישער ווירטשאַפטס-געשיכטע, וואָס האָט אַרומ- גענומען דאָס גאַנצע מיטלאַלטער. עס זענען זינט יענער צייט אַוועק יאָרן פון ווייטערדיקער פאָרשונג אין פוילישע אַרכיוון און פון זאַמ- לען מאַטעריאַלן פאַר אַ ווירטשאַפטס-געשיכטע פון יידן אין פוילן און אין ליטע בעת דער „נייערער צייט". אינמיטן דרינען איז אויסגע- בראָכן די וועלט-מלחמה. איידער די געשעענישן האָבן פון מיר גע- מאַכט אַ מיליטערמאַן, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרברענ- גען גאַנצע 2 יאָר אין ווין און אויסצונוצן די פרייע צייט פון אַ „פליכטלינג" אויף צו באַקענען זיך מיט די רייכע זאַמלונגען פון דער יידישער געשיכטלעכער ליטעראַטור, וואָס געפינען זיך אין דער ווי- נער קהילה-ביבליאָטעק. מיינע נאָטיצן זענען אין משך פון אָט דער צייט דערגאַנגען אין די צענדליקער טויזנטער און דער פּלאַן פון דער אַלגעמיינער יידישער ווירטשאַפטס-געשיכטע איז שוין געוואָרן אויף אַזוי ווייט רייף, אַז איך בין מיט אַ צייט שפּעטער צוגעטראָטן צו אַן אַרבעט וועגן דער אַנטוויקלונג פונם יידישן עלעמענט זינט דעם פריען מיטלאַלטער ביז דעם סוף פון 18-טן י"ה. ליידער, האָט מיר נישט געגליקט צו דערפירן די אַרבעט ביזן סוף. די מלחמה האָט מיך גענומען אין שפּאַן און איך האָב באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן בלויז פראַגמענטן פון דער אַרבעט.

דאָס זאַמלען מאַטעריאַלן—אַ ליידנשאַפט, וואָס מען קאָן זיך פון איר נישט באַפרייען, ווען מען האָט זיך אַמאָל מיט איר באַהאָפטן— האָב איך פאָרטגעזעצט, באַלד ווי איך בין נאָר צוריק געוואָרן אַ „ציוויל-פערזאָן". ליידער האָב איך דאָס נישט געקאָנט טאָן מיט דער- זעלבער אינטענסיוויטעט, וואָס פריער. איך האָב געהאַלטן פאַר וויכ- טיקער אַנדערע אויפגאַבן. אין אַ צייט, ווען עס „מאַכט זיך געשיכ- טע", ווען עס ווערן אַוועקגעלייגט יסודות פאַר אַ נייעם לעבן און געענדערטע באַדינגונגען – און אַזאַ דערהויבנדיקע און שווערע צייט איז מיר אויסגעקומען איבערצולעבן מיט מיינע ברידער אין פוילן— איז שווער צו שרייבן געשיכטע... בלויז אין „אַטעם-פּויזעס" פון

מיין פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָב איך זיך געקאָנט אומקערן צו מיין וויסנשאַפטלעכן וואַרשטאַט און זוכן דאָרט אַן אָפּרו פון דער צייט-געשיכטע, וואָס האָט זיך געשפּונען פאַר די אויגן. אַזוי זענען אַריבער ווייטערע קרוב 10 יאָר. בעת די גענוג אָפטע נסיעות אין אויסלאַנד פלעג איך כּסדר דערגאַנצן די געזאַמלטע מאַטעריאַלן און פון צייט צו צייט אויך אַרבעטן אין די פאַר מיר פריער נישט צוגענגלעכע צענטראַלע אַרכיוון אין וואַרשע. נישט געקוקט דערויף, וואָס דער קעגנשטאַנד האָט מיך באַשעפטיקט — מיט קלענערע און גרעסערע הפסקות — לערך 25 יאָר, וואָלט איך נישט צוגעטראָטן צו באַאַרבעטן דעם גרויסן מאַטעריאַל, וועלכן איך האָב באַוויזן צונויפצוקלייבן, ווען עס וואָלט נישט געקומען אַ זייטיקער, גאַנץ צופעליקער שטויס דערצו. מיט אַ צוויי יאָר צוריק האָט זיך צו מיר געווענדט דער פאַרלאַג „צענטראַל" מיטן פאָרשלאַג, אַז איך זאָל באַאַרבעטן ווירטשאַפטס-געשיכטלעכע הוספות צו גרעצס יידישער געשיכטע. דער פאָרשלאַג איז מיר געפעלן געוואָרן און איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב זיך אָבער באַלד דערויף איבערצייגט, אַז עס איז אַן אויפגאַבע, כּמעט אַן אוממאויספירלעכע, כּל זמן מען פאַרמאָגט נישט קיין אַלגעמיינע יידישע ווירטשאַפטס-געשיכטע, וואָס זאָל שאַפן אַ באַזיס פאַר אַזעלכע הוספות. איך האָב דעריבער געענדערט דעם לכתחילהדיקן פּלאַן און איך האָב גענומען באַאַרבעטן די געזאַמלטע מאַטעריאַלן, ווי אַ זעלבשטענדיק ווערק. אינם פּראָצעס פון דער אַרבעט האָב איך מיר קלאָר געמאַכט, אַז מיינע צוגרייטונגען זענען ווייט פון פולשטענדיקייט און עס וואָלט כּדאי געווען נאָך אַ סך פּרטים גרינדלעך אויסצופאָרשן, איידער מען נעמט זיך צו דער אַלגעמיינער קאָנסטרוקציע. פונדעסטוועגן האָב איך מיך אָפּגעזאָגט דערפון, וואָרים די צוגרייטונגס-אַרבעט מוז דאָך פאָרט אַמאָל נעמען אַן ענדע...

אַזוי איז אַנטשטאַנען דאָס בוך, וועלכעס איך דערלאַנג דאָ דעם לעזער. עס איז אַ גאַנצעס פאַר זיך און גלייכצייטיק אַן אָנזאָג

פון ווייטערע בענדער, וואָס וועלן באַהאַנדלען די יידישעווירט־שאַפטס־געשיכטע אין דער נייערער צייט. אויף וויפל די באַדינגונגען וועלן דערויף דערלויבן, וועל איך זיך באַשטרעבן, נאָך אין משך פון דעם נאָענטסטן יאָר, צו דערפירן די געשיכטע ביז דער איבער־ברוכס־צייט אַרום דער העלפט פון 17־טן י״ה. אויב עס וועט זיך מיר איינגעבן אין די ווייטערע פאָר יאָר צו דערפירן דאָס אָנגעהייבענע ווערק ביז די נייעסטע צייטן, וועט דאָס זיין פאַר מיר אַ באַזונדערס גליקלעכע איבערלעבונג, וואָרים איך וועל אַזויאַרום האָבן פאַרווירקלעכט איינעם פון מיינע יוגנט־חלומות, וואָס באַגלייטן מיך אויפן לעבנס־וועג, ווי כסדרדיקע סטימולן פון אומרו און אַרבעט...

בעת מיינע צוגרייטונגס־אַרבעטן האָב איך אָפט געהאַט ספקות, צי איך ראַנגל זיך נישט מיט פּראָבלעמען, וואָס ליגן אויסערהאַלב די ראַמען פונם „צייט־פאַרלאַנג“. די ספקות זענען אָבער צונישט געוואָרן, ווען איך האָב זיך אין מיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט צו־נויפגעטראָפן מיט דער יידישער יוגנט און מיט דער יידישער אַרבע־טערשאַפט. אין דידאַזיקע קרייזן, וואָס זענען אונזער האָפענונג און צוקונפט, האָב איך בעת די לעקציעס, וועלכע איך האָב פאַר זיי גע־האַלטן, געקאָנט כסדר באַמערקן, ווי ווייניק עס באַפרידיקט זיי דער אַלטער אופן פון באַנעמען יידישע געשיכטס־פראַגן. איבעריקנס, האָט זיך אין משך פון די לעצטע 2 יאָרצענדליק געלאָזט מערקן אַ כאַ־ראַקטעריסטישע ווענדונג אויך אין דעם יידישן פאָרשער־וועלטל. עס איז „אַ סימן פון צייט“, וואָס יידישע פאָרשער און געלערנטע, וואָס פלעגן פריער באַהאַנדלען פּראָבלעמען פון יידישער ווירטשאַפטס־געשיכטע אינם בעסטן פאַל, ווי אַ צושטייער צו דער יידישער קולטור־געשיכטע (פאַרגלייך, אַ שטייגער, די מאָנומענטאַלע קולטור־געשיכטלעכע ווערק פון מ. גידעמאַן), פלעגן זיך לעצטנס באַשעפטיקן מיט ווירטשאַפטס־געשיכטלעכע מאַטעריאַלן, ווי מיט אַ באַזונדערן פאָרשונגס־געביט. פון דער היבשער ווירטשאַפטס־געשיכטלעכער ליטע־ראַטור און פון די ווערטפולע קוועלן־פּובליקאַציעס, מיט וועלכע מיר

זענען, אַ דאַנק דער נייער „איינשטעלונג", באַרייכערט געוואָרן אין משך פון די לעצטע 20 יאָר, איז כדאַי אָנצומערקן די לײדער נאָר ביז 1350 דערפירטע, 2-בענדיקע „סאָציאַל- און ווירטשאַפטס-געשיכטע דער יידן אין מיטלאַלטער" פון דעם פרי פאַרשטאָרבענעם ג ע אָ ר ג ק אַ ר אָ, די אין דער ביבליאָגראַפיעביים סוף פון אונזער בוך פאַר-צייכנטע מאָנאָגראַפיעס פון מ. ה אָ פ מ אַ ן, ד אַ וו י ד ז אָ ן, פ ר י ץ ב ע ר, ז י ס מ אַ ן, א ו מ ב ע ר ט אָ ק אַ ס ו ט אָ וכדומה, אָדער די באמת אימפּאָזאַנטע פּובליקאַציעס פון ס'רוב ווירטשאַפטס-געשיכטלעכע קוועלן, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן דורך ר ע נ י ע (Régne), פּ. ב ע ר, י. ק ר אַ ק ו י ע ר, ש וו אַ ר ץ, ג אָ ל ד מ אַ ן און אַנדערע. בקיצור, דאָס לעבן האָט באַשטעטיקט דעם געדאַנק, וועלכן איך האָב נאָך אַרויס-געזאָגט אין יאָר 1908, ווען איך האָב געשריבן די הקדמה צו מיין ווירטשאַפטס-געשיכטע פון יידן אין פוילן, אַז פאַר אונזער מאָדער-נעם באַוואוסטזיין קלעקט נישט מער דאָס בילד פון דעם „שבתדיקן ייד מיט זיין יום-טובדיקער נשמה", וועלכעס איז אונז באַוויזן גע-וואָרן דורך דעם עלטערן דור יידישע געשיכטס-פאָרשער, נייערט אַז מיר גאַרן „צו באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פון דעם יידנס וואָכעדיקע טעג", מיט דער געשיכטע פון יענע, ס'רוב אַנאָנימע „הונדערטער טויזנטער, וואָס האָבן אויסגעשפּונען אַ זכר פאַרן עתיד... פון זייער מי און האָראָוואַניע..." ביים היינטיקן טאָג איז שוין איבע-ריק צו באַרעכטיקן דאָסדאָזיקע באַדערפעניש. היינט קאָנען מיר נאָר באַדויערן, וואָס דער קוועלן-שטאָף און די ווירטשאַפטס-געשיכטלעכע מאָנאָגראַפיעס, וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די לעצטע צוויי יאָרצענדליק, באַפרידיקן בלויז אין אַ קלײנער מאָס דאָס דער-וועקטע באַדערפעניש. „מען מוז מודה זיין — באַקלאָגט זיך אונזער גרויסער געשיכטס-שרייבער, פּראָפ. ש מ ע ו ן ד ו ב נ אָ וו — אַז אין דער יידישער געשיכטע איז דער עקאָנאָמישער טייל ביז דער לעצ-טער צייט נישט געווען באַאַרבעט אין אַ געהעריקער מאָס און אויך נישט אין אַ גלייכער מאָס פאַר אַלע פעריאָדן. דאָס איז גאַנץ פאַר-

שטענדלעך, ווען מען דערמאנט זיך, אַז די אייראָפּעישע פעלקער האָבן צו טאָן מיט אַ צייט-רוים פון העכסטנס טויזנט יאָר און דאָס אויך אויף איין טעריטאָריע; דער יידישער היסטאָריקער האָט אָבער צו טאָן מיט אַ דרייטויזנט-יאָריקער געשיכטע אויף טעריטאָריעס פון דער גאַנצער וועלט. דאָס איז אָבער קיין תירוץ נישט קעגן דער נויטיקייט אַריינצופירן דעם עקאָנאָמישן עלעמענט אין אונזער געשיכטע, אויף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך *)". ריכטיק אַזוי, ס׳איז טאַקע קיין תירוץ נישט.

עס וועט זיכער טרעפן, אַז מען וועט מיך צוליבן דאָזיקן בוך באַצייכענען אַלס אָנהענגער פון דער „מאַטעריאַליסטישער געשיכטס-באַנעמונג". מען האָט אַזוי געמאַכט פריער נאָך, אין צוזאַמענהאַנג מיט מיינע פריערדיקע ווירטשאַפטס-געשיכטלעכע מאָנאָגראַפיעס. אויב מען פאַרשטייט אונטער „מאַטעריאַליסטישער געשיכטס-באַנעמונג" אַן אויפפאַסונג, וואָס לייקנט-אָפּ דאָס ווירקן פון וועלכע ס׳איז אידעישע מאָטיוון אין דער געשיכטע, מוז איך פעסטשטעלן, אַז איך האָב מיט אַזאַ רויער און פרימיטיווער געשיכטס-אויפפאַסונג קיין שום שייכות נישט. איך בין קעגן אַ „מאַטעריאַליסט" אין דעם זין, וואָס איך זע אין די ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן אַן אומגעהויערן סטימול פאַר דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג און וויל דאָס וויסנשאַפטלעך בולט מאַכן. די „מאַטעריאַליסטישע געשיכטס-באַנעמונג" אַלס איינער פון די זיכערסטע פאָרשונגס-מעטאָדן — דערפון האַלט איך. איך האַלט אָבער נישט דערפון, אַז אַ מעטאָד זאָל דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פון אַ וועלטאַנשויונג.

אייניקע ווערטער נאָך וועגן דער טעכניק פונם דאָזיקן בוך: דער לעזער פון דעם ווערק וועט באַמערקן אַ גרויסע דיספּראָפּאָרץ אין דער באַהאַנדלונג פון דער תקופה, ביז דער העלפט פון

---

*) פאַרגל. דובנאָווס אַרטיקל: „וואָס פעלט אין „אונזער געשיכטע" (אין „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק", אַרויסגעגעבן פון „ייוואָ", בערלין 1928.

14-טן יאָרהונדערט און דער תקופה, וואָס נעמט אַרום די לעצטע 150 יאָר פונם מיטלאַלטער.

די דיספּראָפּאָרץ נעמט זיך נישט בלויז דערפון, וואָס פאַרן פריען מיטלאַלטער זענען פאַרבליבן אָן אַ פאַרגלייך ווייניקער מאַ-טעריאַלן, ווי פאַר די שפּעטערדיקע צייטן. זי איז אַנטשטאַנען אויך דערפון, וואָס פאַר דער צייט ביזן י. 1350 פאַרמאָגן מיר אין דעם ווערק פון געאָרג קאַראָ אַ זייער אויספירלעכע באַהאַנדלונג, אַזוי, אַז איך האָב געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק אַריבערצוטראָגן דעם שווער-פונקט אין דער שפּעטערדיקער תקופה, פאַר וועלכער ס'פעלט לגמרי אַ סינטעטישע באַאַרבעטונג, און איך האָב זיך מיט איר פאַרנומען באַריכות. אגב, איז די באַהאַנדלונג פון דער שפּעט-מיטלאַלטערלעכער תקופה אַ סך אַ שווערערע אויפגאַבע סיי צוליב דער גרויסער מענגע מאַטעריאַלן, וואָס באַלאַנגען צו איר, סיי צוליב דעם זייער קאָמפּלי-צירטן כאַראַקטער פון דעם קוועלן-שטאָף.

איך האַלט פאַר נויטיק אָנצווייזן נאָך אויף אַ צווייטן מאָמענט, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן ביים דאָזיקן בוך: דאָס איז דער מאַנגל פון קוועלן-ציטאַטן. ווען איך וואָלט ביי יעדן פּרט, וועלכן איך ברענג אין דעם בוך, געוואָלט ציטירן די באַטרעפנדיקע קוועלע, וואָלט דאָס ווערק אויסגעוואַקסן ווייניקסטנס אויף 2 ביז 3 מאָל אַזויפיל זייטן און דאָס וואָלט עס, נאַטירלעך, שטאַרק פאַרטייערט. האָב איך זיך טאַקע געמוזט אָפּזאָגן פון די קוועלן-ציטאַטן, וואָס בילדן די כאַראַקטעריסטישע „אָרנאַמענטיק" פון וויסנשאַפט-לעכע ווערק און איך ברענג דערפאַר ביים סוף פון בוך, ווי אַ געוויסן עקוויוואַלענט, אַ רשימה פון די וויכטיקסטע קוועלן-זאַמלונגען און מאָנאָגראַפיעס, מיט וועלכע איך האָב זיך באַנוצט ביי דער אַרבעט. מיין געוויסן באַרואיק איך דערמיט, וואָס דער ספּעציאַליסט וועט סיי ווי לייכט קאָנען נאָכקאָנטראָלירן די ריכ-טיקייט פון די פאַקטן, וועלכע איך ברענג אין דעם בוך. פאַר-קערט, ווידער, דער געוויינלעכער לעזער (און אַזעלכע וועלן

האָפֿנטלעך זײַן אין דער מערצאָל) וועט די ״סדרדיקע קוועלן-ציטאַטן אַוודאי מוזן שפּירן, ווי אַן אומנויטיקן באַלאַסט.

איך האַלט פֿאַר מײַן ערן-חוב אָפּצודאַנקען דעם פֿאַרלאַג „צענט-ראַל״ דערפֿאַר, וואָס ער האָט נישט געשפּאָרט קיין מי און קיין געלט, אַז דאָס בוך זאָל, ווי געהעריק, אַרויסגעגעבן ווערן.

דער מחבר.

וואַרשע, אין מערץ 1930.

מיטלאַלטער

קאַפּיטל איינס

דאָס יידישע ווירטשאַפטס-בילד ביים סוף פון אַלטערטום

§ 1 די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די יידן.

בכדי זיך צו שאַפן אַ קלאָרן באַגריף וועגן דער ווירטשאַפטלעכער ראָלע, וועלכע די יידן האָבן געשפּילט בעת דעם פריען מיטלאַלטער, איז קודם-כל כדאי צו באַטראַכטן דאָס יידישע ווירטשאַפטס-בילד אַזוי, ווי עס שטעלט זיך פאָר ביים סוף פון אַלטערטום. ווי טיף עס זאָל אין פלוג נישט זיין דער תהום, וואָס צעשיידט דאָס וועלט-בילד ביים סוף פונם אַלטערטום פון דער תקופה, אַ שטייגער, אין וועלכער עס איז שוין געווען אויסגעבילדעט די פעאָדאַלע אָרדענונג פון מיטלאַלטער, וואָלט פאָרט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז עס פעלן לגמרי בריקן, וואָס פאַרבינדן דידאָזיקע וויט-אָפּגעשיידטע תקופות, די געשיכטע איז ווי אַ א שטיק נאַטור, און די נאַטור ווייסט נישט פון קיין פלוצלונגדיקע שפרונ-גען, אַזוי איז עס אויך מיט דער יידישער סאָציאַל-און ווירטשאַפטס-גע-שיכטע. וויל מען, אַ שטייגער, ווי געהעריק, באַנעמען איר פיזיאָנאָמיע בעת דעם פריען מיטלאַלטער, דאַן מוז מען געדענקען, אַז אַ ריי כאַראַק-טעריסטישע שטריכן אירע שטאַמען נאָך פון אַלטערטום.

אַזוי־אַרום קאָן אונז דאָס יידישע ווירטשאַפטס-בילד ביים סוף פון אַלטערטום דינען ווי אַ מין פאָרגעשיכטע פאַר דער יידישער עקאָ-נאָמיק אין דער מיטלאַלטערלעכער תקופה און אַזוי וועלן מיר עס אויך טאַקע ווייטער באַהאַנדלען.

פאַר אונזער צוועק איז פולקום גענוג, ווען מיר וועלן אָנהויבן אונ-זער איבערבליק איבער דער אַלטערטימלעכער יידישער ווירטשאַפטס-גע-שיכטע — פון יאָר 70 פון דער אייראָפּעישער צייטרעכענונג, דאָס הייסט פון חורבן בית שני און פונם אונטערגאַנג פון דער יידישער מלוכה.

וי האָט אויסגעזען דיווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די יידן אין ארץ־ישראל און אין חוץ-לארץ?

נאָך דעם חורבן בית שני און בפרט נאָך די שאַרפע רעפּרעסיעס צוליב דעם אויפשטאַנד אונטער בר־כוכבאן (132—135) איז די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די יידן אין ארץ־ישראל געפאַלן אויף אַ געוויסער צייט, פאַמעלעך קומט אָבער דאָס פאָלק צו זיך און עס אַנטוויקלט אין דערדאָזיקער שלום-צייט אַ טעטיקייט, דער עיקר אין צוויי ריכטונגען: לאַנדווירטשאַפט און האַנטווערקעריי. דער האַנדל פון די פּאַלעסטינער יידן און זייערע קרעדיט-געשעפטן קענען אויסגעוויזן ווערן בלויז אין באַשיידענע גרענעצן. די יידן האָבן דעמאָלט פאַרשטאַנען אַ סך בעסער אָפּצושאַצן דעם ווערט פון ערד-אַרבעט און מלאכה ווי די רוימער און גריכן, מען האָט, אַ שטייגער, באַרעכנט, אַז פון די חכמי-התלמוד האָבן מער ווי הונדערט געלעבט פון מלאכה, וואָס איז געווען פאַרהאַסט ביי די קלאַסישע פעלקער פון אַלטערטום. זיי זענען געווען וועבער, שמידן, גאָלד- און זילבער-אַרבעטער, שוסטער און אַזוי ווייטער. אויב מען טרעפט ביי אַ טייל פּאַלעסטינער יידן פון יענער צייט גרעסערע פאַרמעגנס, זענען עס געווען מענטשן פונם קלאַס ערד-באַזיצער און פי-ציכטער. אַזוי, אַ שטייגער, איז וועגן דעם תּנא ר׳ יהודה הנשיא (2־טע העלפט פון 2-טן י״ה) אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל, אַז „זיינע פי-שטאַלן באַטרעפן מער ווי די שאַץ-קאַמערן פונם פערסישן מלך”. באַוואוסט זענען אויך געווען די גרויסע אוצרות פון זיין אייניקל, ר׳ יהודה נשיאָה. נאָך דער טיילונג פון דער רוימישער אימפּעריע אויף אַ מערבדיקער און אַ מזרחדיקער קומט פאָר אַ טיפער איבערברוך אין דער לאַגע פון די יידן אין ארץ-ישראל, אויף דער באַפעלקערונג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ מוראָדיקער דרוק פון כלערליי שטייערן; זי האָט געמוזט צאָלן אַ חוץ קאָפּ-שטייערן — שטייערן פון האַנטווערקעריי און ליפערן אין דער פאָרם פון נאַטור־שטייערן אַ טייל פון דעם תבואה־שניט, ווי אויך פון די אויסגעהאָדעוועטע בהמות. די אָרעמקייט איז צוליב דעם שטייער-דרוק געוואָרן אַזוי גרויס, אַז אין 4-טן י״ה זענען די נשיאים נישט געווען מער אימשטאַנד צו דערהאַלטן זייער אַמט מיט אייגענע מיטלען און זיי האָבן זיך געמוזט ווענדן צו די אויסוואַרטיקע קהילות נאָך שטיצע. אין י. 352 האָט דער שטייער־דרוק אפילו אַרויסגערופן אַן אויפשטאַנד פון די יידן, נאָר דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן און די שטייערן זענען נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן,

אַנדערש איז געווען אין דערזעלבער צייט ווייטער צו מזרח-צו, אין בבל. דאָ האָט געבליט ממש אַ יידישע מלוכה, וואָס איר עפּנט-

לעבער פאַרשטייער איז געווען דער ריש-גלותא. די באַשעפטיקונג פון די יידן אין בבל איז געווען דערהויפט לאַנדווירטשאַפט און אַלערהאַנט מלאכות. אַזוי ווי דעמאָלט זענען נאָך געווען אין דער געגנט פון טייך פּרת אַ סך פרייע לאַנד-שטחים, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין באַלע-באַטים, האָט יעדער איינער, וואָס האָט אויף זיך גענומען צו צאָלן דער-פון ערד-שטייער, געמעגט ווערן דער אייגנטימער פון שטיקער איבער-גענומענעם באָדן. אַ טייל יידן פון בבל האָבן זיך ווידער פאַרשאַפט גרויסע פאַרמעגנס דורך גרויס-קאַפּיטאַליסטישע געלט-געשעפטן. ווי אַ שטייגער, צאָל-אַרענדעס. פון די רייכע בבלישע יידן ווערן דערמאָנט: חמא בר עקילאי (סוף פון 3-טן י״ה), ר׳ הונא, דער ראש-ישיבה פון סירא, וואָס זיינע סטאַדעס האָבן זיך געפיטערט אין די סטעפּעס פון דרום-בבל, דער באַרימטער אמורא רבא (4-טער י״ה) און אַ סך אַנדערע. די רייכע יידן האָבן דאָ מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אייגענע קאַסטע, אַ מין פּאַטריציער-קלאַס.

און ווי האָט עס אויסגעזען מיט די יידן אין די גלות-לענדער אין מערב-זייט פון ארץ-ישראל?

עס קאָן נישט דערוויזן ווערן דורך בפירושע ראיות, אַז די יידישע אויסוואַנדערער, וואָס דער וועג האָט זיי געפירט אין מערב-זייט פון פּאַ-לעסטינע, זענען געווען דער עיקר סוחרים—הענדלער. אַלס הענדלער-פעלקער „פּאַר עקסצעלאַנס" טרעטן אַרויס בייַם סוף פון אַלטערטום די גריכן און די סיריער, אָבער לגמרי נישט די יידן. „אַ ספּעציעלע ליבע צו דער האַנדלס-פּרנסה — זאָגט דער באַוואוסטער פאָרשער פּראַנץ דעליטש — ווייזט זיך אין ערגיץ נישט אַרויס ביים יידישן פאָלק, ווען מיר קוקן פון 1-טן קריסטלעכן יאָרהונדערט אויף צוריק, ווי ווייט עס לאָזט זיך נאָר און אויף אַן ערך אַ האַלב יאָרהונדערט פאָ-רויס". ווי מיר וועלן אָבער ווייטער זען, לאָזט זיך דאָסדאָזיקע „האַלבע יאָרהונדערט" פון זינט דעם 1-טן י״ה גרייַלעך פאַרלענגערן און פאַרבייטן אויף אַ האַלב יאָר-טויזנט — און דאָס וועט מער שטימען מיטן אמת. אַ סך נאָענטער צום אמת, ווי דעליטש, איז דער באַרימטער פאָרשער פון האַנדלס-רעכט, ל. גאָלדשמידט, וועלכער מאַכט, אויפן סמך פון גרינטלעכע אויספאָרשונגען, אַזאַ אויספיר וועגן די יידן: „אַ האַנדלס-פאָלק איז דאָס יידישע פאָלק (בעת דעם גאַנצן אַלטערטום) נישט געווען". אין דער רוימישער אימפּעריע האָבן די יידן אין ערגעץ נישט געבילדעט קיין קלאַס, וואָס זאָל זיין ווירטשאַפטלעך אַנדערש גע-פורעמט ווי די איבעריקע באַפעלקערונג, אַזוי ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין אַ טייל אייראָפּעישע לענדער בעת דעם מיטלאַלטער. וואו עס

האָט זיך געלאָזט, האָבן זיך די יידן ביים סוף פון אלטערטום אָפּגעגעבן מיט לאנדווירטשאפט, וואָס איז צו זיי אריבער אין א געווּיסן זין בירושה — אָדער זיי האָבן זיך באטייליקט אין די אינדוסטריעס, וואָס זענען געווען פארשפרייט אין די לענדער פון דער דיאספּאָרע.

בלויז ביי די יידן אין אלעקסאנדריע געפינט מען, אז אין אלטערטום האָבן זיי געשפּילט א געוויסע ראָלע אין האנדל און קרעדיט־געשעפטן. אזוי, א שטייגער, דערמאָנט פילון האלכסנדרוני בפירוש יידן — באלעבאטים פון שיפן און גרויסע סוחרים, וואָס האָבן געלעבט אין דער בארימטער עגיפּטישער האנדלס־שטאָט. מאנכע פון זיי האָבן געטריבן א גרויסן קאָרן־האנדל, און א דאנק דעם האָט זיי די עגיפּטישע רעגירונג טייל מאָל אָנגעטרויט אזעלכע אמטן, ווי די קאָרן־פּארוואלטונג. זיי האָבן אויך געהאט א געוויסע אויפזיכט איבער דער שיפעריי אויפן ים און אויף די טייכן. צווישן די אלעקסאנדרינישע יידן געפינען מיר אויך אזעלכע, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט גרויס־קאַפּיטאליסטישע ארענדע־געשעפטן, ווי די ארענדע פון צאָל און פון כלערליי שטייערן. באזונדערס רייך זענען געווען די יידישע פּאַרשטייער אין אלעקסאנדריע, די אזוי־גערופענע אלאבארכן: דער אלאבארך אלעקסאנדער האָט געגעבן דעם קיסר אגריפּוס א הלוואָה פון 200.000 דראכמען; דערזעלבער איז אויך געווען דער געשעפטס־פירער ביי דער מוטער פונם קיסר קלאוודיוס. זייער רייך איז אויך געווען דער אלאבארך דעמעטריוס. אין דער אפּאָסטאָלן־געשיכטע ווערט דערמאָנט אן אלעקסאנדרינישער ייד, וואָס איז געווען שאצמייסטער ביי דער עטיאָפּישער מלכה קאנדאקע.

די בלוטיקע רדיפות, וועלכע די אלעקסאנדרינישע יידן האָבן געהאט אויסצושטיין אין די יאָרן 116—117, האָבן אויף א לאנגער צייט פּאראליזירט זייער ווירטשאפטלעכע טעטיקייט. זינט דער שחיטה אין י. 117 גייען אוועק מער ווי צוויי יאָרהונדערטער וואָס מען הערט גאָרנישט וועגן די יידן אין אלכסנדריה של מצרים — א סימן, אז זייער באדייטונג איז גאָר טיף געפאלן. ערשט ארום יאָר 390 באווייזן זיי זיך ווידער אין די היסטאָרישע קוועלן, און מיר הערן, אז מאנכע פון זיי האָבן זיך, ווי אין די אמאָליקע צייטן, פארנומען מיט שיפעריי און אז עס איז אין אלכסנדריה אנטשטאנען א באזונדער יידישער שיפער־צעך. לערך אין י. 415 זענען כמעט אלע יידן פארטריבן געוואָרן פון אלכסנדריה, זיי זענען אוועק אָרעמע און נאקעטע, וואָרים די פארמעגנס זייערע זענען דורך דעם המון צעראבירט געוואָרן. ביי וואָסער געלעגנהייט זיי האָבן זיך אומגעקערט

צוריק — וועגן דעם שווייגן די קוועלן, יעדנפאלס איז פון זייער אלטן גלאנץ נישט געבליבן מער קיין שפור.

וואָס שייך דערווירטשאפטלעכער טעטיקייט פון די יידן, וואָס האָבן בּיים סוף פון אלטערטום געלעבט אין גריכנלאנד—אויפן קאָנטינענט און אויף דער מענגע אינזלען — קאָן מען בלויז אזויפיל זאָגן, אז דער האנדל האָט ביי די גריכישע יידן געשפילט א קנאפע ראָלע. בכלל איז געווען אין דער ביזאנטינישער מלוכה גאָר א קנאפּ אָרט פאר האנדל, מחמת די ביזאנטינישע קיסריים האָבן פון דעם האנדל מיט מאסן־ארטיקלען, ווי זייד, ווייז, אייל, קאָרן וכדומה געמאכט א קייזערלעכן מאָנאָפּאָל.

זוכן מיר די שפורן פון יידישע קהילות ווייטער אין מערב-זייט, דאן פירט אונז דער וועג קיין איטאליע, פון דאנען האָט זיך עס פאנאנדערגעגאָסן דער שטראָם יידישע וואנדערער קיין שפאניע, גאליע און גערמאניע. געוויינלעך נעמט מען מיט א גזרה-שוה און מען כאראקטעריזירט די יידן אין דער מערבדיקער רוימישער אימפעריע אלס די פיאָנערן פון יענער ברייטער געלט-ווירטשאפט, וועלכע איז דאָ געווען אנטוויקלט עטלעכע יאָרהונדערטער פאר דער פעלקער-וואנדערונג. לאָזט זיך אָבער אזא מיינונג דורכאויס נישט באגרינדן מיט די קוועלן, וואָס זענען דערגאנגען צו אונז פון יענע צייטן. די סאָציאלע לאגע פון די יידן אין איטאליע איז דעמאָלט נישט געווען קיין גינסטיקע. מאטעריעל עקספּלאָאטירט דורך ספּעציעלע יידישע שטייערן, אראָפּגעדריקט אין א שווערער מאטעריעלער לאגע דורך כסדר אָנקומענדיקע יידישע וואנדער-מאסן פון מזרח, האָבן די יידן אין איטאליע, און בפרט אין רוים, געבילדעט א צאָלרייכן פּראָלעטאריאט. א גרויסער טייל האָט געלעבט אין דחקות, דערנערנדיק זיך פון דעם סאמע נידעריקסטן מין האנדל, דהיינו, פון ארומגיין איבער די הייזער מיט א ביסל סחורה. „פאר די יידן — ווייצלט זיך דער רוימישער סאטיריקער יובענאל — איז א בינטל היי און א קוישל די גאנצע בּאַלעבאטישקייט”. ענלעך קלינגט א סאטירע פון מארציאל: „עס בעטלט דער העברעער און עס רוט נישט דאָס טרערנדיקע אויג זיינס, ביז ער געפינט אן אָפּנעמער פאר זיינע שוועבל-העלצלעך”. א סך רוימישע יידן האָבן זיך געמאכט פאר א פרנסה וואָרזאָגעריי און פותר-חלומות זיין — א „פיינערע” פאָרם פון שנאָרעריי. לעבן דעמדאָזיקן יידישן לומפּנפּראָלעטאריאט האָבן אָבער אין רוים אויך געווירקט פּראָדוקטיווע עלעמענטן און דאָס זענען געווען די יידישע בעלי-מלאכות, וואָס האָבן אינם יידישן קווארטאל „אויף יענער זייט טיבער” געהאט זייערע וואר-

שטאָט און פאַבריקלעך, ווי גאַרבערייען, זאַלבן-פאַבריקלעך און ד. גל. אין דעמזעלבן צוזאַמענהאַנג זאָלן אויך דערמאָנט ווערן אייניקע אויפֿשריפֿטן, וואָס מען האָט געפֿונען אין די יידישע איטאַליעגישע קאַטאַקאָמבעס פֿון דער רוימער־צייט און וואו עס זענען פֿאַרבליבן ידיעות וועגן די פּראָפֿעסיעס פֿון די יידן. אַזוי, אַ שטייגער, ווערן דאָרט אָנגערופֿן אַ ריי יידן אַלס האַנטהערקער, קצבים, שניידער, שמידן און ד. גל. אמת, אין די קוועלן געפֿינט זיך אויך אַ ידיעה, אַז עטלעכע רייכערע יידן אין רוים האָבן זיך פֿאַרנומען מיט האַנדל, אָבער דערדאָזיקער האַנדל זייערער האָט זיכער נישט געהאַט קיין שטאַרקע ממשות, מחמת דער האַנדל איז דעמאָלט געלעגן דערעיקרשט אין די הענט פֿון די אַלעקסאַנדרינישע יידן, וועלכע זענען געווען — ווי שוין דערמאָנט — די געשעפֿטס-פֿירער פֿון אָנגעהעריקע צו די קייזערליכע פֿאַמיליעס און די פֿאַרמיטלער צווישן מזרח און מערב.

וואָס שייך די יידן אין די רוימישע פּראָווינצן, ווי שפּאַניע, גאַליע און גערמאַניע, לאָזט זיך דערוויזן מיט אַ ריי קוועלן, וואָס זענען צו אונז דערגאַנגען פֿון דער שפּעטערער קייזער-צייט, אַז זיי האָבן זיך דערעיקרשט פֿאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפֿט און נישט מיט מסחר. אין אַ קוועלע פֿון 4-טן י״ה ווערן דערמאָנט יידישע „קוריאַלן״, דהיינו, שטאָטישע באַאַמטע אין קעלן ביים ריין, און היות, ווי מען פֿלעגט דעמאָלט אַלס „קוריאַלן״ באַשטימען פֿאַרמעגלעכע ערד־באַזיצער, איז משער צו זיין, אַז די דערמאָנטע יידישע קוריאַלן זענען אויך געווען פֿון דעם קלאַס „פּאָסעסאָרן״ — ערד-באַזיצער. בערך אין יאָר 418 שרייבט אַ געוויסער בישאָף סעווערוס וועגן אַ יידן מיטן נאָמען טעאָדאָרוס, אַז ער פֿאַרמאָגט ערד-שטחים אויף דער אינזל מאַלאָרקאַ. די יידן אין שפּאַניע האָבן ביים סוף אַלטערטום געוואוינט נישט בלויז אין די שטעט, ווי גראַנאַדאַ (אגב, האָט די דאָזיקע שטאָט דעמאָלט געהייסן „יידן-שטאָט״) אין טאַראַגאָנאַ, נייערט אויך אין די דערפֿער, וואו זיי האָבן געהאַט וויינגערטנער, אייל-פֿלאַנצונגען און אַקער-פֿעלדער. זיי האָבן זייערע ערד-שטחים באַאַרבעט אַלס „קאָלאָנען״, דהיינו, אַלס פֿרייע פּויערים, און זיי האָבן זיך צומאָל אויך באַנוצט מיט שקלאַפֿן. ענלעך איז אויך געווען די לאַגע אין גאַליע. פֿון 4-טן און 5-טן י״ה זענען אונז פֿאַרבליבן ידיעות וועגן יידישע ערד-שטחים נישט ווייט פֿון נאַרבאָן און אין דער געגנט פֿון ליאָן און מאַקאָן.

עד כאן דאָס יידישע ווירטשאַפֿטס־בילד ביים סוף פֿון אַלטערטום. לאָמיר עס נאָך דערגאַנצן מיט אייניקע עיקרדיקע ידיעות וועגן דער

עפנטלעך־רעכטלעכער לאגע פון די יידן אין דער רוימישער אימפעריע.

§ 2 די עפנטלעך־רעכטלעכע און סאָציאַלע לאגע פון די יידן.

די שטעלונג פון דער רוימישער מלוכה לגבי די יידן איז אין אלגעמיין נישט געווען קיין פיינטלעכע. די יידישע רעליגיע ווערט פון רוים טאָלע־רירט, פונקט ווי אלע אנדערע קולטן, און די רעפּרעסיעס קעגן די יידן אין דער צייט פון דעם קיסר האדריאַן, און בפרט נאָך דעם אויפ־שטאנד אונטער בר־כוכבא, טראָגן מער א פּאָליטישן, ווי א רעליגיעזן כאראקטער. אין דריטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוסן פארשווינדן וועלכע ס'איז אונטערשיידן צווישן דער באפעלקערונג אינם צענטער פון דער מלוכה און דער באפעלקערונג אין די רוימישע פּראָווינצן, אזוי, אז די יידן באקומען אלע רעכט פון רוימישע בירגער, אויף וויפל זיי האָבן זיי ביז דעמאָלט נאָך נישט געהאט. ערשט אין 4־טן י"ה, ווען די קירך הייבט אָן אלץ שטארקער משפיע צו זיין אויף דער מלוכה־פּאָליטיק, מערקט זיך אן ענדערונג צום אומגינסטן פון די יידן. אין 5 טן י"ה ווערן פעסטגע־שטעלט א ריי יסודות פאר די יידן אין א קריסטלעכער מלוכה. אט־אויספירלעכסטן ווערן זיי באהאנדלט אין דעם עדיקט פון קיסר טע־אָדאָזיוס דעם צווייטן פון י. 438. לויטן דאָזיקן עדיקט ווערן די יידן אין פּרינציפּ באטראכט פאר „רוימישע בירגער", נאָר היות די מלוכה איז פאראינטערעסירט, אז דאָס קריסטנטום זאָל אין איר זיין די הערשנ־דיקע רעליגיע, ווערן דערפון געצויגן א ריי קאָנסעקווענצן, אומגינ־סטיקע פאר די יידן אלס באקערער פון אן „אונטערגעאָרדנטער" רע־ליגיע. די וויכטיקסטע קאָנסעקווענצן זענען: 1) די יידן ווערט פארבאָטן צו פארנעמען אמטן אין דער מלוכה; 2) דער ייד טאָר נישט קויפן קיין קריסטלעכע שקלאפן; 3) עס זענען פארבאָטן געמישטע חתונות צווישן יידן און קריסטן און 4) עס טאָרן נישט געבויט ווערן קיין נייע שולן, די דאָזיקע פארבאָטן זענען אָבער ס'רוב געבליבן אויפן פּאפיר, וואָרים עס זענען סיי פון דעמזעלבן י"ה, סיי פון די שפּעטערדיקע צייטן באוואוסט א ריי פאקטן, וועלכע באווייזן, אז די יידן האָבן נישט געקוקט אויף די געזעצלעכע פארבאָטן, פארנומען שטעלעס אלס באאמטע (בפרט אין די שטאָט־פארוואלטונגען) און אז זיי האָבן זיך אויף זייערע ערד־שטחים באנוצט אמאָל אויך מיט דער ארבעט פון קריסטלעכע שקלאפן.

נאָך איידער די דערמאָנטע געזעצלעכע יסודות האָבן געקאָנט מיט דער פולער קראפט ווירקן אין לעבן, איז די רוימישע אימפעריע פאר־שאָטן געוואָרן דורך דעם שטורעם־ווינט, וואָס האָט זיך אנטפּלעקט אין ־ער פאָרם פון דער פעלקער־וואנדערונג. די רוימישע אימפעריע איז

בעת דערדאָזיקער צייט פון „שטורעם און דראַנג" צעטיילט געוואָרן אין דער מזרחדיק־ביזאַנטינישער און אין דער מערבדיקער. בלויז אין דער ערשטער האָבן ווייטער געווירקט די דערמאָנטע באַגרענעצונגען פון די יידישע בירגער־רעכט. אין דעם מערבדיקן טייל פון דער אמאָליקער אימפעריע האָט זיך אָבער באַשאַפן א גאַנץ נייע סיטואַציע, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אז די באַגרענעצונגען זענען א לענגערע צייט בכלל נישט געקומען אין באַטראַכט.

קאַפּיטל צוויי

די יידן אין מיטל-און מערב-אייראָפּע און זייער סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכע לאַגע ביזן סוף פון אַכטן יאָרהונדערט

§ 3 די עפנטלעך-רעכטלעכע לאגע פון די יידן.

ווען עס זענען פון דעם פעלקער-שטורעם קעגן דער רוימישער מלוכה אנטשטאנען די ערשטע גערמאנישע מלוכות, זענען די מערב- און מיטל-אייראָפּעישע יידן אריינגעטראָטן אין דער נייער אָרדענונג אלס „ציוועס ראָמאני", ד״היינו' אלס „רוימישע בירגער". די יונגע דראָ-בערער-פעלקער האָבן די אונטערגעוואָרפענע רוימער איבערגעלאָזט ביים רוימישן געזעץ, וועלכעס איז אויך ווייטער געבליבן חל לגבי זיי. זייענדיק לויטן דאָזיקן געזעץ גלייכבארעכטיקט מיט דער איבעריקער „רוימישער" באפעלקערונג, האָבן זיך די יידן געפונען אין דערזעלבער לאגע, וואָס די רוימער, זיי האָבן געהאט דאָס רעכט פון פרייע מענטשן, צו באזיצן ערד און שקלאפן, צו האנדלען און צו וואנדלען און בכלל א ריי פרייהייטן, ווי אמאָל אין דער חרוב-געוואָרענער רוימישער אימ-פעריע.

דיידאָזיקע לאגע האָט געדויערט אזוי לאנג, ווי לאנג ס'האָט צווישן דער אלטער רוימישער באפעלקערונג און דעם רוב גערמאנישע שבטים עקזיסטירט א מחיצה, וואָס איז געווען א וויכטיקע שטערונג פאר א פארשמעלצונג פון די ראָמאנען מיט די גערמאנען. ווי אזא מחיצה האָט געמלעד, געווירקט דער רעליגיעזער אונטערשייד צווישן די ראָמאנען און דעם רוב גערמאנישע פעלקערשאפטן. די ראָמאנען האָבן באלאנגט צו דער קאטוילישער קירך, בעת די גערמאנען האָבן ס'רוב אָנגענומען דעם אריאניזם, דהיינו, א סעקטאנטישן גלויבן, וואָס איז

אין א ריי ד'אָגמעס אוועק פון אָרטאָדאָקסישן קאטויליציזם. מיט דער צייט ווערט אָבער די השפעה פון קאטויליציזם אַלץ שטארקער צווישן די גערמאנען און זיי גייען צו אים כסדר אריבער. דורכדעם ווערט פארשטארקט דער טעמפּאָ פונם אסימילירונגס־פּראָצעס צווישן די קאטוילישע רוימער און די קאטויליש־געוואָרענע גערמאנען. די רוימער ווערן אַלץ מער איינגעשרומפּן דורך דער גערמאנישער מערהייט און א פּועל־יוצא דערפון איז די דערשיינונג, וואָס דאָס רוימישע געזעץ ווערט אַלץ מער בטל, וואָרים אויף די אסימילירטע רוימער האָבן מיטן פארמישן זיך מיט די גערמאנען אָנגעהויבן חל צו זיין די שבטים־געזעצן פון די גערמאנען, דהיינו, די אזויגערופענע „געזעצן פון די בארבארן" (leges barbarorum). דיראָזיקע דערשיינונג באקומט א דעצידירנדע ווירקונג אויף דער עפנטלעך־רעכטלעכער לאַגע פון די יידן. צוליב דעם רעליגיעז־נאציאָנאלן אונטערשייד האָבן זיי זיך נישט אסימילירט מיט די רוימער און אַ פּשיטא שוין מיט די גערמאנען. ווי לאַנג די רוימער זענען נאָך געווען רוימער, האָבן די יידן אלס טייל פון די „רוימישע בירגער" צוזאמען מיט די איבעריקע רוימער גענאָסן פון די בירגערלעכע פרייהייטן, וואָס זענען פאר זיי געווען פארגאראנטירט דורך דער רוימישער געזעצגעבונג. מיט דעם מאָמענט אָבער, ווען דאָס רוימישע געזעץ הערט אויף, צוליב דעם דערמאָנטן אסימילאציע־פּראָצעס צווישן די רוימער און גערמאנען, חל צו זיין, ווערט צוגלייך בטל דער פונדאמענט פון די יידישע בירגערלעכע רעכט. דאָס רוימישע געזעץ ווערט לגבי זיי נישט מער אנערקענט און פון דער אנדערער זייט קאָנען זיי אויך נישט געניסן פון דעם שוץ, וועלכן עס גיבן פאר דער באפעלקערונג די גערמאנישע שבטים־געזעצן, מחמת פון דעם שוץ קאָנען מאכן א געברויך בלויז יענע עלעמענטן, וואָס געהערן צו די שבטים. די יידן באלאנגען נישט, צוליב די רעליגיעזע נאציאָנאלע אונטערשיידן, צו אזעלכע עלעמענטן. ס'איז דעריבער געשאַפן געוואָרן אזא סיטואציע, אז די יידן זענען צווישן די גערמאנישע פעלקער און די מיט זיי אסימילירטע רוימער געבליבן ווי פרעמדע וואָס געניסן נישט פון קיין שום שוץ, פון קיין שום געזעץ און וואָס זענען דעריבער „פייגל־פריי", הפקר און א יעדערער קאָן טון מיט זיי וואָס אים געפעלט, נישט מורא האָבנדיק פאר קיין שום שטראָף.

אזוי זעט אויס די לאַגע אין אייניקע גערמאַנישע מלוכות שוין ביים סוף פון 6־טן י"ה, און אין אנדערע — בעת דעם 7־טן י"ה. לגבי די יידן גילט אין יענער צייט דאָס „פרעמדן־רעכט", און דאָס הייסט אז זיי זענען רעכטלאָז. בכדי זיך צו שאפן א געזעצליכן יסוד פאר

לעבן, אום נישט צו זיין אלס פרעמדע פולשטענדיק הפקר, האָבן די יידן בלויז איין איינציקן וועג, און דאָס איז דער וועג צום אָנפירער מיטן שבט, צום קעניג אָדער פירשט, ביי וועלכן מען איז זיך משתדל וועגן אינדיווידועלע אָדער קאָלעקטיווע פריווילעגיעס, וואָס גאָרמירן געוויסע גאַראַנטיעס פאַר דעם לעבן און פאַרמעגן פון די שוץ-באַדערפטיקע. פאַר אַזעלכע פריווילעגיעס מוזן, פאַרשטייט זיך, די יידן פאַרזיכערן דעם שוץ-האַר זייערן א געוויסן נוצן סיי אין דער פאָרם פון מתנות, וואָס ווערן דעם שוץ-האַר גלייך ביים באַקומען די פריווילעגיעס איבערגעגעבן, סיי אין דער פאָרם פון געוויסע שטייערן און אָפּצאָלונגען, וועלכע די יידן פאַרפליכטן זיך אַריינצוטראָגן לטובת דעם שוץ-האַר. די עלטסטע פריווילעגיעס פונם דאָזיקן מין זענען צו אונז דערגאַנגען פון דעם אָנהויב פון 9-טן י"ה, און די וויכטיקסטע באַשטימונגען זייערע לאָזן זיך פאָרמולירן אין פאָלגנדיקע פונקטן: 1) לגבי די יידן איז חל דער פּרינציפּ פון טאָלעראַנץ. „אַזוי ווי די יידן לעבן צווישן אונז — רעדט זיך אין די פּריווילעגן — דאַרפן מיר זיין טאָלעראַנט לגבי זייער לעבן, זייער געזונט און זייערע פאַרמעגנס;" 2) די יידן באַקומען שוץ פאַר זייער האַנדל און וואַנדל און צומאָל אויך פאַר זייער אומבאַוועגלעך האָב און גוטס; 3) אַלס „קעניגלעכע" סוחרים ווערן זיי באַפרייט פון צאָל-אָפּצאָלונגען און פון מלוכהשע שטייערן; 4) דערפאַר אָבער זענען זיי מחויב אויסצופירן געוויסע האַנדלס-געשעפטן לטובת דעם קעניג, און צו געבן אים א טייל פון די פאַרדינסטן (אין דעם מערבדיקן פראַנקן-לאַנד באַטרעפט ער 10% פונם ריווח, בעת די נישט-יידישע סוחרים צאָלן בלויז 9%).

לאָמיר איצט זען, וואָס פאַר א ווירקונג האָבן געהאַט די געשילדערטע פאַרהעלטענישן אויף דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די יידן.

§ 4 דער יידישער ערד-באַזיץ.

די גערמאַנישע שבטים, וואָס האָבן זיך אַלס דעראָבערער באַזעצט אויף די טעריטאָריעס פון דער חרוב-געוואָרענער רוימישער אימפּעריע, פלעגן מיט דער אָרטיקער רוימישער באַפעלקערונג מאַכן א חלוקה, לויט וועלכער די גערמאַנען פלעגן באַקומען דעם גרעסערן טייל קולטור-לאַנד און די רוימער דעם קלענערן טייל פעלדער. געוויינלעך האָט די פּראָפּאָרציע ביי דער חלוקה באַטראָפן 1:2, דאָס הייסט, אַז די גערמאַנען פלעגן פאַר זיך נעמען צוויימאָל אַזוי פיל ווי די רוימער. אַזוי איז געווען בדרך כלל, אָבער עס פלעגן אויך פאָרקומען ערד-טיילונגען לויט אַנדערע פּראָפּאָרציעס. ווי שוין דערמאָנט, האָבן די יידן געגאָלטן ביי די גערמאַנען לכתחילה אַלס „רוימישע בירגער" און דעריבער לאָזט זיך

משער זיין, אז די יידן האָבן פונקט ווי די רוימער געהאט א רעכט צו פאָדערן ביי די גערמאַנישע דעראָבערער, אז מען זאָל איבערלאָזן אן אנטשפּרעכנדיקן חלק פעלדער און וועלדער. דידאָזיקע השערה ווערט באשטעטיקט דורך א ריי היסטאָרישע ידיעות פון סוף אלטערטום און אָנהויב מיטלאלטער. אינם שיין פון דידאָזיקע ידיעות זעט מען די יידן דערהויפּט אלס ערד-אייגנטימער, פרייע פויערים („קאָלאָנען"). ביי די יידישע קוריאלן — פּאָסעסאָרן, וואָס באווייזן זיך אין קעלן ביים ריין אין 4-טן י"ה, האָבן מיר זיך שוין אין פּאָריקן קאפּיטל געהאט אָפּגעשטעלט. דאָסגלייכן אויך ביי די יידן — ערד-באזיצער און פויערים אויף דער אינזל מאלאָרקא, אין שפּאניע און גאליע. א רייכער מאטעריאל וועגן יידישן ערד-באזיץ איז אונז אויפגעהיט אין די בריוו פון דעם פּויפּסט גרעגאָר I (דאָס 6-טע י"ה). מיר לייענען דאָ וועגן יידישע לאנדווירטן אין לאָמבארדיע און סיציליע, וואָס ביי זיי האָבן געארבעט א סך קריסטלעכע שקלאפן. אזוי שרייבט איינמאָל דער פּויפּסט צום בישאָף פון לונא (אין טאָסקאנא), אז ער איז קעגן דעם, אז קריסטן זאָלן ארבעטן אלס שקלאפן ביי יידישע גוט-באזיצער, אָבער ער איז מסכים, אז זיי זאָלן ביי די יידן באשעפטיקט זיין, ווי קאָלאָנען. אין א אנדערן בריוו דערמאָנט דער פּויפּסט וועגן יידן-קאָלאָנען, וואָס באארבעטן די פעלדער פון דער קירך אין סיציליע. אין דעמזעלבן צוזאמענהאנג איז אויך כדאי צו דערמאָנען א ריי פאראָרדענונגען פון דער קירך, וואָס זענען ארויסגעגעבן געוואָרן אין אָרלעאן (אין די יאָרן 538 און 541), מאקאָן (581) און טאָלעדאָ (589) און וואָס לויט זיי ווערט די יידן פארווערט צו האלטן קריסטלעכע שקלאפן — א ראיה, אז אין גאליע און שפּאניע, וואו עס זענען דורך די גלחים-צוזאמענפאָרן ארויסגעגעבן געוואָרן דידאָזיקע פאראָרדענונגען, האָבן אין יענער צייט, דהיינו אין 6-טן י"ה געלעבט א סך יידן — ערד-באזיצער, וואָס האָבן באארבעט זייערע פעלדער מיט דער הילף פון קריסטלעכע שקלאפן, וואָרים שוין דער פאקט גופא, וואָס דער איסור ווערט אזוי אָפט איבערגעחזרט, באווייזט, אז מען האָט אים אין דער לעבנס-פּראקטיק נישט אָפּגעהיט.

דער יורידישער יסוד, אויף וועלכן עס האָט באזירט דער יידישער ערד-באזיץ, איז געווען דאָס רוימישע געזעץ, און דעריבער קומט אויך פאָר אן אנטשיידענע ווענדונג אין דער געשיכטע פון דער יידישער לאנדווירטשאפט. זינט עס האָט אויפגעהערט חל צו זיין לגבי די יידן דאָס רוימישע געזעץ און זינט זיי האָבן אָנגעהויבן צו גילטן אלס פרעמדע, ווערט באטראכט פאַר

„פייגל-פריי", הפקר. ווי שוין פריער דערמאָנט, קומט פאָר דיראָזיקע חענדונג אין א טייל גערמאַנישע מלוכות שוין ביים סוף פון 6-טן י"ה, אין אנדערע אין משך פון 7-טן י"ה. צוליב דער נייער אָרדענונג האָבן א סך יידן, נישט האָבנדיק מער קיין געזעצלעכן שוץ פאר זייער ערד-באזיץ, געמוזט פארקויפן זייערע אומבאוועגלעכע פארמעגנס. דערביי האָט אויך שטארק מיטגעווירקט דער פאקט, וואָס די גערמאַנישע קעניגן און הארן האָבן זיך אַלץ מער געלאָזט סטימולירן דורך דער קאטוילישער קירך, וועלכע האָט די יידן פארבאָטן צו באנוצן זיך מיט קריסטלעכע שקלאפן. זיי האָבן אָפט אָנגענומען זייער שארפע מיטלען קעגן די יידן, וועלכע האָבן נישט אָפגעהיט דיראָזיקע פארבאָטן. דאָס האָט, פארשטייט זיך, געוואלדיק פארשווערט די לאגע פון די יידישע ערד-באזיצער און בפרט פון די באזיצער פון גרויסע ערד-שטחים, וואו מען האָט נישט געקאָנט אויסקומען אָן דער הילף פון שקלאפן. אממערסטן האָט זיך די לאגע פון די יידישע ערד-באזיצער פארשארפט אין שפאניע, וואו עס האָבן דעמאָלט געהערשט די וועסטגאָטן. די וועסטגאָטישע מלכים האָבן געפירט א דורכאויס קלעריקאלע פאָליטיק, און הגם די יידן זענען אין שפאניע נאָך ביז דער העלפט פון 7-טן י"ה באטראכט געווען אלס „רוימישע בירגער" (דאָס רוימישע געזעץ איז דאָ אָפגעשאפט געוואָרן ערשט ארום יאָר 654), האָבן די קעניגן עטעמערם באדראָט די יידן מיט רדיפות, גירושים און פארמעגנס קאָנפיסקאציעס, אויב זיי וועלן באשעפטיקן אויף זייערע נחלאות קריסטלעכע שקלאפן. היות אָבער, ווי עס איז שווער געווען צו באקומען הײדנישע שקלאפן, האָבן די יידישע ערד-באזיצער, נישט ווילנדיק זיך אָפזאָגן פון דער הילף מצד די קריסטלעכע שקלאפן און נישט ווילנדיק ריזיקירן דערביי מיט הארבע שטראָפן, געמוזט נישט איינמאָל אָנטון אויף זיך די מאסקע פון מאראנעטום און זיך לאָזן ישמדן.

אין פראנקאָניע און גאַליע האָבן די יידן געפרואווט אָפצוראטעווען דעם אומבאוועגלעכן באזיץ זייערן דורך ספעציעלע פריווילעגיעס מצד די שוץ-הארן. דאָס האָט זיך אָבער איינגעגעבן בלויז יחידי סגולה, וואָס האָבן געהאט די נויטיקע פארבינדונגען מיט די הויפן און די נויטיגע געלטער אויף צו באצאָלן פאר די פריווילעגיעס. ווי נישט איז, האָט הן די ווענדונג אין דער עפנטלעך-רעכטלעכער לאגע, הן די פארשטארקטע רעפרעסיעס קעגן די יידישע לאנדווירטן, וואָס האָבן געהאלטן קריסטלעכע שקלאפן — דערפירט דערצו אז דער יידישער ערד-באזיץ האָט נישט מער געקאָנט שפילן אזא באדייטנדיקע

ראָלע אינם יידישןווירטשאפטס-לעבן, ווי ער האָט געשפּילט ביז לערך דעם סוף פון 6-טן, און אין מאנכע גערמאנישע מלוכות, נאָך ביז דער העלפט פון 7-טן י"ה.

§5 דער שקלאפן-האנדל.

אין אן ענגען צוזאמענהאנג מיט דער יידישער לאנדווירטשאפט שטייט דער שקלאפן-האנדל, מיט וועלכן עס באשעפטיקן זיך די יידן אין פריען מיטל-אלטער. צוליב די גרויסע שוועריקייטן, אויף וועלכע עס האָט זיך אָנגעשטויסן דער באזיץ פון קריסטלעכע שקלאפן, האָבן די יידן געמוזט מאכן ווייטע אויסלענדישע נסיעות, בכדי איינצוקויפן הייִדנישע שקלאפן און מיט זיי צו באזאָרגן די יידישע לאנד-ווירטשאפט, בפרט דעם גרעסערן ערד-באזיץ. א באזונדערס גרויסער האנדל מיט שקלאפן איז געטריבן געוואָרן אין איטאליע. פון די שוין דערמאָנטע בריוו פונם פויפסט גרעגאָר I זעט מען ארויס, אז שוין אין 6-טן י"ה פלעגן אין רוים און נעאפעל פאָרקומען עפנטלעכע שקלאפן-ירידים. אגב, האָט דער פויפסט אליין געלאָזט פאר זיך איינקויפן אנגלאָ-זאקסישע שקלאפן. נישט קעגן דער שקלאפעריי, אלס אזעלכער, האָט געקעמפט די קירך, נייערט קעגן דעם האלטן קריסטלעכע שקלאפן. די איטאליענישע יידן, וועלכע האָבן שטארק געליטן פון גרעגאָרס רעפרעסיווע מיטלען — מחמת זיי פלעגן אָפט מאכן טייערע נסיעות קיין גאליע, אום דאָרט איינצוקויפן שקלאפן — האָבן זיך געכאפט פאר פארשידענע פאָרטלען, בכדי צו דערגרייכן זייער ציל. אזוי, א שטייגער, האָט א נעאפּאָלער ייד, א געוויסער באזיליוס, לפנים געלאָזט שמדן זיינע זין, בכדי צו פירן דעם שקלאפן-האנדל אונטער דער פירמע פון די משומדים. אן אנדערער יידישער שקלאפן-הענדלער איז ווידער געבליבן ביי זיין פרנסה א דאנק דעם, וואָס ער האָט איבערקויפט די באאמטע.

אין שפאניע האָבן, נישט געקוקט אויף די פאַרבאָטן פון דער קירך, די גלחים אליין געשטיצט די יידישע שקלאפן-הענדלער און זיי פארקויפט צומאָל אויך קריסטלעכע שקלאפן. זיי ווערן צוליב דעם שטארק אויסגעמוסרט דורך דעם קירכן-צוזאמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין טאָלעדאָ אין י. 656. אין פראנקאָניע האָבן ענלעכע צוזאמענפאָרן אָנגענומען א תקנה, אז א יעדער קריסט מעג אויסקויפן ביי די יידישע שקלאפן-הענדלער די קריסטלעכע שקלאפן און אז דער אויסקויף-פרייז דארף נישט מער באטרעפן, ווי 12 סאָלידי פונם קאָפּ. די יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין די פאָרט-שטעט

מארסעל און טולוז, האָבן שוין אין 7-טן י"ה געטריבן א שקלאַפן-האנדל קיין ענגלאנד.

§6 דער האנדל מיט לוקסוס-ארטיקלען; יידן אלס באאמטע און ארענדאַרן פון מלוכה-הכנסות.

ארייננעצויגן דורך די באַדערפענישן פון דעם גרויסן ערד-באזיץ אין שקלאַפן-האנדל, האָבן די יידן שוין אין פריע צייטן גענומען פאַרבינדן מיט דעם שקלאַפן-האנדל אויך דעם האנדל מיט לוקסוס-ארטיקלען. געמאכט האָבן דאָס דערעיקרשט די אזויגערופענע „קעניגלעכע סוחרים", וואָס האָבן פון די שוץ-הארן געהאט ספעציעלע האנדלס-פריווילעגיעס. אזוי, א שטייגער, באגעגענען מיר אויפן הויף פונם קעניג כילפעריך א רייכן ייד פון פאַריז, מיטן נאָמען פריסקוס, וועלכער איז געווען א קעניגלעכער גאַמן און האָט געהאַנדלט מיט טייערע שטיינער. פון דערזעלבער צייט איז פאַרבליבן א באַריכט וועגן גאַלישע יידן, וואָס פלעגן פאַרקויפן עקזאָטישע סחורות דעם בישאָף פון קלערמאָן. בכלל ווייזט אויס, אז אין יענער צייט זענען הויכגעשטעלטע גלחים און אדלסלייט געווען די הויפּט-אָפּנעמער פון יידישע סחורות. אזוי, למשל, האָט איינער א גלח, וואָס האָט קאַנדידירט אויף א הויכן פּאָסטן, געשיקט דעם קעניג א סך טייערע מתנות, וועלכע ער האָט איינגעקויפט ביי יידישע סוחרים. נישט זעלטן זענען די יידן געווען איינגייער אין פרויען-קלויסטערס, וואו זיי פלעגן פאַרקויפן פאַר א שיינער מטבע זייערע סחורות. ווי גענייט עס זענען געווען די יידן אין גאַליע אלס סוחרים, איז צו זען דערפון, וואָס אפילו אזא יידן-פיינט, ווי דער קעניג דאַגאָבערט, האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן א יידישן סוחר.

אין די קוועלן זענען נישט פאַרבליבן קיין שום ידיעות, פון וועלכע עס זאָל ארויסדרינגען, אז די יידישע סוחרים זאָלן האָבן אין דער צייט ביזן סוף פון 7-טן י"ה פאָרגענומען נסיעות אין די ווייטע מזרח-לענדער. די פאַרמיטלער צווישן אייראָפּע און אזיע זענען דעמאָלט געווען די סיריער, ערשט זינט דעם 8-טן י"ה פאַלט אריין דער האנדל מיט דעם אָריענט אין יידישע הענט. די אראַבישע, סלאַווישע, גריכישע און פריזישע סוחרים, וועלכע האָבן זינט דעם 8-טן י"ה מיט-געווירקט אינם אָריענט-האנדל, האָבן מיט זיך נישט פאָרגעשטעלט קיין שטאַרקע קאָנקורענטן פון די יידן. בכלל ווייזן זיך נישט קיין אראַבישע סוחרים אין קריסטלעכע לענדער ביזן סוף פון 11-טן י"ה, אזוי, אז עס איז שווערלעך צו גלויבן, אז דאָס באַווייזן זיך פון די אראַבער אין אייראָפּע (שפאַניע) זאָל האָבן געהאַט א גרעסערן איינפלוס אויף דעם

האנדל צווישן דעם אָריענט און אייראָפּע. די סלאווישע און גריכישע סוחרים האָבן געטריבן זייער האנדל כמעט אויסשליסלעך אין מזרח־אייראָפּע, אין דער צייט, ווען די יידן האָבן זייערע אָריענטאלישע סחורות פארקויפט דערעיקרשט אין מערב־אייראָפּע. וואָס שייך, ווידער, די פריזן, וואָס האָבן אין יענער צייט פּראָדוצירט די שטארק געברויכטע טיכער, איז א פראגע, אויף וועלכער מען געפינט נישט קיין תשובה אין די קוועלן, צי זיי האָבן דידאָזיקע סחורה זייערע אליין עקספּאָרטירט אין די ווייטע מזרח־לענדער. בכן האָבן די מערב־אייראָפּעישע יידן, הגם זיי זענען נישט געווען די איינציקע סוחרים אין זייערע וואויגלענדער, פארמאָגט אין א געוויסן זין א מאָנאָפּאָל אויף געוויסע, שטארק געזוכטע סחורות: די אוצרות פונם אָריענט האָט מען אין מערב־אייראָפּע געקאָנט באקומען בלויז דורך זייער פארמיטלונג. און דאָס האָט אויך דעם יידישן אָריענט־האנדל פארשאפט אן אויבערהאנט — ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער זען — אויף אייניקע יאָהרהונדערטער נאָכאנאנד.

א דאנק דעם האנדל האָבן די יידן געקראָגן גרינטלעכע ידיעות אין געלט־ענינים, און דאָס האָט זיי שוין אין פריען מיטלאלטער געעפנט א וועג צו יענע צווייגן פון דער מלוכה־פארוואלטונג, וואָס האָבן צו טון מיט פינאנצן. אמת, די קירך האָט דורך א ריי תקנות פארווערט אָנצוגעטרויען די יידן, אלס ,,שונאים פון דער קריסטלעכער רעליגיע", געוויסע אמטן, מיט וועלכע עס איז צונויפגעבונדן א דעה איבער די קריסטן; אמת, אז די קריסטלעכע מלוכות האָבן דידאָזיקע תקנות אריינגענומען אין דער מלוכהשער געזעצגעבונג, — נאָר פונדעסטוועגן האָט מען זיך פאָרט נישט געקאָנט באגיין אָן די יידישע פינאנץ־טאלענטן און מען פלעגט זיי, נישט געקוקט אויף די קירכלעכע און וועלטלעכע פארבאָטן, איבערגעבן וויכטיקע שטעלעס אין דער פינאנץ־פארוואלטונג. אזוי, א שטייגער, געפינען מיר שוין אין 6־טן י"ה יידן אלס ארענדארן פון מלוכהשע שטייערן און צאָל־אָפּצאָלונגען און אלס פאָרשטייער פון דער מלוכהשער מינץ. ארום י. 555 באגעגענען מיר אין שאלאָן סיר סאאָן צוויי יידישע מינץ־מייסטערס, א געוויסן פּריסקוס אין דאָנאלום. דער קעניג דאגאָבערט האָט אין י. 633 איבערגעגעבן דעם ייד שלמה איינצומאָנען די צאָל־אָפּצאָלונגען אין פאריז. אין דער קאראָלינגער מלוכה זענען געווען יידן שטייערן־ארענדארן און האָבן געהאט, אלס אזעלכע, א געוויסע מאכט איבער קריסטן, נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן מצד מאנכע גלחים.

קאַפּיטל דריי

אין דער בלי-תקופה פונם יידישן וועלט-האַנדל

§7 דער יידישער אָריענט-האַנדל.

די ערשטע גענויע ידיעות וועגן דירעקטע האנדלס-באַציונגען פון אייראָפּעישע יידן מיט דעם אזיאַטישן אָריענט זענען אונז פאַרבליבן ערשט אין די קוועלן פון 9-טן י"ה. עס איז אָבער משער צו זיין, אַז דער יידישער אָריענט-האנדל האָט זיך אָנגעהויבן א סך פריער, וואַרשיינלעך שוין ביים סוף פון 7-טן און ביים אָנהויב פון 8-טן י"ה. ווי גישט איז, געפינען מיר אים בעתן 9-טן י"ה אין זיין בלי-תקופה און די דאָמינירנדיקע ראָלע, וועלכע ער באַקומט דעמאָלט אויפן אייראָפּעישן באָדן, שפּילט ער נאָך ביזן סוף פון 10-טן י"ה. באַזונדערס שטאַרק האָט ער זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן אונטער דער ממשלה פון די קאַראָלינגער קעניגן. קאַרל דער גרויסער האָט ריכטיק געוואוסט, ווי אָפּצושאַצן די טייערע סחורות, וואָס מען האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם אָריענט-האנדל און ער האָט פּראָטעזשירט די באַציונגען מיט די מזרח-לענדער. די דאָמינירנדיקע שטעלע, וועלכע די פרענקישע יידן האָבן פאַרנומען אין דעם האנדל מיט דעם ווייטן מזרח, האָבן זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען אין א גרויסער מאָס דעם קעניגלעכן שוץ, וואָס איז געווען זייער ענלעך צו יענעם פּראָטעקציע-סיסטעם, מיט וועלכן דער רוימישער סענאַט האָט אַמאָל מזכה געווען די קאַרטאַגענישע הענדלער אין רוים.

דעם קלאָרסטן באַווייז, אַז די מערב-אייראָפּעישע יידן האָבן אַלס גרויסהענדלער באַרייזט כמעט די גאַנצע דעמאָלט באַוואוסטע וועלט, געפינען מיר אין א באַריכט פונם אַראַבישן אויבער-פּאָסטמייסטער איבן קורדדבה, וואָס איז אונז אָפּגעהיט געוואָרן לערך פון די

יאָרן 854—874. איבן קורדדבה שילדערט אונז נישט ווייניקער, ווי פיר מאַרשרוטן, אויף וועלכע די יידישע גרוים-הענדלער פלעגן פאָרן אהין און צוריק צווישן מערב-אייראָפּע און דעם אזיאַטישן מזרח. איין וועג האָט געפירט פונם פראַנקן-לאַנד מיטן וואַסער קיין מצרים, פון דאָרט האָט מען דורכגעשיפט דעם ים-סוף, ביז מען האָט דערגרייכט דעם אינדישן אָקעאַן. דער צווייטער מאַרשרוט האָט געפירט צו די מערב-ברעגן פון קליין-אזיע, דאָן האָבן די קאַראַוואַנען געוואַנ־דערט ביז דער מינדונג פונם טייך אָראָנטעס און פון דאַנען צום טייך פרת, מיטן פרת קיין באַגדאַד און פון באַגדאַד פלעגן די קאַראַוואַנען אויף שיפן פאָרן איבערן טייך טיגריס (חידקל) און אויפן פערישן ים-גאָלף, ביז זיי זענען אָנגעקומען צום אינדישן אָקעאַן. דער ציל פוןביידע מאַרשרוטן איז געווען אינדיע און כינע. א חוץ דידאָזיקע צוויי וועגן, אויף וועלכע מען האָט די גרעסטע שטרעקע דורכגעמאַכט אויף שיפן, פלעגט מען אויך באַנוצן צוויי אַנדע־רע וועגן, וואו מען האָט געדרייזט מער מיט דער יבשה. אזוי האָט איין האַנדלס-וועג מיט דער יבשה געפירט פון מערב-אייראָפּע דורך דייטש־לאַנד און דורך די סלאַוון-לענדר צו דער הויפּט-שטאָט פון דער כוזרי־שער מלוכה איטיל (דאָס היינטיקע אַסטראַכאַן). אין איטיל האָבן די מערב-אייראָפּעישע יידן-הענדלער געהאַט סוחרישע קאָלאָניעס, וועלכע די כוזרישע מלכים, די גלויבנס-ברידער פון די יידן, פלעגן שטאַרק פּראָטעזשירן. פון איטיל האָבן די יידישע סוחרים געוואַנדערט ביז צום קאַספּישן ים און פון דאַנען האָבן זיי זיך ווייטערגעפּעלט מיט שיפן אין דעם הינטערשטן אזיע. דער לעצטער מאַרשרוט מיט דער יבשה האָט געפירט קיין פראַנקרייך און שפּאַניע, פון דאַנען איבערן גיבראַלטאַר קיין אפריקע, דערנאָך לענגאויס מיטן צפון-אפריקאַנישן ברעג איבער סועץ קיין סיריע, בבל, אינדיע און כינע.

אויף דידאָזיקע ווייטע נסיעות האָבן די יידישע וועלט-הענדלער געהאַט א שטאַרקע אונטערשטיצונג מצד די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די פאַרשיידענע פאָרטן און שטעט פון די מערב-און מזרח-לענדער. זיי פלעגן פון זיי באַקומען אַלערליי אינפאָרמאַציעס וועגן האַנדלס-מעגלעכקייטן, ידידים, פרייזן און אזוי ווייטער. צוריקוועגס זענען די סוחרים געפאָרן אויפן זעלבן וועג, ווי אהין קיין אזיע. נישט אַלע פון די הענדלער פלעגן אָבער זיך אומקערן אין זייער היים קיין פראַנ־קאַניע. א טייל פלעגט בלייבן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דאָרט פאַרקויפן די סחורות, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן פון אזיע. וועגן

די סוחרות פון די יידישע וועלט-הענדלער דערציילט אונז איבן קורדדבה, אז זיי זענען באשטאנען פון פאָלגנדיקע ארטיקלען: סריסים, שקלאַפינס, יינגלעך (פון אייראָפּע), זיידענע געוועבן (די לעצטע מן־הסתם בלויז פון שפּאַניע און גריכנלאנד, וואו עס האָט דעמאָלט געבליט די זיידן-פּראָדוקציע), רויכווארג און שווערדן; צוריק פון אזיע קיין מערב האָבן זיי געפירט מאָשוס, אלאָע, קאַמפער, צימערינג און אנדערע קאָלאָניאַל-ארטיקלען. די סוחרים האָבן — לויט איבן קורדדבהס באריכט — באהערשט נישט ווייניקער ווי 7 לשונות: לשון-קודש, ראָמאניש, גריכיש, אראביש, שפּאניש, פּרענקיש און סלאַוויש. איבן קורדדבה באצייכנט די יידישע וועלט-הענדלער מיטן קאָלעקטיוון נאָמען „ראָדאניטן". פון וואנען נעמט זיך דער דאָזיקער נאָמען? הרכבי טייטשט אים אויס אלס א קאָרומפּט (פאַרדאָרבן) פון „ראַבאַניטן", רבי'ניטן" צום אונטערשייד פון די „קאַראַיטן". לעצטנס האָט זיך מיט דער פראגע פון „ראַבאניטן' באשעפטיקט דער יידיש-פראנצויזישער געלערנטער די סימאָנסען און ער האָט מיט א סך ראיות דערוויזן, אז די „ראָדאניטן" זענען אידענטיש מיט די nautae Rodanic, דהיינו מיט „די שיפער, וואָס פאָרן איבערן טייך ראָדאַן", וועלכע מיר באגעגענען אין די קוועלן פון 9-טן און 10-טן י"ה. מיט די ווערטער „nautae Rodanici" פלעגט מען דעמאָלט באצייכענען דערעיקרשט די יידישע סוחרים פון דער פראנצויזישער שטאָט ארל (Ar esi), וואָס האָבן געשמט מיט זייערע ווייטע נסיעות קיין אזיע. ווי די זאך זאָל נישט זיין, איינס איז פונדעסטוועגן זיכער, און דאָס איז דער פאקט, אז די היים פון די „ראָדאניטן" איז געלעגן אין מערב-אייראָפּע: פון די כל-המיני ידיעות, וועלכע מיר באזיצן וועגן די „ראָדאניטן', דרינגט ארויס, אז מערב-אייראָפּע איז געווען דער אויסגאנגספּונקט און דער ענד-פּונקט פון זייערע מארשרוטן און נסיעות. מיט רעכט זעט איין אין זיי דער יידיש-דייטשער געלערנטער י. אראָניוס, אז זיי זענען יידן פונם פראנקן-לאנד.

די אויסערגעוויינלעך אינטערעסאנטע ידיעות וועגן די „ראָדאניטן" וועלכע עס ברענגט אונז דער אראבישער גענעראל-פּאָסטמייסטער, ווערן באשטעטיקט אויך דורך אנדערע קוועלן. א מאָנאך פון סאן-גאלן, וועלכער האָט געלעבט אין 8-טן י"ה, דערציילט וועגן א יידישן סוחר פונם פראנקן-לאנד, וועלכער פלעגט אָפט זיין אין פאלעסטינע און ברענגען פון דאָרט קיין מערב-אייראָפּע טייערע און נישט באקאנטע סחורות. יידישע האנדלס-שיפן זענען אין יענער צייט נישט געווען קיין זעלטנהייטן. איינמאָל, ווען מען האָט אין א פאָרט-שטאָט אין גאליע נארבאָ-

נענזים געזען אָנקומען שיפן, איז געווען א פּלוגתא צווישן די צוזעער: „א טייל האָט באהויפּטעט, אז דאָס זענען שיפן פון יידישע סוחרים — אנדערע, ווידער, האָבן געמיינט, אז דאָס זענען אָנגעקומען סוחרים פון אפריקע אָדער בריטאַניע". דער קעניג לודוויג דער פרומער האָט אין י. 828 ארויסגעגעבן א שוץ-בריוו פאר יידישע סוחרים, אין וועלכן עס ווערט צווישן אנדערעס געזאָגט, אז קיינער טאָר נישט אוועקנעמען ביי זיי זייערע שיפן מיטן תירוץ, אז מען דארף זיי פארן מלכות. מיט די ידיעות פון איבן קורדדבה וועגן דעם שקלאַפן-האנדל, וועלכן עס האָבן געפירט די „ראָדאניטן", שטימען א ריי קוועלן, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט אויס דער צייט פון די קאראָלינגער. אזוי האָט זיך שטארק געקלאָגט — הגם אָן א שום פּעולה — אויפן דאָזיקן מענטשן-האנדל דער ענערגישער מאָנאך אגאָבאר, וואָס האָט געלעבט אין דייטשלאנד אין דער ערשטער העלפט פון 9-טן י"ה. ער שילדערט אונז אין א ספּעציעלער שריפט קעגן יידן, אז די יידישע סוחרים פארקויפן קריסטלעכע שקלאַפן קיין שפּאניע און אז די קריסטלעכע פּראָטעקטאָרן זייערע מאכן זיי נישט דערביי קיין שום שטערונגען. דער שקלאַפן-האנדעל איז געווען אָרגאניש צונויפגעבונדן מיט דעם אָריענט-האנדל, מחמת דער אָריענט איז דעמאָלט געווען א גרויסער אָפּזאץ-געביט פאר שקלאַפן, און מען האָט דאָרט פארן דאָזיקן „לעבעדיקן ארטיקל" געקאָנט באַקומען די טייערסטע און בעסטע אָריענטאלישע סחורות, וואָס זענען געווען אזוי אָנגענומען אין די הויפן פון די אייראָפּעישע קירכן-פירשטן און אדל-לייט. צו דעם שקלאַפן-האנדל האָבן אויך אין א גרויסער מאָס גורם געווען די פארבינדונגען פון די „ראָדאניטן" מיט שפּאניע, וואָס איז זינט דעם 8-טן י"ה געשטאנען אונטער דער ממשלה פון אראבישע הערשער און וואו די נאָכפראגע אויף שקלאַפן איז געווען נישט קלענער, ווי אין אָריענט. ביז לערך די 20-קער יאָרן פון 9-טן י"ה איז דייטשלאנד געווען דאָס הויפּט-געביט, וואו די הענדלער פלעגן איינקויפן שקלאַפן. אין דייטשלאנד זענען דעמאָלט געווען א סך ביליקע ארבעטס-קרעפטן און מען האָט געקאָנט גינסטיק איינקויפן די „לעבעדיקע סוחרה". אין די 20-קער יאָרן פון 9-טן י"ה גיבן אָבער ארויס די פרענקישע קעניגן א ריי פאראָרדענונגען, וואָס האָבן אין א גרויסער מאָס פארשווערט דעם שקלאַפן-איינקויף. אמשווערסטן האָט די יידישע וועלט-הענדלער געטראָפן א פאראָרדענונג, דורך וועלכער ס'איז זיי פארווערט געוואָרן צו עקספּאָרטירן שקלאַפן פון פראנקאָניע. דאָס איז אָבער נישט געווען שייך צו שקלאַפן, וועלכע די סוחרים האָבן איינגעקויפט איסערהאלב די גרענעצן פון דייטשלאנד. אזעלכע שקלאַפן האָבן

זיי געמענט אומגעשטערט טראנספּאָרטירן איבער דייטשלאנד, און די קאראָלינגער האָבן אפילו מיט אייניקע פאראָרדענונגען פארווערט צוצו־לאָזן דידאָזיקע שקלאפן צו דער קריסטלעכער טבילה און דורכדעם צו עמאנציפּאציע, וואָס דאָס וואָלט די יידן, די שקלאפן־אייגנטימער, פארשאפט א שאָדן.

די יידישע וועלט־הענדלער, וועלכע האָבן — ווי מיר האָבן דאָס שוין באמערקט — געשטאמט דערעיקרשט פונם פראנקן־לאנד, זענען געווען מיט זייערע הייזער און מאגאזינען אונטערגעוואָרפן דער מאכט פון די פראנקישע קעניגן. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך שוין גאָר פרי ארויפגעקראָגן אויף א העכערער מדרגה, ווי די איבריקע עבדים פון די מלכים. דערצו האָבן גורם געווען אָט וועלכע מאָמענטן: א) דער פּרינ־ציפּ פון טאָלעראנץ, וועלכער באקומט אן אויסדרוק אין די שוץ־בריוו, וואָס די יידישע וועלט־סוחרים באקומען פון די פראנקישע קעניגן; ב) די מאָנאָפּאָליזירונג פונם אָריענט־האנדל אין די הענט פון די יידן; (דאקעגן אינם שקלאפן־האנדל האָבן די יידן שוין גאָר פרי געהאט קאָנ־קורענטן אין די ווענעציאנער און אמאלפיטאנער סוחרים); ג) דער ספּעציעלער רעכט־שוץ, פון וועלכן עס האָבן גענאָסן די יידישע הענד־לער און וועלכער האָט אין א שטארקער מאָס באגינסטיקט זייער האנדל; ד) דער גרויסער מאטעריעלער נוצן, וועלכן די קעניגן האָבן געהאט פון די יידישע וועלט־הענדלער אין דער פאָרם פון כלערליי שטייערן און אָפּצאָלונגען און ה) די וויכטיקייט פון די יידישע סוחרים פאר די אָרטיקע ירידים און מערק. זענען דאָך אפילו אין א סך ערטער די ירידים, וועלכע פלעגן דאָרט פריער פאָרקומען אין די שבתים, איי־בערגערוקט געוואָרן אויף אנדערע טעג, בכדי די יידן זאָלן נישט ניצ־שטערט ווערן אין זייער רו־טאָג. דערביי האָט מען די יידן געגעבן די ברירה צו באשטימען די טעג, אין וועלכע ס׳זאָלן אָפּגעהאלטען ווערן די ירידים.

די אלע אויבן־אויסגערעכנטע מאָמענטן האָבן מיטגעווירקט, אז די יידן אינם פראנקן־לאנד (וועלכעס האָט, אגב, אין דער קאראָלינגער־צייט ארומגענומען א חוץ גרויסע טיילן פונם היינטיקן פראנקרייך, אויך דאָס היינטיקע דייטשלאנד און איטאליע) זאָלן ווערן א קאפּיטאל־קרעפ־טיקער עלעמענט. מיטגעהאָלפן האָט דערצו אויך דער פאָלגנדער וויכ־טיקער אומשטאנד: איינער פון די הויפּט־ארטיקלען, מיט וועלכע די יידישע סוחרים פלעגן דעקן די קניות אין אָריענט און אין שפּאניע, זענען געווען, ווי שוין באוואוסט, שקלאפן. צוליב די שוין דערמאָנטע איינקויפס־שוועריקייטן, וואָס זענען אנטשטאנען ביים אָנהויב פון 9־טן

י"ה אין דייטשלאנד, זענען די יידישע הענדלער געצוואונגען געווען זיך אוועקצולאָזן ווייט צו מזרח-צו, אין די סלאווישע לענדער, און דאָרט איינקויפן די „לעבעדיקע סחורה". אין די סלאוון-לענדער האָבן זיי דער־מאָלט אָנגעטראָפן אויף האלבע באַרבאַרן און די קניות זייערע האָבן זיכער געהאט דעמזעלבן כאראקטער, ווי בכלל קניות און האלב-באַרבאַרישע קאָלאָניאַל-לענדער, „וואו דער האנדל ווערט פארוואנדלט אין עקספּלאָטאציע". נישט ווייניקער גינסטיק איז געווען די לאגע פון די יידישע וועלט-הענדלער ביים פארקויפן די סחורות, וועלכע זיי פלעגן ברענגען פון אזיע. זייערע אָפּנעמער זענען לגמרי נישט געווען קיין אָרעמע פויערים, נייערט מענטשן, וואָס האָבן געלעבט נישט מיגיע כפּם: מלכים, הערצאָגן, קירכן-פירשטן, אבאטן, בכן מענטשן, וואָס האָבן געצויגן זייער יניקה פון רענטעס. פאר דעמדאָזיקן קלאס מענטשן איז נישט געווען קיין נפקא-מינה, צי האָבן זיי באצאָלט פאר א פּרעכ־טיקן פערסישן דיוואן, אנשטאָט די יערלעכע צינזן פון 2 אָדער 20 פויערים, די צינזן פון 4 אָדער 40 פויערים. די יידישע האנדלס-לייט פלעגן קומען אין די פאלאצן פון אָט די „גרויסע לייט", דהיינו, דאָרט־אהין, וואו ס'האָט געהערשט די תאווה צו פארמאָגן לוקסוס-זאכן, מיט וועלכע מען קאָן ציען אויף זיך אלעמענס אויגן און דורכדעם שטארק הייבן די חשיבות. באזונדערס איז די קירך געווען א גוטער קונה אויף אָריענטאלישע סחורות. נישט געקוקט אויף די פאראָרדענונגען און פארבאָטן מצד די גלחים-צונויפקומענפאָרן, האָבן אין 10-טן י"ה געהערשט גוטע האנדלס-און סתם געזעלשאפטלעכע באציונגען צווישן יידן און הויכגעשטעלטע גייסטלעכע. בלויז וועגן די פויפסטן ווערט דערציילט אין א קוועלע פון 9-טן י"ה, אז זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אריינלאָזן מיט די יידן אין קיין שום עסקים אפילו ווען יענע האָבן געבראכט די שענסטע סחורות. נאָר די יידן האָבן געמוזט פארקויפן זייערע סחורות אויסערהאלב פונם פויפּסטלעכן פאלאץ. אנדערש איז אָבער געווען מיט די בישאָפן און אבאטן. שוין ק א ר ל ד ע ר ג ר ו י ס ע ר האָט זיי באַ־פוילן צו האָבן א שטארקע השגחה איבער די קירכן-אוצרות, ווייל יידישע און אנדערע סוחרים האָבן זיך באַרימט, אז זיי קאָנען באקומען פון זיי כלערליי חפצים — מן-הסתם אלס אָפּצאָל פאר די טייערע בשמים און פאבריקאנטן פונם אָריענט.

אויב דער לוקסוס, וואָס האָט זיך אין יענער צייט קאָנצענטרירט אין די הויפן פון מלכים, ריטער און קירכן-פירשטן און האָט אויסגע־קוקט מער אויף גלאנץ און פּראכט, ווי אויף באקוועמלעכקייט, איז גע־ווען א פעטע קוועלע אויף צו רייסן א פּרייז, איז, חוצדעם, געווען נאָך

איין אומשטאנד, וועלכער האָט געגעבן דעם יידישן אָריענט-סוחר די מעגלעכקייט צו נעמען א מקח: די קניות אין די הויפן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אָפּגעזונדערטע געשעפטן, וואו ס'האָט אויסגעפעלט יעטוועדע קאָנקורענץ, און דאָס האָט פאר דעם פארקויפער געשאפן אין א געוויסן זין א לאגע פון א מאָנאָפּאָליסט.

איידער מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דער ווייטערדיקער געשיכטע פונם יידישן האנדל, דהיינו, פון דעם 10-טן י"ה אָנהויבנדיק, מוזן מיר זיך נאָך אָפּשטעלן ביי א היפּאָטעזע, מיט וועלכער ס'איז מיט יאָרן צוריק ארויסגעטראָטן דער יידיש-פּוילישער היסטאָריקער מאקסימיליאן גומפּלאָוויטש. לויט דערדאָזיקער היפּאָטעזע זענען די יידן געווען די „איינציק מעגלעכע" טרעגער פונם צפון-באלטיש-אזיאטישן האנדל, וועלכער האָט געבליט פונם 8-טן ביזן סוף פון 10-טן י"ה און וועלכער איז געווען אזוי גרויס און פארצווייגט, אז דער ווערט פון די אָריענטאלישע מטבעות, וואָס שטאמען פון דעמדאָזיקן האנדל און וואָס מען האָט זיי געפונען בעת כלערליי ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין רוסלאנד און אין די באלטישע לענדער, ווערט געשאצט אויף מיליאָנען. גומפּלאָוויטשעס השערה גייט אלנפאלס צו ווייט, ווייל פון איין זייט באווייזן די אויסגעגראָבענע מטבעות, אז בסך-הכל האָט מען פון די צפון-באלטישע און סלאווישע לענדער א סך מער פארקויפט צו די סוחרים, ווי מען האָט ביי זיי געקויפט. דאָס שטימט אָבער נישט מיטן כאראקטער פונם אייראָפּעיש-אזיאטישן האנדל פון די יידן. פון דער אנדערער זייט ווייסן מיר פון איבן קורדדבהס באריכטן, אז די רוסן (איינגעזלעד סקאנדינאווייער) פלעגן מאכן נסיעות העט ווייט ביז די ברעגן פונם קאספּישן ים נישט בלויז אלס פּיראטן, נאָר אויך אלס פרידלעכע סוחרים און אז די סחורות זייערע פלעגט מען דאן טראנספּאָרטירן פון דזשאָרדזשאן ביז קיין באגדאד. עס איז אויך שווער צו גלויבן, אז אין דעם באלטיש-אזיאטישן האנדל זאָלן האָבן געשפּילט וועלכע ס'איז גרעסערע ראָלע די כוזרים, וואָס האָבן געהאט זייער מלוכה ביי דער וואָלגע, איבער ברייטע שטחים פון די סלאווון-לענדער. וואָרים דאָס, וואָס עס ווערט אונז געבראכט פון די קוועלן וועגן די ווירטשאפטס-פארהעלטענישן אין דער כוזריש-יידישער מלוכה, באווייזט, אז די כוזריש-יידישע עלטערע מענטשן האָבן זיך זינט דעם 7-טן י"ה פארנומען דערעיקרשט מיט לאנדווירטשאפט און פי-צוכט און בלויז אין זייער באשיידענע ראמען מיט מסחר. דאקעגן איז זייער ווארשיינלעך, אז אין דעם באלטיש-אזיאטישן האנדל האָבן אין א גרעסערער מאָס מיטגעווירקט די יידן פון דער ביזאנטינישער מלוכה און בפרט יענער טייל פון זיי, וואָס האָט

זיך נאָך דער פאַרטרייבונג פון דער ביזאַנטינישער אימפּעריע, אין יאָר 723, באַזעצט אינם כוזרים-לאַנד און וואָס האָט דאָ געלעבט אונטערן מעכטיקן שוץ פון די יידישע כוזרים-קעניגן, די כאַגאַנען.

אַריינטרעטנדיק אינם 10-טן י"ה, שטויסן מיר זיך אָן אין דערזעלבער דערשיינונג, וואָס אין 9-טן י"ה: פּונקט ווי אין 9-טן י"ה, בילדן די סלאַוון-לענדער אויך אין 10-טן י"ה דאָס הויפּטגעביט, וואו די יידישע וועלט-סוחרים באַזאָרגן זיך מיט דעם הויפּטאַרטיקל פאַר זייערע באַציאונגען מיט אַזיע — מיט שקלאַפן. אין די צאָל-טאַריפן פון פּאַסאַו, וואָס זענען פאַרבליבן פון י. 906, ווערן דערמאָנט יידישע שקלאַפן-הענדלער, וואָס מאַכן נסיעות איבער די סלאַווישע לענדער, כדי דאָרט איינצוקויפן שקלאַפן — און עס ווערט וועגן זיי באַמערקט, אַז זיי האָבן מיט די סלאַוון-לענדער אַלטע באַציונגען. לויט דיזעלבע צאָל-טאַריפן זענען די יידישע וועלט-הענדלער אפילו מער באַגינסטיקט, ווי אין 9-טן י"ה: 1) בנוגע די אָפּגאָבן זענען זיי גלייך מיט די קאָנצעסיאָנירטע קריסטלעכע סוחרים; 2) זייערע האַנדלס-רעכט זענען ברייטער, ווי אין די פריערדיקע צייטן. אין דער צייט, וואָס לויט דער פראַנקישער „יודען-אָרדנונג" (capitu'are de Judacia) פון י. 814, איז זיי געווען פאַרבאָטן דער האַנדל מיט ווייַן און תבואה, זענען אין דער פּאַסאַוער צאָל-אָרדענונג נישטאָ קיין שום אַזעלכע באַגרענעצונגען. פון דער סלאַווישער גרענעץ פלעגן די „ראַדאַניטן" טראַנספּאָרטירן די אויפגעקויפטע שקלאַפן קיין ווערדען ביים טייך סאָאָן, דערנאָך קיין ליאָן און פון דאַנען קיין שפּאַניע. די קירך, וואָס האָט זינט אַלטע צייטן געקעמפט קעגן דעם האַנדל מיט קריסטלעכע שקלאַפן, האָט געמיינט, אַז זי וועט אים פולשטענדיק דערשטיקן דערמיט, וואָס זי האָט באַפוילן די בּיסקופן אין די סלאַווישע לענדער, דערהויפּט אָבער אין טשעכיע אַז זיי זאָלן אויסקויפן די שקלאַפן פון די הענדלערס הענט. איז אָבער דאָס „פאַרשאָלטענע געלט" פון די שקלאַפן-הענדלער געווען אַזוי מעכטיק, אַז דער הייליקער וואָיציעך, וואָס איז געווען פּראָגער בישאָף, האָט צווישן אַנדערע סיבות אויך דערפאַר געמוזט אַנידערלייגן זיין בישאָפלעכע שטעלע, ווייל ער האָט נישט געקאָנט אויסקויפן אַזוי פיל קריסטלעכע שקלאַפן, וויפל עס האָט געהאַט זיין אייגנס איין איינציקער יידישער סוחר.

זייער אן אינטערעסאַנטער באַריכט וועגן די נסיעות פון יידישע הענדלער איבער די סלאַוון-לענדער איז אונז פאַרבליבן פון לערך דעם יאָר 965; אין דער צייט קומט קיין פּראָג דער צפון-אַפריקאַנישער ייד אַבּראַהים (אברהם) איבּן יעקב, איינער פון דער מחנה „ראַדאַ-

ניטן" און ער שטעלט צונויף א רייע ידיעות־אינפאָרמאציעס וועגן די לענ־דער פונם קעניג „משקא" (דהיינו וועגן פוילן, וואו עס האָט דעמאָלט געהערשט דער ערשטער היסטאָרישער פירשט מיעשקאָ), ווי אויך וועגן די לענדער פון די רייסן, טערקן (אונגארן) און כוזרים. די־דאָזיקע אינפאָר־מאציעס באַקומט ער פון די יידישע סוחרים, וואָס פאָרן קיין פראָג פון מזרח־אזיע. לויט איבראהימס באריכט ציט זיך זייער וועג איבער דער כוזרישער מלוכה, דאן גייט ער איבער אונגארן, סלאָוואקיי און דערנאָך דורכן טאָל פון די טייכן פּאָפּראַד און דונאיעץ קיין קראָקע. פון קראָקע רייזן די סוחרים קיין פראָג און מאכן דידאָזיקע שטרעקע אין משך פון 8 טעג. זיי פירן פון ווייטן מזרח אזעלכע ארטיקלען, ווי גע־ווירצן און ביזאנטינישע מעטאלן. אין די סלאוון־לענדער קויפן זיי איין שקלאפן, פוטערווארג, צין, תבואה וכדומה. אונזער איבראהים איז אויך אליין געווען אין קראָקע, אויפן הויף פון דעם „קעניג משקא" און ער פארנאָטירט לשם אינפאָרמאציע פאר זיינע חברים די „ראָדאניטן", ווי טייער ס'איז דעמאָלט געווען אין קראָקע דער פרייז פון תבואה און פו־טערווארג, דערמאָנט ביי דער געלעגנהייט אויך וועגן זאלצגרובנס, וואָס האָבן זיך געפונען אין יידישע הענט. עד כאן דער באריכט פון איבראהים איבן יעקב. זיינע אינפאָרמאציעס ווערן אויך באשטעטיקט דורך די ידיעות, וועלכע מיר געפינען אין דער בארימטער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט זיך לערך אין דערזעלבער צייט געפירט צווישן דעם כוזרישן כאגאַז יוסף און דעם שפּאנישן פינאנץ־מיניסטער חסדאי איבן שפרוט. לויט דידאָזיקע ידיעות איז די קאָרעספּאָנדענץ געגאנגען מיט דער האנדלס־שליאך פון די „ראָדאניטן". מיר דערוויסן זיך גלייכצייטיק וועגן געוויסע באציונגען צווישן די כוזרישע יידן און דעם לאנד פונם „מלך הגבלים", וועלכער איז, ווייזט אויס, אידענטיש מיט דעם פוילישן פירשט. אינטערעסאנט איז סוף־כל־סוף די ידיעה, אז דעם בריוו פון דעם יידישן פינאנץ־מיניסטער האָט געבראכט צום כוזרישן כאגאן א ייד, יעקב בן אליעזר נמץ, וואָס האָט — ווייזט אויס — געשטאמט פון דער דייטשישער קאָלאָניע „ניעמצי" (Nemzi), וועלכע געפינט זיך אויף דער דעמאָלט פויליש־שלעזישער ערד און ווערט פון די קוועלן (די כראָניק פון טיטמאר) דערמאָנט שוין ביי סאמע אָנהויב פון 11־טן י"ה. דעם בריוו האָט יעקב בן אליעזר געפירט איבער טשעכיע, אונגארן, דרום־רוסלאנד און שווארץ־בולגאריע און פון דאנען האָט ער דערגרייכט די כוזרישע הויפּטשטאָט, איטיל.

אויסער די נסיעות אין די סלאוון־לענדער, האָבן די יידישע הענד־לער, אזוי ווי פריער, אויך געמאכט נסיעות קיין דרום־אייראָפּע און קיין

אזיע. אין א בריוו פון פעטרוס, דעם דאָזש פון ווענעציע, צום ארצי־
בישאָף פון מאַינץ, ווערט דערציילט וועגן יידן, וועלכע פאָרן פון ירושלים
קיין דייטשלאַנד און פירן מעטאַל, שנים־סחורה אָדער עקזאָטישע בשמים.
דערדאָזיקער באריכט שטאמט פון יאָר 936.

עם ווייזט אויס, אז דידאָזיקע דירעקטע קאָמוניקאציע מיטן אָריענט,
וואָס איז אין 10-טן י״ה דערעיקרשט געגאנגען איבער די איטאַליענישע
פּאָרט־שטעט, האָט זיך אָפּגעשטעלט שוין ביים סוף פונם דאָזיקן יאָר־
הונדערט. אינם האנדל מיטן מזרח, וואָס איז ביז אהער געלעגן כמעט
אויסשליסלעך אין יידישע הענט, הויבט אָן ארום דער העלפט פון 10-טן
י״ה צו שיינען דער מזל פון די איטאַליענישע שטעט אמאלפי, בארי און
ווענעציע. דידאָזיקע שטעט זענען אויך געווען די ערשטע, וואָס האָבן
אָנגעהויבן צו פירן יענעם הארטנעקיקן קאמף פאר באפרייען זיך פון
דער סוחרישער אפּטרופּסות מצד די יידן, א קאמף, וואָס האָט זיך שפּע־
טער, מיטן אויפקום פון א נאציאָנאלן סוחרים־קלאַס, צעפלאַקערט אין די
איבעריקע אייראָפּעישע לענדער. גלייך ווי די ווענעציאַנישע רעפּובליק
איז געקומען צו א געוויסן וואוילשטאנד, האָט זי אָנגעהויבן קלערן וועגן
באגרענעצן די קאָנקורענץ פון די יידן. אין יאָר 945 איז, אונטער דעם
דאָזש ארסאָ פּאטריטשי פּאטשיאָ, פארווערט געוואָרן די ווענעציאַנישע
שיפּס־אייגנטימער ארויפצונעמען אויף זייערע שיפן יידישע סוחרים. די
יידישע הענדלער אין איטאַליע, וואָס האָבן, צוליב דער האנדלס־קאָנקו־
רענץ צווישן די ווענעציאַנער און דרום־איטאַליענער, נישט געוואָגט ארוים־
צופאָרן אויפן מיטללענדישן ים אויף אייגענע שיפן, זענען געווען גע־
צוואונגען צו טראנספּאָרטירן זייערע סחורות פאר דעם אָריענט אויף ווע־
נעציאַנישע שיפן. אָבער אפילו דידאָזיקע שטארק נישט גינסטיקע
פארמיטלונג, ביי וועלכער דער גרעסערער טייל פונם ריווח איז ארייננע־
פאלן אין די הענט פון די איטאַליענער, האָבן זיי פארלוירן, ווען די
ווענעציאַנער האָבן אין יאָר 992 אויסגעפועלט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל
א פּריווילעגיע, וואָס האָט זיי פארגאראנטירט ספּעציעלע הנחות און וואָס
האָט גלייכצייטיק פארווערט מיטצונעמען אויף ווענעציאַנער שיפן יידישע
סחורות און צו דעקלארירן די סחורות אלס אייגענע.

אויסגעשלאָסן פון דירעקטע באציונגען מיטן אָריענט, האָבן די אי־
טאַליענישע יידן גענומען לייגן מער געוויכט אויף דעם האנדל מיט
מערב־אייראָפּע און זיי האָבן אָנגעהויבן צו פירן אָריענטאַלישע סחורות
אין די מערב־געגנטן פון דער פרענקישער מלוכה, וואו עס זענען דע־
מאָלט פאָרגעקומען לעבהאפטע מערק, ווי, א שטייגער, די מערק אין טור,
אמבואז, שינאָן און אז. וו. די אָריענטאַלישע סחורות האָבן זיי,

פארשפּייט זיך, נישט מער איינגעקויפט דירעקט אין אזיע, נייערט בּיי די ווענעציאנער און דרום-איטאליענער, וואָס האָבּן איבּערגענומען דעם דירעקטן פארקער מיטן מזרח.

אין שפּאניע, וואו עס האָט זיך, א דאנק די דעמאָלטיקע פּאָליטישע און קולטור-היסטאָרישע פארהעלטענישן, קריסטאליזירט א צענטער פונם כלל יידן, האָבּן די יידן אין משך פון 10-טן י"ה געלעבּט אין א וואוילשטאנד, וואָס זיי האָבּן אין א גרויסער מאָס געהאט צו פאר-דאנקען יענע יידישע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבּן צוליבּ זייער חכמה און געניטקייט אין פינאנץ-ענינים פארנומען הויכע מלוכה-שטעלעס אלס נאמנים און מיניסטאָרן אין די קריסטלעכע און מאכמעדאנישע הויפן. עס ווייזט אָבּער אויס, אז דער וואוילשטאנד פון די שפּאנישע יידן האָט דעמאָלט געשטאמט מער פון לאנדווירטשאפט און אינדוסטריע (זייד-פּראָדוקציע), ווי פון מסחר און בּפרט פונם אָריענטאלישן מסחר. אלנפאלס, ווייזט אויס, אז בּיים סוף פון 10-טן י"ה זענען די שפּאנישע יידן נישט געשטאנען מער אין א דירעקטער האנדלס-פארבּינדונג מיט דעם אָריענט, א ראיה — די פאָלגנדיקע שטעלע אין דעם בּארימטן בּריוו פון **חסדאי איבּן שפּרוט** (959): „מיר זענען — שרייבּט דער דאָ-זיקער פינאנץ-מיניסטער פון קאָרדאָווא — מיר זענען סוחרים פון **פרעמדע לענדער און אינזלען**, בּאזונדערס פון מצרים און פון נאָך ווייטערע לענדער, וואָס קומען מאסנווייז אין אונזער לאנד (שפּא-ניע); זיי בּרענגען אונז בּשמים, טייערע שטיינער און אנדערע טייערע האנדלס-ארטיקלען פאר די מלכים ושרים, אויך אלץ, וואָס מען בּאגערט בּיי אונז פון מצרים". פון דערדאָזיקער, אגב, נישט גאנץ קלאָרער שטע-לע, קאָן מען ארויסדרינגען, אז אָריענטאלישע סחורות זענען אין חסדאים צייט אימפּאָרטירט געוואָרן קיין שפּאניע דורך **פרעמדע** סוחרים און נישט דורך די שפּאנישע יידן. דערהויפּט האָבּן עס געמוזט זיין די סוחרים פון **אמאלפי**, וועלכע זענען שוין אין 10-טן י"ה גע-שטאנען אין דירעקטע האנדלס-פארבּינדונגען מיט אלעקסאנדריע און קאירא.

§ 8 די יידישע לאנדווירטשאפט אין משך פון 9-טן און 10-טן י"ה.

לעבּן דעם וועלט-האנדל, וואָס פארנעמט דעם אויבנאָן אין דעם יידישן ווירטשאפטס-בּילד פון דער בּאהאנדלטער תקופה, איז די לאנד-ווירטשאפט — דער צווייטער ווירטשאפטס-צווייג, אין וועלכן די יידן שפּילן דעמאָלט נאָך א געוויסע ראָלע. וואָס שייך די יידן אין שפּאניע און אין די סלאוון-לענדער, ווייזט אפילו אויס, אז נישט דער וועלט-

האנדל, נייערט די לאנדווירטשאפט איז אין דעם אָנגעמערקטן פעריאָד געווען די הויפט-באשעפטיקונג זייערע. אנדערש איז געווען די לאגע אין מיטל-אייראָפּע און איטאליע, וואו די לאנדווירטשאפט דערשיינט, זינט דעם 9-טן י״ה, שוין ווי א צווייטראנגיקער יניקה-קוואל אינם יידישן ווירטשאפטס-לעבן.

די נחלאות, וועלכע מיר געפינען אין משך פון 8-טן י״ה אין דרום-פראנקרייך אלס ירושה-אייגנטום פון געוויסע יידן, זענען, אפנים, געקויפט געוואָרן דורך די יידן נאָך אין דער צייט פון דער אראבער-הערשאפט. ווען די פרענקישע מלכים האָבן אין 8-טן י״ה פארשפרייט זייער ממשלה ביז צו דער שפאנישער האלב-אינזל, זענען דורך קארלען און קארלאמאגנען (768 —772) באשטעטיקט געוואָרן פאר די דרום-פראנצויזישע יידן זייערע ירושה-גיטער אין דער געגנט פון נ א ר ב אָ ן. אָבער באצייטנס האָט שוין די קירך גענומען אגיטירן, אז מען זאָל ביי די יידן אוועקנעמען זייער ירושה-ערד, און געשען איז דאָס צוליב דעם, וואָס די לאגע פון די יידישע ערד-באזיצער, וועלכע האָבן געהאט א דעה איבער די קריסטן אויף די יידישע נחלאות, איז געווען קעגן דער אנשויונג פון דער קירך, וואָס האָט געשטרעבט צו באפעסטיקן די אויבערהאנט פון די קריסטן איבער די יידן. אזוי שרייבט מאקע דער פויפסט ס ט ע פ א ן III (758 — 772) צום ארציבישאָף פון נארבאָן, אז ער האָט געהאט גרויס עגמת-נפש, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז די יידן האָבן, א דאנק דער פראָטעקציע מצד די פרענקישע קעניגן, ירושה-גיטער אין זייער רשות, סיי אויפן פלאכן לאנד און סיי אין די פאָרשטעט (allodia sereditatum). א דייטלעכע ראיה, צו וואָס פאר א רעזולטאט עס האָט דערפירט די אגיטאציע פון דער קירך, גיט אונז די הקדמה פון יידן-שוצבריוו, וועלכן עס האָט אין י. 839 ארויסגעגעבן דער קיסר ל ו ד וו י ג דעם דרום-פראנצויזישן ייד ג א ו ד י אָ ק ו ם (שמחה): דער ייד און זיינע זין זענען געקומען זיך באקלאָגן צום קיסר — לייענען מיר אין דערדאָזיקער הקדמה — אז דער שוצבריוו, וועלכן דער קיסר האָט זיי אמאָל געגעבן בנוגע די נחלאות, וואָס זיי האָבן על פי-דין געירשנט נאָך זייערע אבות און וואָס זיי האָבן זיי ביז נישט לאנג צוריק רואיק געהאט אין רשות, איז ביי זיי דורך בייזוויליקע מענטשן אוועקגענזלט געוואָרן. דער קיסר גיט ארויס די יידן א נייעם שוצבריוו, אין וועלכן זיי אליין, ווי אויך זייערע קינדער און קינדס-קינדער ווערן אָנערקענט אלס די געזעצלעכע אייגנטימער פון די דערמאָנטע ערד-שטחים און פון אלץ, וואָס האָט א שייכות צו די נחלאות, ווי געביידעס, לאָנקעס, וויינגערטנער, מילן, וועגן און אז. וו. אויף אן ענלעכן אופן, דהיינו,

דורך ארויסקריגן א ספּעציעלן קייזערלעכן שוץ האָבן אויך אנדערע פראנ-
צויזישע יידן געשטרעבט צו פארגאראנטירן פאר זיך דאָס רעכט
איבער זייערע נחלאות. אין די 4 שוצבריוו פון לודוויג דעם פר:-
מען (פארבליבן זענען נישט מער, ווי 4 אזעלכע יידישע שוצבריוו פונם
דאָזיקן קיסר, נאָר ארויסגעשטעלט זענען פון אים געוואָרן, אפנים, א סך
מער) ווערט געזאָגט, אז די יידן, פאר וועלכע די דאָקומענטן זענען אויס-
געשטעלט, האָבן די פולסטע דעה צו דיספּאָנירן מיט זייער ,,respropriae'
דהיינו, מיט זייער פארמעגן, וואָס צו אים באלאנגט אויך ערד-אייגנטום.
אָבער שוין מיט איין יאָרהונדערט שפּעטער איז דערדאָזיקער קייזער-
לעכער היתר מער נישט אָנערקענט געווען. אין 10-טן י"ה זענען בישאָפ-
פימער און קלויסטערס געוואָרן אייגנטימער פון נחלאות, אָפט אויפן
השבון פון יידישע ערד-באזיצער. אזוי האָט קארל דער תם אין די
יאָרן 899, 914 און 922 אוועקגעשאָנקען דעם ארציבּיסקופּאט און די
קירכן אין נארבאָן — די שטיקער ערד, ווייגגערטנער, הייזער און מילן,
וועלכע האָבן אָנגעהערט צו יידן און פון וועלכע די יידן האָבן פריער
געצאָלט אלס אָפּגאָב א צענט-חלק. די דערקלערונג פאר דערדאָזיקער
קאָנפיסקאציע פונם יידישן אומבאוועגלעכן באזיץ ליגט דערין, וואָס מיט
דער אנטוויקלונג פון דעם פעאָדאלן סיסטעם האָט דאָס יידישע ערד-
אייגנטום אויפן לאנד אָנגעהויבן אלץ מער שטעכן אין די אויגן, מחמת
צוזאמען מיטן ערד-אייגנטום האָט מען געהאט באדייטנדע פּאָליטישע
און געריכטלעכע פריווילעגיעס, און צוליב קירכלעכע, ווי אויך צוליב
וועלטלעכע מאָטיוון האָבן די קריסטן נישט געקאָנט פארטראָגן, אז די-
דאָזיקע זכיותן זאָלן ליגן אין יידישע הענט.

דאָס קנאַפּע ביסל ידיעות, וועלכע מיר באזיצן מכוח יידישן ערד-
אייגנטום אויפן לאנד אין יענע צייטן, גיט אונז פונדעסטוועגן די מעג-
לעכקייט צו שאפן זיך א באגריף וועגן דער כסדרדיקער פארענדערונג פון
די פריווילעגיעס, וואָס זענען געווען צוגויפגעבונדן מיטן יידישן ערד-
אייגנטום. אין דער צייט, וואָס אין 8-טן י"ה שרייבט נאָך דער פּויפּסט
סטעפאן III וועגן יידישע ,,ירושה-גיטער אויפן פלאכן לאנד און אין
די פאָרשטעט" (allodia sereditatum in vills et suburbonis), און דאָס וואָרט
,,allodia" וואָס ווערט געברויכט אין דעם פּויפּסטלעכן בריוו
בנוגע די יידישע נחלאות, לאָזט משער זיין, אז די יידישע נכסי דלא
ניידי זענען פריי געווען פונם פעאָדאלן באנד און פון צינז-פליכטן, —
קלינגט א ביסל אויסטערליש אין די שוצבריוו פונם קעניג לודוויג דעם
פרומען (ערשטע העלפט פון 9-טן י"ה), מחמת דאָס יידישע ערד-אייגנ-
טום ווערט דאָ באצייכנט מיט די ווערטער ,,res propriae". וואָרים, ווי

באוווסט, ווערט דערדאָזיקער אויסדרוק באַנוצט אויך אַלס אַ באַצייכענונג פון ציינז־פּליכטיקן, פעאָדאַלן אייגנטום. אין די שוין דערמאָנטע שענ־קונגס־דאָקומענטן פון קאַרל דעם תּם (10־טער י״ה) לעזן מיר טאַקע אויך וועגן דעם, אַז די יידישע נחלאות, וואָס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן למובֿת די קלויסטערס אין גאַרבאָן, זענען פריער געווען ציינז־פּליכטיק.

פון 10־טן י״ה באַזיצן מיר נאָך אָט וועלכע אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן יידישע נחלאות אויפן פלאַכן לאַנד:

לערך אינם יאָר 945 ווערט צווישן די נחלאות פון אַ קלויסטער אין מעץ דערמאָנט אויך אַ וויינגאָרטן, וואָס האָט פריער געהערט צו אַ ייד דוד. דער „ראָדאַניט אבֿראהים איבן יעקבֿ דערמאָנט אין זיינע רייזע־באַריכטן אַ יידישע זאַלץ־זידעריי אין דער געגנט פון נאַומבורג (970). אין י. 981 האָט אַ ייד, מיטן נאָמען שמואל, געוואָלט פאַרקויפן צו אַ קלויסטער זיין דאָרף שיערשטאַט (אין דער געגנט פון רעגענסבורג). האָט ער קודם־כל געמוזט אַרויסקריגן פון קיסר אַ דערלויבעניש דערויף. אַ ראיה, אַז דער ייד האָט נישט געהאַט קיין אומבאַגרענעצט אייגנטומס־רעכט אויף דעם דאָרף און אַז עס האָט זיך אייגנטלעך געהאַנדלט וועגן פאַרקויף פון זיינע „נוץ־רעכט", דהיינו, פון זיינע רעכט צו באַנוצן די ערד, וואָס איר באַלעבאָס איז געווען דער קיסר.

פון די איבעריקע לענדער אין מערבֿ־אייראָפּע לאָזט זיך אויסווייזן אין ענגלאַנד יידיש ערד־אייגנטום אין מיטן י״ה. אַרום י. 833 האָט דער קעניג וויטגלעף באַשטעטיקט פאַר דעם קלויסטער אין קראָילענד דאָס אייגנטום־רעכט איבער אַלע נחלאות, וועלכע דער קלויס־טער האָט באַקומען געשאָנקען אָדער וועלכע ער האָט געקויפט ביי „אַדלייט און יידן". דיזאָזיקע ידיעה גיט אַ גרונט אָנצו־נעמען, אַז בנוגע דעם ערד־אייגנטום זענען די ענגלישע יידן דעמאָלט גע־ווען גלייכגעשטעלט מיט די קריסטן.

אין איטאַליע, וואו מיר האָבן אין 6־טן י״ה באַגעגנט אַ סך יידן — ערד־אייגנטימער און „קאָלאָנען" — איז פון יענער צייט אָן נישט פאַרבליבן קיין שום ידיעה וועגן יידישע לאַנד־גיטער. ערשט אַרום דער העלפט פון 10־טן י״ה דערציילט אַ יידישע קוועלע וועגן יידישע פוי־ערים, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער געגנט פון רוים.

זייער באַדייטנדיק איז געווען אין דער באַהאַנדלטער תקופה די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע ראָלע פון די שפּאַנישע יידן, נאָר וועגן דעם וועלן מיר באַריכות שרייבן אויף אַן אַנדער אָרט.

פּונקט ווי אין שפּאַניע, האָט די לאַנדווירטשאַפט פאַרנומען דעם אויבנאָן אינם ווירטשאַפטסלעבן פון די יידן אין די מזרח־אייראָפּעישע

סלאַוון-לענדער און בפרט אין די ווייטע שטחים פון דער כוזרישער מלוכה, וואָס האָט אין מזרח-אייראָפּע געבליט פון לערך דעם 6-טן י"ה ביז דעם יאָר 969, ווען זי איז צעשמעטערט געוואָרן דורך די וואַרע-גאָרזםן.

פאַנאַנדערקלייבנדיק זיך אין די עלטסטע ידיעות וועגן די יידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין דער כוזרישער מלוכה און האָבן זיך דאָן, נאָכן צוזאַמענבראָך, פאַרשפּרייט איבער רייסן, פּוילן, משעכיע, שלעזיע און אונגאַרן, לאָזט זיך פעסטשטעלן דאָס פּאָלגנדיקע בילד פון די יידישע וואַנדערונגען: דעם סאַמע עלטסטן צושטראָם קיין מזרח-אייראָפּע בילדן די יידן פון אַרמעניע און קאַווקאַז, מיר געפינען זיי אויף די ברעגן לענדער פון שוואַרצן ים שוין א פּאָר יאָרהונדערטער פאַר קריסטוסן (לויטן עדות פון משה כאָרענסקי) און זיי האָבן זיך מיט יאָרהונדערטער שפּעטער פאַרשפּרייט אויך איבער די סלאַווישע שטחים, וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן דורך די כוזרים. די צווייטע עלטסטע איינוואַנדערונגס-שיכט בילדן די גריכישע יידן, וועלכע מיר באַגעגענען אויף די ברעגלענדער פון שוואַרצן ים שוין אין דער צייט פון קריסטוסן. די גריכישע יידן זענען גלייכצייטיק דער שטאַרקסטער איינוואַנדערונגס-עלעמענט אין די סלאַוון-לענדער, זייער איינוואַנדערונג גייט אָן א הפסקה גאַנצע צען יאָרהונדערטער זינט קריסטוסעס געבורט. אין 8-טן י"ה ווערט די איינוואַנדערונגס-באַוועגונג אין די צפון-לענדער פון מזרח-אייראָפּע פאַרשטאַרקט דורך פּערסישע, אַראַבישע און עגיפּטישע יידן און ביים אָנהויב פון 10-טן י"ה דורך יידישע עמיגראַנטן פון ארץ-ישראל.

וואָס שייך די כוזרים גופא, האָבן זיי זיך באַוויזן אין די צפונדיקע טיילן פון מזרח-אייראָפּע שוין אין 5-טן י"ה, די עלטסטע באַשרייבונגען פון דעם כוזרים-לאַנד שטעלן פאָר זיין קאָמפּלוסטיקע באַפעלקערונג, ווי א וואַנדער-פאָלק, וואָס פאַרנעמט זיך מיט האָדעווען בהמות און מיט געיעג. אַזוי, למשל, דערמאָנט שוין וועגן די כוזרים יאָרדאַנעס, א גריכישער שרייבער פון 6-טן י"ה: „אויף דרום פון די עסטן וואוינט דאָס העלדישע פאָלק אַנגאַזירן (כוזרים), וואָס קען נישט קיין ערד-אַרבעט און וואָס האַלט זיך אויף פון סטאַדעס און געיעג". שפּעטער, ביים סוף פון 7-טן י"ה, האָבן זיך די כוזרים באַזעצט אויף שטענדיק, וואָרים שוין אין 7-טן י"ה דערמאָנען די קוועלן וועגן א שטענדיקער רעזידענץ פונם כוזרישן כאַגאַן אין איטיל (אַסטראַכאַן) ביי דער לעפצונג פון דער וואָלגא. דאָס אָנקומען פון די יידישע עלעמענטן אין דעם כוזרים-לאַנד פאַלט אויס מיט דער גרעסטער וואַרשיינלעכקייט אין יענער צייט. די יידישע אימיגראַנטן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט די קענט-

שאפט פון דער אגראר־ווירטשאפט און מלאכה, וואָרים דאָס זענען געווען, ווי מיר וועלן דאָס נאָך זען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען, די הויפּט־באַשעפטיקונגען פון די איינוואַנדערנדיקע אַזיאַטיש־אַפריקאַנישע יידן, בעת זיי האָבן נאָך געוואוינט אין זייער אַלטער היים. און דאָסזעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן די גריכיש־ביזאַנטינישע יידן, וואָס האָבן, ווי שוין באַטאָנט, פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם שטאַרקסטן איינוואַנדערונגס־עלעמענט אין דער כוזרישער מלוכה. דער יידישער עלעמענט, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אין די ברייטע שטחים פונם כוזרים־לאַנד האָט א חוץ זיין רעליגיעזער ראָלע (דאָס איבערפירן די כוזרים צום יידישן גלויבן אַרום דער העלפט פון 8־טן י״ה), געשפּילט א גרויסע ראָלע אויך אַלס פּיאָנער פון ווירטשאַפטלעכן פאָרשריט אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט און מלאכה.

אינם 9־טן י״ה לויבט דער אַראַבישער געאָגראַף מוקוואַדעַרי די כוזרישע בינען־ און פי־צוכט. פון אַן אַנדערן אַראַבישן רייזנדער, איבן האוקאל, דערוויסן מיר זיך, אַז אין 10־טן י״ה האָט דאָס כוזרים־לאַנד געשמט מיט זיין אַקערבוי, א חוץ דעם האָט דאָרט געבליט די זייד־צוכט, וואָס צו איר אַנטוויקלונג האָבן אין א גרויסער מאָס ביינעטראָגן די גריכישע יידן. א גאָר העל ליכט אויף די לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אינם כוזרים־לאַנד אין 10־טן י״ה וואַרפט דער באַרימטער בריוו פונם כאַגאַן יוסף צום יידישן פאַרוואַלטער פונם מלוכה־אוצר אין קאָרדאָווא, חסדאי איבן שפרוט, צווישן אַנדערע לייענען מיר דאָרט אַזא באַריכט וועגן דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע אין דער מלוכה פונם כוזרישן „מלך המלכים״:

„אין גיסן פאַרלאָזן מיר זיי (ד. ה. די שטעט, אין וועלכע די כוזרישע באַפעלקערונג שיצט זיך בעתן ווינטער) און א יעדער גייט זיך צו זיין פעלד און גאָרטן, וועלכן ער באַאַרבעט, יעדע משפחה האָט זיך איר נחלה, וועלכע זי באַוואוינט, און נאָכן ווינטער גייט זי אַהין מלא ששון ושמחה. דאָרט וועסטו נישט הערן דאָס גערודער פון קיין מופקרים, דאָרט וועט דיך נישט באַגעגענען קיין שונא, און קיינער וועט דיר נישט שטערן, אין לאַנד פעלט נישט קיין סך רעגנס, דערפאַר האָט עס אָבער א סך וואַסערן, וואָס זענען רייך אין פיש. אין לאַנד זענען דאָ א סך וואַסער־קוואַלן, און די ערד איז א גוטע און פרוכטבאַרע. ׳עס זענען פאַראַן פעלדער, וויינגערטנער, גערטנער, מחיה־נפשותדיקע סעדער, און אַלץ באַשווענקען די וואַסערן, און מיר האָבן אין א גרויסער צאָל אויבסט־ביימער. דער כאַגאַן וואוינט אויף א אינזל „וואו ס׳געפינען זיך גערטנער, וויינגערטנער, פעלדער און סעדער״.

די אױבנדיקע באַשרײַבונג װערט באַשטעטיקט אױך דורך אַנדערע קװעלן פֿון יענער צײַט, בפֿרט דורך די באַריכטן פֿון דעם ייִדישן רײזנדער אַבראַהים איבן יעקבֿ (965). מיר געפֿינען דאָ אַזעלכע ידיעות װעגן די „צפֿון־שבֿטים", צו װעלכע עס באַלאַנגען די כּוזרים:

„און די טריקעניש איז פֿאַר זײ ניט שרעקלעך; קײנער פֿון די, װאָס װערן באַפֿאַלן פֿון דער טריקעניש, האָט פֿאַר איר ניט קײן מורא מיט דעם, װאָס אין דעמדאָזיקן לאַנד איז דאָ אַ סך פֿײַכטקײט און גרױסע פֿרעסט. זײ פֿאַרזײען זײערע פֿעלדער צװײ מאָל אין יאָר, זײ זאַמלען צװײ מאָל צונױף זײערע תּבֿואות, דער גרעסטער חלק פֿון זײער שניט איז הירזש. װאָס שײך די בײמער, װאַקסן דאָרט דאָס רובֿ: עפּל־בײמער, באַרנבײמער און פֿלױמען־בײמער".

װײַזט אױס, אַז דאָס װירטשאַפֿטלעכע לעבן פֿון די ייִדן אינעם כּוזרים־לאַנד האָט זיך מיט גאָרניט ניט אונטערגעשײדט פֿון דער װירטשאַפֿטלעכער טעטיקײט פֿון די כּוזרים. דערצו האָט גורם געװען, ראשית, די פֿולשטענדיקע רעליגיעזע טאָלעראַנץ, װאָס האָט געהערשט בײַ די כּוזרים און װאָס װערט אונטערגעשטראָכן דורך אַלע אַראַבישע געאָגראַפֿן און, והשנית, האָט אין דעראָזיקער ריכטונג געװירקט דערעיקרשט דאָס עפּאָכאַלע געשעעניש אַרום דער העלפֿט פֿון 8־טן י"ה, װען די ייִדישע רעליגיע איז געװאָרן די אָפֿיציעלע אמונה פֿונעם לאַנד. דעראָזיקער מאָמענט האָט פֿאַרגיכערט די אַסימילאַציע פֿון די ייִדן מיט די כּוזרים אױף אַלע געביטן פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן און װירטשאַפֿטלעכן לעבן.

אײדער מיר צעשײדן זיך מיט דער באַהאַנדלטער תּקופֿה, מוזן מיר נאָך װאַרפֿן אַ בליק אױף דעם װירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון די גריכיש־ביזאַנטינישע ייִדן, װאָס האָבן, װי שױן באַמערקט, מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם װיכטיקסטן אײנװאַנדערער־עלעמענט אין די שטחים פֿון דער כּוזרישער מלוכה (זײערע װאַנדערונגען האָבן געטראָגן אַ מאַסן־כאַראַקטער, דערעיקרשט אין די יאָרן 723, 868 און צװישן 919—944, װען זײ האָבן געהאַט אױסצושטײן גרױסע רדיפֿות אין דער ביזאַנטינישער מלוכה). װאָס אמת, װײסן מיר ניט קײן סך װעגן דער װירטשאַפֿט פֿון די ביזאַנטינישע ייִדן אין דער תּקופֿה, װאָס מיר פֿאָרשן דאָ, אָבער אױך דאָס ביסל ידיעות, װאָס איז אונדז פֿאַרבליבן, זאָגט עדות װעגן דעם, אַז זײער הױפּט־באַשעפֿטיקונג איז דעמאָלט געװען ערדאַרבעט. שױן אין אײנער פֿון קיסר יוסטיניאַנס נאָװעלן װערן דערמאָנט ייִדישע „געאָרגאָ", ד. ה. פּױערים. אַ העבֿרעישע קװעלע, װאָס שטאַמט פֿון דערזעלבער צײַט, באַצײכנט אַלס גאָטס ברכה אַ ייִדיש הױז, פֿול מיט תּבֿואה, אַרבעס און לינזן. פֿון סאַמע אָנהױב פֿונעם 11־טן י"ה זענען

אונז פאַרבליבן צוויי גריכישע דאָקומענטן, אין וועלכע ס'טרעט ארויס א ייד, א געוויסער מ ע אָ פ י ל א ק ט אָ ס, אלס קונה פון אקערערד. א חוץ לאנדווירטשאפט האָבן זיך די גריכישע יידן פארנומען אויך מיט מלאכה און אינדוסטריע. וועגן די יידן אין ס פ א ר ט א גיט אָן א קווע־לע, אז אין י. 982 האָט מען זיי געוואָלט ארויסטרייבן צוליב אן עפּי־דעמיע, וואָס איז דעמאָלט אויסגעבראָכן אין דער שטאָט. קעגן דעם גע־פּלאנטן גירוש זענען אָבער ארויסגעטראָטן מיט א פּראָטעסט די אָנגע־זעענסטע בירגער פון דער שטאָט, מאָטיווירנדיק דעם פּראָטעסט דערמיט, וואָס די יידן שפּילן זייער א וויכטיקע ראָלע אין דער ו ו ע ב ע ר ײ. פון אנדערע קוועלן דערוויסן מיר זיך, אז דער יידישער אָנטייל איז באזונדערס שטארק געווען אין דער ביזאנטינישער ז ײ ד - ו ו ע ב ע ר ײ. אין קאָנ־סטאנטינאָפּאָל האָבן זיך די יידן פארנומען מיט ט י ש ל ע ר ײ, ג ל אָ ז־א ו י ס א ר ב ע ט ו נ ג און מ י נ ץ. משמעות, צוליב דער באשעפטיקונג פון די יידן האָט דעמאָלט איין יידישער קווארטאל אין קאָנסטאנטינאָ־פּאָל געהייסן „כאלקאָפּראטייא", ד. ה. „מעש-יריד". וועגן דעם האנדל פון די גריכישע יידן אין יענער צייט איז אין קול ואין עונה.

קאַפּיטל פיר

דאָס ווירטשאַפטס-לעבן פון די יידן אין די לענדער אונטער דער מאַכמעדאַנישער ממשלה

§ 9 די סאָציאַלע לאַגע פון די יידן אונטער דער מאַכמעדאַנישער ממשלה.

מיטן נאָמען פון אָמאַר, דעם צווייטן קאַליף נאָך מאַכמעדן (1-טע העלפט פון 7-טן י"ה), ביינדט די טראַדיציע צונויף די ערשטע פאַראָרדענונגען, וואָס האָבן רעגולירט די עפנטלעך-רעכטלעכע לאַגע פון די אַנדערש-גלויביקע און בפרט פון די יידן אין די לענדער, וואָס זענען דעראָבערט געוואָרן דורך די מאַכמעדאַנער. לויט דידאָזיקע פאַראָרדענונגען, וואָס זענען באַוואוסט אונטער דעם נאָמען „אָמאַר-פּאַקט", ווערן די יידן און בכלל די אַנדערש-גלויביקע באַטראַכט ווי מענטשן פון דער צווייטער מדרגה, וואָס קאָנען געניסן בלויז באַגרענעצטע בירגער-רעכט און דאָס אויך נאָר אונטער געוויסע באַדינגונגען, וואָס ווערן פעסטגעשטעלט אין ספּעציעלע אָפּמאַכן מיט די קאַליפן. דאָס זענען די באַדינגונגען, וואָס אָמאַר זאָל האָבן פעסטגעשטעלט:

1) בכדי צו באַוואָרענען דעם כאַראַקטער פון דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן אַלס די הערשנדיקע רעליגיע, זענען די יידן און די איבעריקע אַנדערש-גלויביקע מחויב צו באַציִען זיך מיט דעם געהעריקן רעספּעקט צו די מאַכמעדאַנער. זיי טאָרן נישט בויען קיין נייע טעמפּלען און באַנייען אַלטע.

2) אַלס צייכן, אַז זיי זענען אונטערגעוואָרפן די מאַכמעדאַנער, ווערט די יידן און די איבעריקע אַנדערש-גלויביקע פאַרווערט עפנטלעך אָפּצוריכטן זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס. צוליב דעמזעלבן טאָרן זיי נישט טראָגן קיין זיגל-רינגען, רייטן אויף פערד (נייערט אויף

אייזלען), טראָגן דיזעלבע באקליידונג, וואָס די מאכמעדאנער (גייערט מיט א שאנד־צייכן), טראָגן לאנגע האָר און אז. וו.

3) בכדי די יידן און די איבעריקע אנדערש־גלויביקע זאָלן נישט האָבן קיין דעה איבער מאכמעדאנער, טאָרן זיי נישט צוגעלאָזט ווערן צו קיין שום מלוכה־שטעלעס.

4) די יידן און די איבעריקע אנדערש־גלויביקע צאָלן ספּעציעלע שטייערן לטובת די קאליפן.

אויף וויפל דידאָזיקע באדינגונגען ווערן אָפּגעהיט דורך די אנדערש־גלויביקע, באקומען זיי מצד דער מלוכה שוץ פאר זייער לעבן און פארמעגן און זיי קאָנען די אינערלעכע ענינים רעגולירן אויף אויטאָנאָמע יסודות.

עס איז נישט פעסטגעשטעלט, צי די אויסגערעכנטע באדינגונגען זענען אינדערמאָתן אויפגעקומען שוין אין דער צייט פון אָמארן. ווארשיינלעך שטעלט דער „אָמאר־פּאקט" מיט זיך פאָר א קאָדיפיקאציע, וואָס א ריי פּונקטן זענען אין איר אריינגענומען געוואָרן אין שפּעטערע צייטן אונטער פארשיידענע פאנאטישע קאליפן, ווי, א שטייגער, אונטער אל־מיטאוואקיל (ארום דער העלפט פון 9־טן י"ה), אל־האקים (סוף פון 10־טן און אָנהויב 11־טן י"ה) און אנדערע. יעדנפאלס בלייבט זיכער, אז שוין אין אָמארס צייטן איז דורכגעדרונגען דער פּרינציפּ, אז די איבעריקע „אומגלויביקע" ווערט מצד די קאליפן פארגאראנטירט א שוץ פאר זייער לעבן און פארמעגן, אויב זיי צאָלן ספּעציעלע שטייערן.

אונטער דער בדרך־כלל מילדער הערשאפט פון די קאליפן זענען די דערנידערנדיקע באדינגונגען ס'רוב געבליבן בלויז אויפן פּאפּיר. אן אויסנאם שטעלט מיט זיך פאָר דער שטייער־פּונקט, וואָס איז תמיד שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן דורך די מאכמעדאנישע מאכטהאָבערס.

די אָפּצאָלונגען לטובת די קאליפן זענען באשטאנען פון צוויי הויפּט־שטייערן: א) דער קאָפּ־שטייער און ב) דער ערד־שטייער, גערופן „כאראדזש".

וואָס שייך דעם קאָפּ־שטייער, ווערן מיר וועגן אים גענויער אינפאָרמירט דורך א טראקטאט וועגן שטייערן, וואָס איז אין דער צייט פון דעם בארימטן קאליף הארון אל ראשיד (786 — 809) פארפאסט געוואָרן דורך זיינעם א בעל־יועץ, איבן־יוסוף און וואָס האָט, ווי ס'ווייזט אויס, געדינט אלס א באזע פאר דער שטייער־פּראקטיק הן פון הארון אל ראשיד, הן פון די שפּעטערדיקע קאליפן. לויט די אָנווייזונגען פון איבן־יוסוף האָט מען דעם קאָפּ־שטייער גענומען פון די יידן און די איבעריקע „אומגלויביקע" בלויז לויט דער

צאָל מענלעכע קעפּ. פּרויען, קינדער, אָרעמע און שווער־קראַנקע זענען פון אים באַפרייט געוואָרן. דעם שטייער האָט מען געצאָלט לויט די פאָלגנדיקע דריי קלאַסן:

1) גרויסע סוחרים, ערד־באַזיצער און רופאים האָבן געצאָלט אַ קאָפּשטייער אין דער הויך פון 48 דירהעם (לערך 9 דאָלאַר) אַ יאָר; 2) דער מיטלשטאַנד, דהיינו, קליינע סוחרים און האַנטווערקער — די העלפט און 3) דער נידעריקסטער קלאַס, דהיינו, האַנטווערקער, וואָס אַרבעטן אָן געזעלן, ווי שניידער, פאַרבער, שוסטער און אַז. וו. — 12 דירהעם. דער קאָפּשטייער ווערט איינגעצויגן דורך ספּעציעלע מלוכה־באַאמטע, וואָס ווערן אַריינגעזעצט אין יעדער גרעסערער שטאָט און וואָס האָבן צו זיך יועצים פון צווישן די „אומגלויביקע" שטייער־צאָלער.

אַ ווערק וועגן דער מלוכה־קאָנסטיטוציע, וואָס איז אין דער ערשטער העלפט פון 11־טן י"ה פאַרפאַסט געוואָרן דורך דעם אַראַבישן געלערנטן אַ ל־מ אַ וו ע ר ד י, גיט אונז איבער, אַז אין באַגדאַדער קאַליפאַט האָבן דעמאָלט געהערשט צוויי מיינונגען וועגן דעם קאָפּשטייער: איין מיינונג איז געווען, אַז מען זאָל בלייבן ביי דעם געשילדערטן דריי־קלאַסן־סיסטעם פון א י ב ן י ו ס ו ף. אַנדערע, ווידער, האָבן געהאַלטן, אַז דער קאַליף דאַרף האָבן דאָס רעכט, צו שליסן מיט די פאָרשטייערשאַפטן פון די „אומגלויביקע" ספּעציעלע אָפּמאַכן וועגן דער הויך פון דעם קאָפּ־שטייער. וואָס קאָן זיין פאַרשיידן אין פאַרשיידענע ציימן. ביי ביידע סיסטעמען איז אַלנפאַלס אָפּגעהיט געוואָרן דער פּרינציפּ פון פאַרשטענדיקונג מיט די פאָרשטייער פון די שטייער־צאָלער און פון צוציען זיי אַלס מיטהעלפער ביים איינמאָנען די שטייערן. אַ פּרינציפּ, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם עפנטלעך־רעכטלעכן יסוד פאַר דער אַנטשטייונג און פאַר דער מאַכט פון אַזאַ הויכן אַמט, ווי דער עקסילאַרך — דער ר י ש־ג ל ו ת אַ, וואָס איז לויט זיינע פונקציעס געווען דער העכסטער יידישער שטייער־באַאמטער, אַ פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דעם איינמאָנען די יידישע שטייערן.

דער ערד־שטייער אָדער „כאַראַדזש" האָט לויט די אויפגעהיטע ידיעות באַטראָפן: ביי ערדאַרבעט — די העלפט פון אַלע הכנסות, ביי גערטנעריי און פישעריי — איין פערטל פון די הכנסות.

ווי מיר זעען, איז די שטייער־לאַסט, וואָס די יידן האָבן געהאַט צו טראָגן אונטער די קאַליפן, געווען אַן אומגעהויער שווערע און זי האָט אויך — ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען — אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען דערצו, אַז דאָס ווירטשאַפטס־לעבן פון די יידן זאָל מיט דער ציים דורכמאַכן אַן עוואָלוציע אין דער ריכטונג פון האַנדל און קרעדיט־געשעפטן.

ווען אויסערגעוויינלעכע שטייער-באדריקונגען מצד די קאליפן זענען אונז פארבליבן ידיעות בלויז אויס דער צייט פון אל-מיטאוואקיל (847—861) און פון דעם מצרישן קאליף אל-האקים (996—1021). דער ערשטער זאָל האָבן פארדאָפּלט דעם נאָרמאלן יידישן קאָפּשטייער און קאָנפיסקירט דעם 10-טן חלק פון אלע יידישע הייזער.

§ 10 דאָס ווירטשאפטס-לעבן פון די יידן.

פאר דעם פרייז פון די גרויסע שטייערן, וועלכע די קאליפן האָבן גענומען פון די יידן, האָבן די יידן נישט געהאט קיין שום שטערונגען אין זייער עקאָנאָמישן לעבן און זיי האָבן אויך אנטוויקלט א טעטיקייט כמעט אויף אלע געביטן פון דער ווירטשאפט.

מיר וועלן דאָ ווייטער באטראכטן דאָס יידישע ווירטשאפטס-בילד לויט די לענדער, איבער וועלכע ס'האָט זיך מיט דער צייט פארשפרייט די ממשלה פון די קאליפן.

מיר הויבן אָן אונזער איבערבליק פון אראביע, דהיינו פון דעם לאנד, וואו עס האָט זיך צום פריסטן באפעסטיקט די מאכט פון די מאכמעדאנער. אין דער צייט, ווען מאכמעד האָט געמאכט זיינע גרויסע דעראָבערונגען אין אראביע, איז דער אראבישער האלב-אינזל געווען באוואוינט דורך א ריי יידישע, זעלבשטענדיקע שבטים, דהיינו: דורך די בני נאדהיר, בני קוראיזא און בני קאינוקא אין דער געגנט פון יאתריב (מעדינא), דורך דעם כייבארער שבט און א ריי יידישע קאָלאָניעס אין דער געגנט פון דער צפונדיקער ארבעטער-שטאָט תאימא, ווי אויך דורך דעם שבט פון די אראביש-יידישע הימיטאדיטום אָדער האָמרידן אין דרום-אראביע. אחוץ דעם ווערן נאָך דערמאָנט צוויי יידישע שבטים, ווי די בני גהאדיא און בני ארידו, וואָס זייערע וואוינערטער קאָנען גענויער נישט באשטימט ווערן. א יעדער שבט האָט געציילט אייניקע טויזנטער נפשות. דער גרעסטער איז ווייזט-אויס געווען דער כייבארער. וואָס שייך דעם לעצטן, האָבן מיר אין דעם ערד-שטייער, וועלכן ער האָט געצאָלט מאכמעדן, א שטיצפונקט אויף צו בארעכענען זיין גרויס. מיר ווייסן, נעמלעך, אז מאכמעד האָט פון די כייבארער יידן באקומען אין דער פאָרם פון ערד-שטייער „2000 וואסק" ווייצן און „20.000 וואסק" טייטלען. אזוי ווי 4 וואסק טייטלען האָבן — לויט אויפגעהיטע ידיעות פון יענער צייט — געקלעקט אויף צו דערנערן איין מענטשן אין משך פון א גאנץ יאָר און די כייבארער טייטלען-פּראָדוקציע האָט לויט דער ציפער פון דער ערד-שטייער באטראָפן א יאָר 80.000 וואסק (דהיינו 4 מאָל אזוי פיל, וויפל דער ערד-שטייער), איז ארויסצודרינגען, אז די כייבארער יידן האָבן גע-

ציילט מינדעסטנס 20,000 נפשות. וועגן אנדערע צוויי שבטים ווערן אונז איבערגעגעבן אזעלכע ציפערן: די ב נ י ק א י נ ו ק א האָבן געציילט 700 דערוואַקסענע און די ב נ י ק ו ר א י ז א 600 באוואָפנטע מענער, און דאָס לאָזט משער זיין, אז צוזאמען מיט די פרויען און קינדער האָט א יעדער פון די שבטים געציילט מינדעסטנס 2000 נפשות.

א יעדער שבט האָט געהאט זיינעם א נשיא — א שייך, וואָס פלעגט באזאָרגן די ענינים פונם שבט סיי אין שלום-צייט, סיי אין א צייט פון מלחמה. וואָס שייך דערווירטשאפטלעכער טעטיקייט פון די שבטים, ווערן אונז איבערגעגעבן אזעלכע פרטים: די בני קאינוקא האָבן געשמט אלס טיכטיקע י ו ב ע ל י ר ן און ג אָ ל ד-ש מ י ד ן, דאקעגן די אנדערע שבטים האָבן געצויגן זייער יניקה דערעיקרשט פון א ק ע ר-ב ו י און פ א ל מ ע ן-פ ל א נ צ ו נ ג ע ן, ווי עס באווייזט דאָס דער ערד-שטייער, וועלכן זיי האָבן געצאָלט אין דער פאָרם פון נאטור-אָפגאָבן און וועלכער איז באשטאנען פון ווייצן, גערשטן, טייטלען וכדומה. די כייבארער יידן האָבן זיך אחוץ אקערבוי און גערטנעריי באשעפטיקט אויך מיט האָדעווען בהמות און עופות. די הימיארידן אין דרום-אראביע האָבן זיך ווידער צום טייל אויך פארנומען מיט קאראוואן-האנדל, וואָס איז פון דרום-אראביע געגאנגען צו מזרח-זייט קיין אינדיע און צו מערב-זייט קיין עגיפטן.

צווישן די יאָרן 632 — 656 דעראָבערט דער יונגער איסלאם בבל און פערסיע און ער נעמט אוועק ביי די ביזאנטינער סיריע, פאלעסטינע, עגיפטן און די צפון-ברעגן פון אפריקע. אונטער די קאליפן פון דער אָ מ א י א ד ן-ד י נ א ס ט י ע איז ד מ ש ק די רעזידענץ פונם קאליפאט. זינט דער העלפט פון 8-טן י״ה ווען עס הויבט זיך אָן דער רעזשים פון דער א ב ב א ס י ד ן-ד י נ א ס ט י ע, ווערט דערהויבן צו דער מדרגה פון א רעזידענץ-שטאָט די שטאָט ב א ג ד א ד. אין דער צווייטער העלפט פון 10-טן י״ה הויבט זיך אָן צו וואקלען דער באגדאדער קאליפאט: עס פאלן פון אים אָפּ אזעלכע מדינות, ווי עגיפטן, פאלעסטינע און סיריע, וואו עס באפעסטיקט זיך די קאליפן-דינאסטיע פון די פ א ט י מ י ד ן.

באזעצנדיק זיך אין די נאָר-וואָס דערמאָנטע לענדער, האָבן די מאכמעדאנער נישט דורכגעפירט קיין שום ערד-טיילונגען, ווי עס האָבן דאָס, א שטייגער, געמאכט די גערמאנען לגבי די באזיגטע „רוימישע בירגער״, ביי וועלכע זיי פלעגן צונעמען ביז $2/3$ פונם קולטור-לאנד און א העלפט פון וואלד און קרקע-בתולה. די מאכמעדאנער פלעגן סאנקציאָנירן דעם אָנגעטראָפענעם באזיץ-צושטאנד און זיי פלעגן פון דער אָרטיקער באפעלקערונג בלויז פארלאנגען די אונז שוין באוואוסטע ערד- און

קאָפּ-שטייערן, לויט א פאַראָרדענונג פון אָמארן איז אפילו פאַרווערט געווען די מוזולמאַנען צו באַשעפטיקן זיך אויסערהאלב אַראַביע מיט אַקערבוי, וואָרים דאָס וואָלט זיי געשטערט אין דעם מיליטער-דינסט בעת דער שטורמישער צייט פון די דעראָבערונגס-מלחמות. בכן האָט די אָרטיקע באַפעלקערונג געקאָנט רואיק בלייבן ביי אירע אַלטע באַשעפטיקונגען, אויב זי האָט זיך נאָר מתחייב געווען צו צאָלן די אויף איר אַרויפגעלייגטע, אגב, זייער שווערע שטייער-לאַסטן. פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין די דעראָבערטע לענדער האָט דאָס געהאַט א גרויסע באַדייטונג, מחמת זי האָט פאַרן פרייז פון די שטייערן געקאָנט אָפּראַטעווען אירע לאַנדווירטשאַפטלעכע וואַרשטאַטן, וואָס האָבן אין דער צייט פון די מאַכמעדאַנישע דעראָבערונגען געבילדעט דעם וויכטיקסטן קוואַל פון איר חיונה.

אין אַלגעמיין האָט זיך דאָס יידישע ווירטשאַפטס-בילד אין די דעראָבערטע לענדער אַנטוויקלט אויף אַזא מין וועג:

אין דער צייט, ווען סיריע און פּאַלעסטינע קומען אונטער דער ממשלה פון די אַראַבער (638), באַשעפטיקן זיך די דאָרטיקע יידן מיט אַקערבוי, מלאכה און האַנדל. אין פּאַלעסטינע באַגעגענען מיר אין דער ערשטער העלפט פון 7-טן י״ה רייכע יידישע ערד-באַזיצער, וואָס האָבן אויף זייערע ווייטע לאַנד-שטחים באַשעפטיקט שקלאַפן און פרייע פויערים — קאָלאָנען. אין דער יידישער געשיכטע האָט זיך איינער פון די זאָזיקע ערד-באַזיצער פאַרשריבן מיט טראַגישע מעשים פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג און געווען איז דאָס דער רומפולער פאָלקספירער בנימין פון טבריה (614—629), וואָס האָט צוזאַמען מיט די פּערסער געקעמפט קעגן דער ביזאַנטינישער ממשלה. פון יידישע האַנטווערקער אין פּאַלעסטינע ווערן אין די קוועלן פון דערזעלבער צייט אויסדריקלעך דערמאָנט גלאָז-בלאָזער. די סירישע יידן האָבן זיך מיטן אויפקום פון דער מאַכמעדאַנישער ממשלה שטאַרק באַטייליקט אינם האַנדל מיט אַראַביע און בפרט מיט די גרויסע ירידים-שטעט מעקא און מעדינא. לויט געוויסע ידיעות, וואָס זענען פאַרבליבן וועגן די האַנדלס-באַציונגען צווישן סיריע און מעקא, האָט דער סחורות-אומזאַץ פונם דאָזיקן האַנדל דעמאָלט באַטראָפן לערך איין פערטל מיליאָן גאָלדשטיק (לערך 700.000 דאָלאַר) א יאָר. וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער ווערט די באַטייליקונג פון די סירישע און פּאַלעסטינער יידן אינם האַנדל און אין דער מלאכה און אַלץ שוואַכער זייער אָנטייל אין דער לאַנדווירטשאַפט. אין א גאָר גרויסער מאָס האָט דערצו גורם געווען די שווערע שטייער-לאַסט פון די קאַליפן און בפרט די מוראַזיק גרויסע ערד-שטייערן, וואָס האָבן צוגענומען

פון די ערד־באַזיצער א העלפט פון די הכנסות. ווען פּאַלעסטינע און סיריע זענען אריבער צום קאַליפאַט פון די פאַטימידן (צווייטע העלפט פון 10־טן י״ה), איז דאָס ווירטשאַפטס־לעבן פון די דאָרטיקע יידן שוין געווען אזוי ווייט פאַרענדערט, אז דער אראבישער רייזנדער אַל־מו־קאַדאַסי, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט און וואָס האָט אליין געשטאַמט פון פּאַלעסטינע, האָט צווישן די סירישע יידן נישט געזען מער קיין לאַנדווירטן, נייערט לויטער „באַנקירן — געלט־פאַר־וועקסלער, מינצן־סאָרטירער, פאַרבער און גארבער". אין דידאָזיקע בא־רופן האָבן די יידן — לויט אַל־מוקאַדאַסיס עדות — געבילדעט א מער־הייט, בעת די קריסטן זענען געווען א מערהייט אין אזעלכע בארופן, ווי רופאים און „שרייבער"־באַאמטע. אַל־מוקאַדאַסי דערמאָנט אויך יידישע סוחרים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינם האַנדל צווישן סיריע און פּאַלעסטינע. ביים סוף פון 10־טן יאָרהונדערט באַגעגענען מיר אין סיריע אויף א הויכער מלוכה־שטעלע א ייד פון דמשק, א געוויסן מנשה אל־קאַזאַרא. ער איז געווען גובערנאַטאָר פון סיריע און האָט אלס אזעלכער נאָמינירט א ריי יידן אלס באַאמטע און שטייער־איינמאָנער.

ענלעך האָט אויך אויסגעזען די אנטוויקלונג אין בבל און אין פערסיע. אונטער די אָמאַיאַדן, וואָס האָבן געוועלטיקט ביז 750, באַגעגענען מיר ביי די יידן אין דידאָזיקע מדינות אן אנטוויקלטע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע קולטור: אין די קוועלן ווערן דערמאָנט יידן — ערד־באַזיצער, מילנער, פּי־ציכטער וכדומה, דאקעגן אונטער די אבאסידן (750 — 1040) רוקט זיך אלץ מער ארויס אין פאָדערגרונט דער יידישער האַנדל און קרעדיט, ווי אויך די יידישע מלאכה. דעם רוב בנין ומנין האָבן דעמאָלט — ווי ס'ווייזט אויס — די אין דעם אונז שוין באַוואוסטן שטייער־טראַקטאַט פון איבן־יוסוף (סוף פון 8־טן י״ה) דער־מאָנטע נידעריקע צוויי קלאַסן, דהיינו, קליינע סוחרים און האַנטווערקער און צווישן די לעצטע אזעלכע בעלי־מלאכות, ווי שניידער, שוסטער, פאַרבער און ד'אָסגלייכן. דער רייכער קלאַס פון גרויסע סוחרים, ערד־באַזיצער און רופאים איז מיט דער צייט אלץ מער אראָפּ פון דער ארענע צוליב די גרויסע שטייערן, מיט וועלכע ער איז געווען בעלאַסטעט. אין 8־טן און 9־טן י״ה איז דערדאָזיקער קלאַס — ווייזט אויס — געווען נאָך צימלעך שטאַרק, אָבער עס פעלן אין אים שוין די גרויסע ערד־באַ־זיצער. א ראיה — דאָס געזעץ פון דעם רעאקציאָנערן קאַליף אל־מוטאוואַ־קיל, וואָס איז ארויס אין י. 850. אין דעמדאָזיקן געזעץ ווערן אויס־פירלעך דערמאָנט אלע שיכטן פון די „אומגלויביקע" יידן און קריסטן.

עס רעדט זיך דאָ וועגן דעם העכסטן קלאַס, וועלכן עס בילדן לויט די ווערטער פון דעם געזעץ „אַזעלכע, וואָס פאַרנעמען שטעלעס אין הויף פונם קאַליף, ווי אויך גרויסע סוחרים און הויכע מלוכה־באַאַמטע", עס רעדט זיך ווייטער וועגן דעם מיטלשטאַנד, וואָס באַשטייט פון „קליינע סוחרים" און „קליינע באַאַמטע". עס ווערט סוף־כּל־סוף אויך דערמאָנט דער נידריקסטער קלאַס פון באַדינטע, שקלאַפן און אַז. וו. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דערביי, אַז צווישן די באַרופן פונם העכסטן קלאַס, וואָס ווערן, אגב, אַזוי געגנוי באַשריבן, ווערן שוין לגמרי נישט גענומען אין אַכט די גרויסע ערד־באַזיצער, ביי וועלכן עס האָט זיך נאָך געהאַט אין 8־טן י"ה אָפּגעשטעלט דער אַראַבישער מלוכה־מאַן איבן־יוסוף. וואַרשיינלעך זענען שוין אַזעלכע צווישן די יידן נישט געווען. עס האָבן בלויז געקאָנט מרעפן קליינע פּויערים און פּי־ציכטער מיט גאַנץ קליינע באַדערפעניש, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דעם ווייניקער באַשטייערטן קלאַס. אַזאַ איינדרוק באַקומט זיך אויך פון די תשובות הגאונים, וואָס שטאַמען פון יענע צייטן. לויט די ידיעות, וואָס זיי אַנטהאַלטן, האָבן לערך אין 10־טן י"ה פאַרנומען צווישן די יידן אין בבל דעם אויבנאָן „סוחרים, וואָס פירן א האנדל קיין מצרים" „געלט־פאַרוועקסלער און געלט־פאַרלייער (שלחנים)" און עס האָט געבליט צווישן די סוחרים א האנדל אויף קרעדיט, אויף וועקסלען, וועלכע מען פלעגט אויסשטעלן אויף גענומענע סחורות. וואָס אמת, ווערן אין די תשובות הגאונים אויך דערמאָנט אַזעלכע באַרופן, ווי א ק ע ר ב ו י, ג ע ר ט נ ע ר יי און מ ל א כ ה, אלס וויכטיקע יידישע פּראָפעסיע, אָבער עס פעלן דערביי ידיעות וועגן דעם, אַז צווישן די יידן זאָלן זיך דעמאָלט האָבן געפונען ג ר ו י ס ע ערד־באַזיצער און לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמער, ווי א שטייגער, באַזיצער פון גרויסע פּלאַנטאַציעס אָדער אייגנטימער פון גרויסע סטאַדעס בהמות. עס פעלן אויך ידיעות, אַז די הויכע יידישע באַאַמטע, וועלכע מיר באַגעגענען פון צייט צו צייט אויף די הויפן פון די קאַליפן, זאָלן האָבן געשטאַמט פון דעם שיכט גרויסע ערד־באַזיצער. דאַקעגן ווערט אין די קוועלן עפּטערס דערמאָנט, אַז צו אַזעלכע הויכע באַאַמטע־שטעלעס זענען באַרופן געוואָרן יידן, וואָס זענען געווען באַנקירן און גרויסע סוחרים. אלס א ביישפּיל קאָנען אונז דינען די ברידער א י ב ן־ס א א ד א י ב ר א ה י ם און א ב ו־נ א ש ה א ר ו ן, וואָס האָבן דערגרייכט אין מצרים אונטער דעם קאַליף אַז־זאַהירא (1021 — 1036) הויכע מלוכה־פּאָסטנס: ביידע זענען זיי געווען יידן פון פּערסיע און זיי האָבן זיך פאַר דער אויסוואַנדערונג קיין עגיפּטן פאַרנומען אין זייער פּערסישער היים, דער ערשטער מיט גאָלדוואַרג און דער צווייטער מיט באַנ־

קיר-געשעפטן און מיט מעקלערייַ בײַם קויפן גרויסע ערד-גיטער אין א י ר א ק און ע ג י פ ט ן. אז מסחר און באַנקירערייַ זענען געווען די הויפּט־באַשעפטיקונגען פון די רייַכערע יידישע שיכטן אין בבל און פּערסיע — דאָס לאָזט זיך אַרויסדרינגען אויך פון די באַרימטע באַריכטן פון א י ב ן ק ו ר ד ד ב ה (אַרום דער העלפט פון 9-טן י״ה) וועגן דעם אָריענט-האַנדל פון די „ראַדאַניטן“, וואָס בײַ זײ האָבן מיר זיך באַריכות אָפּגעשטעלט אין אן אַנדערן צוזאַמענהאַנג (פּאַרגל. קאַפּיטל III, § 7). וואָס אמת, זענען די „ראַדאַניטן“ געווען מערב-אייראָפּעישע יידן, דערעיקרשט יידן פון פראַנקרייַך און פון די דייַטשע ריין-געגנטן, אָבער זייערע פאַרצווייַגטע פאַרבינדונגען מיט דעם אָריענט און זייערע אָפּט דערמאָנטע נסיעות איבער פּערסיע, בבל, אַראַביע, אינדיע און כינע וואָלטן דאָך זיכער נישט געווען מעגלעך, ווען זײ וואָלטן נישט געהאַט אין די אָריענט־לענדער קיין באַציִונגען מיט די מזרח-יידן און בפרט מיט געניטע סוחרים און רייַזנדער צווישן די לעצטע. בלויז א דאַנק אַזעלכע באַציִונגען און דער הילף מצד די אָריענט-יידן איז די „ראַדאַניטן“ דערמעגלעכט געוואָרן אויסצובויען דעם אימפּאָזאַנטן יידישן וועלט-האַנדל, וואָס האָט אין משך פון אייניקע יאָרהונדערטער (ביז דעם סוף פון 10-טן י״ה) צונויפּ־געבונדען 3 ערד-טיילן — אייראָפּע, אזיע און אַפריקע.

וואָס שייך די יידן אין ע ג י פ ט ן און בכלל אין די צ פ ו נ ד י ק ע ב ר ע ג-ל ע נ ד ע ר פ ו ן א פ ר י ק ע טרעטן אַרויס די פאַרהעלטענישן אין העלערן ליכט ערשט אין 10-טן י״ה, בפרט זינט דער צייַט, ווען עס האָט זיך אין עגיפּטן אָנגעהויבן די ממשלה פון די קאַליפן, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער דינאַסטיע פ א ט י מ י ד ן. די באַציִונג צו די יידן איז אונטער די פאַטימידן געווען א סך גינסטיקער, ווי אינם דעמאָלטיקן באַג־דאַדער קאַליפאַט. די פאַטימידן האָבן — ווי ס׳ווייַזט אויס — אָפּערירט מיט א קלענערן שטייער-דרוק לגבי די אַנדערש-גלויביקע. באַזונדערס האָבן זײ שטאַרק פּראָטעזשירט די יידן, צולאָזנדיק זײ צו פאַראַנטוואָרט־לעכע מלוכה-שטעלעס. געוויינטלעך, אז פון עגיפּטן איז געוואָרן אונטער די פאַטימידן א שטאַרקער צוציִונגס-צענטער, וואוהין עס האָבן אייַנגע־וואַנדערט יידן פונעם באַגדאַדער קאַליפאַט. בײַם סוף פון 10-טן י״ה איז די באַדייַטונג פון די יידישע באַאַמטע אין עגיפּטן אַזוי געוואַקסן, אז איינער א מיצרישער דיכטער פון יענער צייַט, וועלכער איז, אגב, געווען די יידן ווייניק וואָס ליב, האָט באַטראַכט פאַר זיין „נאַציאָנאַלן“ חוב אַרויסצוטרעטן מיט אַזא ווייגעשרייַ: „די יידן — שרייַבט דערדאָ־זיקער דיכטער — האָבן אין אונדזער צייַט דערגרייכט דעם ציל פון זייער לעבן און שטרעבן. זײ האָבן דערגרייכט גרויסע מאַכט-פּאָזיציעס, זײ

האָבן גרויס חשיבות און אַ סך געלט! פון צווישן זיי ווערן אויסגעקליבן די
מלוכה-באַאַמטער און אַלע הויכע באַאמטע. אַ, איר מענער פון מצרים;
איך האָב פאַר אייך אַן עצה: ווערט יידן, וואָרים דער הימל גופא איז
געוואָרן אַ יידישער!" עס זענען אונז פאַרבליבן אַ ריי ידיעות, וועלכע
באַשטעטיקן די ציטירטע ווערטער וועגן יידישע מלוכה-באַאַמטער און
הויכע באַאמטע. אונטער דעם קאַליף אל אַזיזא (976—996) האָט פאַר-
נומען די שטעלע פון אַ וועזיר דער באַגדאדער ייד, יעקב איבן קיל-
לים. אונטער דעם קאַליף אַז זאהירא (אָנהויב 11-טן י"ה) טרעטן
אַרויס אַלס מלוכה-באַאמטער די אונז שוין באַוואוסטע פערסישע יידן
איבן-סאַאַד איבראַהים און אַבו-נאַשו אַרון. אַ קורצע
צייט שפּעטער באַגעגענען מיר אַלס מצרישן וועזיר דעם געוועזענעם ייד סאַ-
ראַק איבן יוסוף, וועלכן עס האָבן אַרויפגעבראַכט אויף דערדאָזיקער
שטעלע די דערמאָנטע צוויי פערסישע יידן. די יידן פון דעם שטייגער, ווי
יעקב איבן קיללים און די צוויי ברידער פון פערסיע בילדן אַ בריק צו
דעם „שר" אָדער „שר השרים", ווי עס האָט נאָך ביים סוף פון 10־טן און
ביים אָנהויב פון 11-טן י"ה געהייסן דער יידישער עגזילאַרד — ריש-
גלותא אין עגיפּטן, וואָס דער אָפּיציעלער טיטל זיינער האָט זינט דער
העלפט פון 11-טן י"ה געקלונגען „נגיד". אַלס „שרים" איבער די יידן
פלעגן די קאַליפן באַרופן רייכע יידישע באַנקירן, וואָס זענען געווען
געניט אין פינאַנץ-טעכנישע ענינים — אָדער יידישע הויף-רופאים. די
אויפגאַבע פון די „שרים" איז געווען דיזעלבע, וואָס די אויפגאַבע פון
די באַגדאַדער „רישי-גלותא", דהיינו, דער קאָנטראָל איבער דעם יידישן
שטייער-וועזן און בפרט דאָס אויפמאָנען די מלוכה-שטייערן פון די יידן.

ענלעכע פאַרהעלטענישן באַגעגענען מיר אין משך פון 9-טן און 10-טן
י"ה אויך אויף די ברעג-לענדער פון אַפריקע, אין מערב פון עגיפּטן,
וואו עס האָט זיך דעמאָלט פאַרפעסטיקט די ממשלה פון
איסלאַם. איבער דידאָזיקע שטחים, וואָס נעמען אַרום דאָס היינטיקע טו-
ניס, אַלזשיר און מאַראָקאָ, האָט געפירט איינער פון די הויפּט-וועגן פונם
אָריענט-האַנדל, וואָס ווערן באַשריבן אין די שוין ציטירטע באַריכטן פון
איבן קורדדבה, און דאָס איז אויך — ווי ס'ווייזט אויס — געווען
דער הויפּט-מאָמענט, צוליב וועלכן עס האָבן דאָ כסדר איינגעוואַנדערט
יידן פון ווייטן מזרח. אין 9-טן י"ה אַנטשטייט אין מגהרב (קאַיראָוואַן)
אַ וויכטיקער יידישער צענטער און די יידן פון דערדאָזיקער שטאָט דער-
גרייכן אין גיכן אַ גרויסע באַדייטונג, אַלס וועלט-הענדלער און הויכע
מלוכה-אָנגעשטעלטע. זייערע ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע פּאָזיציעס זע-
נען פונקט אַזוי גלענצנד, ווי אין עגיפּטן אונטער דער ממשלה פון די פאַ-

טימידן. פון די מגהרבער ייִדן, וואָס האָבן אין דער באַהאַנדלטער תּקופה דערגרייכט אַ גרויסע השפּעה אין הויף פונם מגהרבער הערשער, ווערט אין די קוועלן מיטן נאָמען דערמאָנט אַ געוויסער יצחק ישראלי, אַ הויפּט-דאָקטאָר פון דעם מאַכטהאָבער.

איבער די צפונדיקע ברעג-לענדער פון אַפריקע איז די ממשלה פונם איסלאַם אַריבערגעטראָגן געוואָרן בײַם אָנהויב פון 8-טן י״ה (711) קיין שפּאַניע, וואו זי האָט זיך געזאָלט פאַרוואָרצלען אויף הונדערטער יאָרן. די אַראַבער זענען דורך די שפּאַנישע ייִדן באַגריסט געוואָרן ווי אמתע באַפרייער, מחמת דער קירכלעך-פּאָליטישער קורס פון די לעצטע וויזיגאָטישע קעניגן האָט אין שפּאַניע געמאַכט אַ חורבן פון דעם ייִדישן ווירטשאַפטס-לעבן און די ייִדישע לאַגע האָט בײַם סוף פון 7-טן י״ה געהאַלטן נאָענט צו אַ פולשטענדיקן צוזאַמענבּרוך. אַזוי, אַ שטייגער, איז אין י. 681 דורכן באַשלוס פון דעם גלחים-צוזאַמענפאָר אין טאָלעדאָ פאַרווערט געוואָרן די ייִדן איבערצונעמען מלוכה-שטעלעס, צו האַלטן קריסטלעכע באַדינער און צו רוען אום זונטיק און בכלל אין קריסטלעכע פײַערטעג. לויט אַ תּקנה פונם דאָזיקן צוזאַמענפאָר, האָט געדראָט, אַז אַ ייִד אָדער אַ ייִדישקע, וועלכע מען האָט אין אַזאַ טאָג געטראָפן אַרבעטן אין פעלד, בײַ קעמען וואָל אָדער בײַ ענלעכע אַרבעטן אין פעלד צי אין שטוב, ווערט באַשטראָפט מיט 100 מלקות. די דאָזיקע אכזריותדיקע החלטות זענען באַלד דערויף סאַנקציאָנירט געוואָרן דורך דעם קעניג עגיקאַ, וועלכער האָט זיי אַרײַנגענומען אין זײַן קאָדיפיקאַציע (680 — 687), צוגעבנדיק אין י. 693 נאָך אַזעלכע ייִדנפײַנדלעכע באַשטימונגען: אַ) די ייִדן זענען „לײַב-אייגענע" פון דער מלוכה; ב) הײַזער, לאַנדגיטער, ווײַנגערטנער, פּלאַנצונגען פון אײל-ביימער און אַנדערע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס, ווי אויך שקלאַפן, וואָס זענען געקויפט געוואָרן דורך די ייִדן פון קריסטן, ווערן קאָנפיסקירט לטובת דעם קעניג און ג) די ייִדן ווערט פאַרווערט צו האַנדלען מיט קריסטן און בכלל צו פירן אַן אויסלענדישן האַנדל איבערן ים. די משומדים אָבער באַקומען שטײַער-פאַרלײַכטערונגען: די ייִדן זענען מחויב צו דעקן דעם שאָדן, וואָס אַנשטייט דערפון פאַר דעם קעניג. עס איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס די ייִדן האָבן די מאַכטמעדאַנישע דעראָבערער אַקטיוו מיטגעהאָלפן בײַם צעברעכן דעם וויזיגאָטישן רעזשים. אונטער די אַראַבער האָט דאָס ווירטשאַפטס-לעבן אין לאַנד אין אַ שנעלן טעמפּאָ גענומען אויפבליען און די ייִדן האָבן זיך געקאָנט אומקערן צו דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז געווען פריער זייער הויפּט-באַשעפטיקונג. אַלס אילוסטראַציע פאַר דעם גיכן אויפבלי פון שפּאַניע אונטער דער אַראַבער-הערשאַפט

קאָנען אונז דינען א פּאָר ציפערן, וועלכע באַלאַנגען צו די הכנסות פון די שפּאַנישע קאַליפן אין 8־טן, 9־טן און 10־טן י״ה. אזוי, א שטייגער, האָבן די מלוכה-הכנסות אונטער דעם קאַליף אבדוד ראחמאן I (755 — 788) באטראָפן 300,000 גאָלדשטיק יאָרלעך, אונטער אבדור ראחמאן II (822 — 851) — איין מיליאָן יאָרלעך און אונטער אבדור ראחמאן III (912 — 961) שוין גאנצע 5.408.000 גאָלדשטיק. ווי אין די איבעריקע לענדער, וואָס זענען געשטאנען אונטער דער הערשאפט פון די מאַכמעדאנער, האָבן אויך די שפּאַנישע יידן געמוזט צאָלן דעם קאָפּ-שטייער און דעם ערד-שטייער (כאראדזש). א וויכטיקער מאָמענט אין דעם שפּאַנישן שטייער-סיסטעם איז אָבער געווען דאָס, וואָס דער כאראדזש האָט דאָ באטראָפן באדייטנד ווייניקער, ווי אין אנדערע מאַכמעדאַנישע מדינות — בלויז איין פינפטל פון די לאנדווירטשאפטלעכע הכנסות, — בעת די קאַליפן פון ווייטן מזרח האָבן גענומען אלס כאראדזש די העלפט הכנסות פון דער לאנדווירטשאפט, מיט וועלכער עס האָבן זיך פארנומען די „אומגלויביקע״. ס׳פארשטייט זיך, אז דיזאָזיקע שטייער-פארלייכטערונג האָט אין א גרויסער מאָס באַיינפלוסט די אלטע נייגונג פון די שפּאַנישע יידן צו ערד-ארבעט און צו פּלאַנטאַציע-ווירטשאפט, וואו זיי פלעגן זיך באנוצן מיט שקלאַפן-ארבעט. נאָכדעם, ווי עס זענען צוליב דער ממשלה־ענדערונג בטול געוואָרן די געזעצן פון די וויזיגאָטישע קעניגן, וואָס האָבן צעשטערט דעם יידישן גרויסן ערד־באזיץ אין שפּאַניע, באווייזן זיך אונטער דעם אראבער-רעזשים פון דאָסניי יידישע אייגנטימער פון גרעסערע לאנדווירטשאפטלעכע באַלעבאטישקייטן און עס צעבלים זיך אויך פון דאָסניי דער יידישער שקלאַפן-האנדל, וואָס איז געווען דעמאָלט אָרגאניש צונויפגעבונדן מיט דעם יידישן גרויס-גרונטבאזיץ. אין שפּאַניע באווייזן זיך זינט דעם 8-טן י״ה אליין עפּעס די בארימטע „ראדאניטן״ — פרענקישע יידן, וואָס אימפּאָרטירן דאָ פון די ווייטע סלאוון-לענדער דעם געזוכטן „לעבעדיקן ארטיקל״ און די שפּאַניש-יידישע ערד־באזיצער זענען זייערע שטענדיקע אָפּנעמער. ווי אמאָל, מאכן אויך די שפּאַנישע יידן ווייטע האנדלס-נסיעות אין אויסלאנד און זיי פירן דעמאָלט א שטארק געזוכטן ארטיקל פון דער שפּאַניש-יידישער פּראָדוקציע, דהיינו, זייד-שטאָפן. אין 10-טן י״ה האָבן אין שפּאַניע געשטט די זייד-וועבערייען פון די יידן יעקב איבן דשאי און יוסף איבן דשאי, וואָס האָבן געליפערט זייט־שטאָפן און פענער פאר דעם הויף פונם קאַליף און פאר זיין ארמעע. אין דערזעלבער צייט באגעגענען מיר אויך שפּאַנישע יידן אויף הויכע מלוכה-שטעלעס. אזוי, א שטייגער, האָט דעמאָלט געשטט איבער דער ווייטער וועלט דער

ייד חסדאי איבן שפרוט, וואָס איז געווען דער לייב־דאָקטאָר און גלייכצייטיק אויך דער פינאַנצמיניסטער פון די קאַליפן אבדור ראַה־מאַן III און האַקים II ‏(961 — 976). אין דעם באַרימטן בריוו, וועלכן חסדאי איבן שפרוט האָט געשריבן צום כוזרישן כאַגאַן יוסף, איז פאַראַן אַן אינטערעסאַנטע שטעלע וועגן דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן אינם דעמאָלטיקן שפּאַניע און וועגן דער ראָלע, וועלכן איבן שפרוט האָט גע־שפּילט ביים רעגולירן די שפּאַנישע ווירטשאַפט. דידאָזיקע שטעלע קלינגט אַזוי: „מיר (געמיינט: די שפּאַנישע יידן) לעבן דאָ בשלום און במנוחה... גאָט האָט מיך געפירט צום הערשער (אבדור־ראַהמאַן III) און דער לעצטער האָט מיר אַרויסגעוויזן חסד. א דאַנק דעם האָבן די פאַרוואַר־לאָזטע שעפעלעך (די יידן) באַקומען אַ היטער און די הענט פון די באַ־דריקער זענען פאַרשוואַכט געוואָרן... אונזער לאַנד (שפּאַניע) איז פרוכט־באַר, מיט אַ סך קוואַלן, טייכן און ציסטערנעס. עס איז אַ לאַנד פון תבואה, ווייַן און אייל; פאַראַן דאָ אויך אָן אַ שיעור פּירות און געווירצן, גערטנער מיט קרייטעכער און אויבסט־ביימער. עס וואַקסן דאָ פּלעריי ביי־מער, אויבסט־ביימער און אַזעלכע, וואָס דינען אַלס שפּייַז פאַר זייד־ווערעם, אַזוי, אַז מיר האָבן דאָ אַן איבערפלוס פון זייד. מיר זעען דאָ סוחרים פון פרעמדע לענדער און אינזלען, באַזונדערס פון מצרים און פון אַנדערע, נאָך ווייטער ליגנדיקע גרויסע מדינות. זיי קומען דאָ מאַסנווייַז און ברענגען אונז בשמים און טייערע שטיינער. אונזער הערשער פאַר־מאָגט אַ סך אוצרות, גאָלד, זילבער און פאַרשיידענע טייערע זאַכן. זייַן אַרמעע איז גרעסער ווי די אַרמעע פון די פריִערדיקע הערשער. די מלוכה־הכנסות, וואָס גייען דורך מייַן האַנט, באַטרעפן 100,000 גאָלדשטיק אַ יאָר; אַזוי פיל באַטרעפט בלויז דער אָפּצאָל פון די אויסלענדישע סוחרים, וואָס זייערע האַנדלס־געשעפטן ווערן דורך מיר קאָנטראָלירט". בכן זעען מיר אַ בילד פון אַ קאָנסאָלידירטער מלוכה, וואו דאָס ווירטשאַפטס־לעבן פון די יידן איז געווען נאָרמאַליזירט. פון דער שילדערונג באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז די יידן האָבן זיך דעמאָלט, פּונקט ווי די איבע־ריקע באַפעלקערונג אינם שפּאַנישן קאַליפאַט, הויפּטזעכלעך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע (זייד־וועבעריי), בעת דער האַנדל איז געלעגן אין די הענט פון ס'רוב פרעמדע סוחרים.

נאָכן טויט פון האַקים (976) געוועלטיקט אַלמאַנזור איבערן לאַנד, אַ הערשער, וואָס איז פאַרהערלעכט געוואָרן אין לע־גענדעס. די פריִערדיקע שטעלע פון איבן שפרוט פאַרנעמט איצט דער אונז שוין באַוואוסטער יידישער זייד־פאַבריקאַנט יעקב איבן דשאַי. אַלמאַנזור מאַכט אים גלייכצייטיק פאַר אַ פאָרשטייער

איבער אַלע יידישע קהילות אינם קאַליפאַט און גיט אים דאָס רעכט, צו נאָמינירן רבנים און אַרויפצולייגן שטייערן אויף די גמינעס. איבן דשאי ווערט אַזויאַרום אַ מין נשיא — אַ ריש־גלותא.

אונטער אַלמאַנזורן האָט דער שפּאַנישער קאַליפאַט אַרומגענומען גאַנץ מיטל־און דרום־שפּאַניע. נאָך זיין טויט (1002) קומט פאַר דער צעבּרעקלונגס־פּראָצעס פונם קאַליפאַט און די מלוכה צעפאַלט זיך אין אַ ריי קליינע עמיראַטן מיט זעלבסטשטענדיקע עמירן בּראש. דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון די יידן אין דידאָזיקע עמיראַטן וועט אונז באַשעפטיקן אין איינעם פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

קאַפּיטל פינף

דער איבערבּרוך אין דער סאָציאַלער און ווירט־שאַפטלעכער לאַגע פון די מערב־אייראָפּעישע יידן אין דער צייט פון די ערשטע קרייץ־צוגן

(אלגעמיינע באמערקונגען).

§ 11 די אנטשטייונג פון דער יידישער „קאמער־קנעכטשאפט".

שוין בּיים סוף פון 10־טן י"ה קומט צום אויסדרוק א טיפער איבערבּרוך אין דער סאָציאַלער לאַגע פון די יידן אין מיטל־און מערב־אייראָפּע. דער איבערבּרוך איז ארויסגערופן געוואָרן דורך דער אלגעמיינער לאַגע אין יענער צייט און האָט דאן אליץ שטארקער געווירקט אויף דער ווירטשאפטלעכער טעטיקייט פון די יידן.

אין די טויערן פון מיטל־און מערב־אייראָפּע הויבּט זיך אָן שוין בּיים סוף פון 10־טן י"ה ארייננצורייסן די קאַפּיטאליסטישע אָרדענונג. פריער, ווי אויף אנדערע געבּיטן, מערקט זיך די נייע אָרדענונג אין דער קריגס־פירונג מיט דער אויסנאם פון איין איינציקן, אגב, פאראיינצלטן פאל אין י. 732, ווען קארל מארטעל האָט זיך בּאנוצט מיט אן ארמעע פון געצאָלטע זעלנער אינם קאמף קעגן די מאכמעדאנער, זענען די מלחמות געפירט געוואָרן בּיז לערך דער העלפט פון 10־טן י"ה מיט דער הילף פון מחנות וואסאלן, דהיינו, ריטער, וועלכע דער האר זייערער — דער סוווערן האָט בּאלוינט מיט ערד־שטחים און מיט א חלק אינם קריגס־רויב. אזעלכע וואסאלן־ארמעען פון די פעאָדאלע הארן זענען אָבער געווען זעלטן ווען גוטע קריגס־ארמעען, מחמת די ריטער־וואסאלן זענען געווען מחויב צו דינען זייער האר אין א צייט פון מלחמה בדרך כלל. נישט מער, ווי 6 וואָכן. נאָך די 6 וואָכן האָט דער וואסאל געקאָנט פאר־

לאָזן די קריגס-רייען, הגם די מלחמה האָט ווייטער אָנגעהאַלטן, און אויסנאַם איז געווען בלויז דער פאַל, ווען דער האַר איז געווען דער אָנגעגריפענער. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, שטאַרק אָפּגעשוואַכט די שאַנסן פון די קריגס־אונטערנעמונגען. דערביי האָט נאָך מיטגעווירקט אַזאַ מאָמענט, וואָס דעם וואַסאַל איז נישט תמיד געווען לייכט צו מאָביליזירן, מחמת ער האָט געהאַט זיין באַלוינונג פאָרויס אין דער פאָרם פון די נחלאות, וועלכע דער סוזערן האָט אים, ביים שליסן דעם וואַסאַל-אָפּמאַך, איבערגעגעבן אין זיין רשות. דאָס האָט מיט דער צייט דערפירט אַזוי ווייט, אַז די פעאָדאַלע הארן האָבן נישט געקאָנט אונטערנעמען קיין מלחמה-אָפּעראַציעס אָן דער הסכמה פון זייערע וואַסאַלן. אָט די אַלע שוועריקייטן זענען גורם געווען דערצו, אַז די פעאָדאַלע הארן האָבן אַלץ מער גענומען לייגן געוויכט אויף באַצאָלטע זעלנער-מחנות, אויף געדונגענע אַרמייען, לגבי וועלכע מען האָט נישט געהאַט קיין שום אַנדערע התחייבותן, חוץ דער באַלוינונג מיט דעם אָפּגערעדטן געלט. מיט דעם ביישפּיל פון זעלנער-אַרמייען גייען פאָרויס די קריגס-און האַנדלס-טיכטיקע ווענעציאַנער דאָזשעס, וועלכע באַנוצן זיך מיט דעם זעלנער-סיסטעם שוין אין דער צווייטער העלפט פון 10-טן י״ה. אין 11-טן און 12-טן י״ה פאַרוואָרצלט זיך דאָס דאָזיקע סיסטעם אַלץ מער און מער און עס ווערט שוין אַן אַלגעמיין אָנגענומענע מעטאָדע פון קריגס-פירונג. דערמיט ווערט אויך אַן אומגעהויערן אופן פאַרגרעסערט דער באַדאַרף אויף געלט, מחמת די מאַכט פון די הארן איז אָפּהענגיק פון דער צאָל זעלנער, וועלכע זיי קאָנען אויסהאַלטן אויף זייער חשבון. די ערשטע קרייץ-צוגן האָבן בולט געוויזן, ווי נויטיק עס זענען פאַר דער פּאָליטיק גרויסע סומען אין מזומנים. דאָס געלט איז געוואָרן דער „נערוו פון פּאָליטיק״ און בפרט „דער נערוו פון קריג״. בעת דעם 11-טן און 12-טן יאָרהונדערט, וועלכע זענען געווען פול מיט מלחמות, האָבן די אַדעל-לייט אַריינגעשטעקט זייערע פאַרמעגנס אין געדונגענע זעלנער און איינער האָט געוואָלט דעם אַנדערן איבערשטייגן מיט דער צאָל באַוואָפנטע, וואָס ער האָט געהאַט אונטער זיך. דערצו זענען, נאַטירלעך, נויטיק געווען גרויסע געלט-מיטלען. האָט אָבער דאָס געלט דווקא אויסגעפעלט ביי די שררות, וואָרום די פאַרמעגנס זייערע זענען דערעיקרשט באַשטאַנען פון אומבאַוועגלעכע גיטער.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער אַלגעמיינער לאַגע קומט פאָר א וויכטיקע ענדערונג אין דער באַציונג פון די שררות צו די יידן. דער תמיד וואַקסנדיקער געלט-באַדאַרף פון די שררות איז גורם געווען דערצו, אַז די יידן זאָלן פון זיי באַטראַכט ווערן ווי א וויכטיקער פינאַנץ-אָביעקט.

וואָס קאָן אין א גרויסער מאָס פארלייכטערן זייער געלט־גווים. די שררות דייסן זיך ממש, אום אריינצובאקומען אין זייער רשות וואָס מער יידן און זיי נאָכדעם דורך א גוט צוגעפאסטן סיסטעם פון שטייערן און כלערליי אָפּצאָלונגען, ווי געהעריק צו עקספּלאָאטירן. ד'ער ייד איז נישט מער קיין געשיצטער „קעניגלעכער סוחר", ווי ער איז דאָס נאָך געווען אין דער צייט פון די מעראָווינגער און קאראָלינגער, ער געניסט נישט מער פון גרויסע האנדלס־פּריווילעגיעס פאר א פארהעלטנישמעסיק קליינעם אָפּצאָל פון 10 פּראָצענט פון זיינע פארדינסטן, — נייערט ער ווערט אן אייגנטום פון זיין שוץ־האר, זיינער א „קאמער־קנעכט", וואָס באלאנגט צו אים מיט זיין לעבן און מיט זיין גאנץ פארמעגן. מיט אנדערע ווערטער: דער ייד ווערט פון איצט אָן באהאנדלט, ווי א „רעגאל" און אָס הייסט: ווי א הכנסה־קוואל פון דעמזעלבן מין הכנסה־קוואלן, ווי, א שטייגער, זאלץ־גרובן, ארענדעס, צאָל־אָפּצאָלונגען וכדומה. איז דער שוץ־האר א גוטער באלעבאָס, קלערט ער וועגן דעם, אז דער הכנסה־קוואל זאָל מיט איין מאָל נישט אויסגעשעפּט ווערן, היט ער אָפּ די הון, וואָס לייגט גאָלדענע אייער... איז ער אָבער א שלעכטער באלעבאָס און ער באשליסט צו אָפּפערן די צוקונפטיקע הכנסות צוליב א מאָמענטאלער, גרעסערער געלט־פארלעגנהייט, פארקויפט ער די הון אָדער ער פארנוצט גלייך אלע גאָלדענע אייער און פארטרייבט די הון...

אינם קאמף פאר דער אויבערהערשאפט זענען די קירכלעכע שררות געווען די ערשטע, וועלכע האָבן פארשטאנען אויסצונוצן זייער השפּעה אויף די קריסטלעכע קעניגן, בכדי צו פארפעסטיקן זייער אייגענע וועלטלעכע מאכט. האָבן זיי טאקע געשטרעבט צו קריגן במתנה פון די פרומע וועלטלעכע הארן גרעסערע שטחים ערד און קאפּיטאל־קרעפטיקע מענטשן, בפרט רייכע יידישע סוחרים. אזויארום הויבט אָן דער יידן־שוץ, וואָס איז פריער געווען קאָנצענטרירט אין די הענט פון די קעניגן, בסדר זיך צו צעשפּליטערן און אריבערצוגיין צו שררות, פירשטן, גראפן, באראָנען, בישאָפן און אז. וו. בלויז אין וויניקע לענדער (ווי א שטייגער, אין ענגלאנד און אין די קריסטלעכע טיילן פון שפאניע) האָט זיך די קעניגן איינגעגעבן איינצוהאלטן דעמדאָזיקן צעשפּליטערונגס־פּראָצעס. אין דעם רוב מיטל־און מערב־אייראָפּעישע לענדער קומט ער פאָר אין א פארהעלטנישמעסיק גיכן טעמפּאָ און ער הויבט זיך אָן שוין ביים סוף פון 10-טן י"ה. אזוי, א שטייגער, האָט לודוויג, דער קעניג פון ארל, נאָך אין 10-טן י"ה אוועקגעשאָנקען די יידן פון דערדאָזיקער שטאָט צו דעם דאָרטיקן בישאָף. אין י. 975 האָט אָטאָ דער גרויסער באשטימט, אז „די יידן און די איבעריקע סוחרים" אין מאגדעבורג

זאָל באַלאַנגען אויסשליסלעך צו דעם בישאָף פון דערדאָזיקער שטאָט. מיט אכט יאָר שפּעטער האָט אָטאָ דער צווייטער אָוועקגעשענקט דעם בּיסקובאַט מערזעבורג אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען צווישן די מויערן פון דער שטאָט, צוזאַמען מיט „די יידן און סוחרים". אין י. 1004 האָט היינריך דער צווייטער צוריק אָפּגעגעבן דעם בישאָף פון מערזעבורג די יידן, וועלכע זענען פריער געווען דעם בישאָפס, נאָר דורך א טויש האָט ער זיי געהאַט פאַרלוירן. אויך אויף אזא אופן האָבן די נאָרמאַנישע פירשטן אין דרום-איטאַליע זיך געשאַפט מיט די יידן, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט. אין י. 1090 האָט דער הערצאָג ראָדזער דער ערשטער אָוועקגעשענקט דעם ארציבישאָף פון סאַלערנאָ דעם יידישן קוואַרטאַל. דידאָזיקע „מתנות" האָבן באַטייט נישט בלויז, אַז מען גיט אוועק די אָפּגאָבן פון די יידן, נאָר אַז מען שענקט אוועק די יידן בכלל, זייער האָב און גוטס צוזאַמען מיט זייער גוף. האָבנדיק אין רשות דעם יידן-רעגאַל (דעם יידישן הכנסה-קוואַל), האָבן זיך די שררות צו יעדער צייט געקאָנט פאַררופן אויף דער קעניגלעכער יידן-געזעצגעבונג, אין וועלכער ס'ווערט געזאָגט: „די יידן און זייער האָב און גוטס זענען דאָס אייגנטום פונם קעניג" און היות, ווי די שררות זענען געוואָרן, א דאַנק די אָפּמאַכונגען אָדער א דאַנק די מתנות פון דעם קעניג, די יורשים פון די יידן, האָבן זיי געקאָנט באַשליסן אויף די לאַנד-סיימען, אַז „די פאַרמעגנס פון די יידן געהערן צו די שררות", ווי דאָס ווערט אונז, א שטייגער, איבערגעגעבן וועגן די פראַנצויזישע באַראָנען פון 13-טן י"ה. אויפן סמך פון אזעלכע באַשטימונגען האָבן די שררות געהאַט דאָס רעכט צוצונעמען אינגאַנצן אָדער טיילווייז דאָס באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע אייגנטום פון די יידן, פאַרקויפן עס, אַוועקשענקען, אַנולירן אָדער רעדוצירן די תביעות פון די יידן און אַזוי ווייטער.

דערדאָזיקער איבערגאַנג פונם יידן-רעגאַל צו די שררות האָט אָבער אין דער ערשטער צייט קיין גרויסע רעות נישט פאַרשאַפט. די קירכלעכע און וועלטלעכע שררות זענען געווען פאַראינטערעסירט צו שטיצן די אַנטוויקלונג פון א היימישן בירגער-קלאַס, א טיכטיקן אין האַנדל און געלט-געשעפטן. איז טאַקע געווען שטאַרק געוואונטשן א צופלוס פון יידישע עלעמענטן אין די פּריוואַטע שטעט פון די שררות און בפרט א צופלוס פון יידישע קאַפּיטאַלן. אגב, פלעגן די שררות נעמען אויך אין אכט, וואָס די יידן האָבן, א דאַנק זייער געניטקייט אין מסחר, געקאָנט א סך מיטווירקן ביי דער שאַפונג פון אזעלכע יסודות פאַר א שטאָטישן אויפבלי, ווי די ארבעטס-פאַרטיילונג און די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַלן.

האָט מען, אלזוי, צוגעצויגן די יידן צו דער גרינדונג און אנטוויקלונג פון שטעט, האָט מען גלייכצייטיק אויך פארשטאנען, אז מען מוז זיי געבן ספּעציעלע פּריווילעגיעס, אז זיי זאָלן אין זייער אייגענעם אינטערעס צוגעבונדן ווערן צו דער שטאָט און זאָלן נישט וועלן בייטן דעם וואוינאָרט. כאראקטעריסטיש איז אינם דאָזיקן פּרט די הקדמה צו דער פּריווילעגיע פון י. 1084, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם בישאָף רידיגער, ווען ער איז צוגעטראָטן צו דער באגרינדונג פון דער שטאָט שפּייער. „ווען איך האָב באשלאָסן פון דעם אָרט שפּייער צו מאכן א שטאָט, — זאָגט דער בישאָף, — האָב איך געהאלטן, אז איך וועל טויזנט-פאך פארגרעסערן דעם כבוד פון דעם אָרט, אויב איך וועל דאָ פארבעטן און קאָנצענטרירן די יידן". א בולטער באוויז, ווי וויכטיק עס זענען דעמאָלט געווען די יידן ביי דער גרינדונג פון שטעט!

אין דער צייט, ווען דער קריסטלעכער סוחר איז נאָך פארטון געווען אין קאמף קעגן די שטאָט-הארן — די שררות, פון וועמענס רשות ער האָט געשטרעבט זיך צו באפרייען, איז דער ייד געשטאנען מיט אים צוזאמען אויף איין און דערזעלבער מדרגה פון א נישט-פרייען מענטשן. דעריבער ווערן אין די פון אונז שוין ציטירטע דאָקומענטן צוזאמען מיט די יידן אָנגערופען אויך „אנדערע", דהיינו, אויך קריסטלעכע סוחרים, וואָס ווערן פונקט אזוי אוועקגעשענקט אָדער פארקויפט, ווי די יידן. אין אזא צייט, ווען סיי דער יידישער, סיי דער קריסטלעכער שטאָט-מענטש זענען געווען נישט קיין פרייע בירגער, האָט, פארשטייט זיך, נישט געקאָנט זיין קיין רייד פון א קאָנקורענץ-קאמף צווישן די דאָזיקע צוויי שטאָטישע עלעמענטן. אין די שטאָט-פּריווילעגיעס פון די שררות פיגורירן זיי ביידע ווי גלייך-געשטעלטע, ביידע זענען זיי „שוץ-בירגער", ביידע שטייען זיי אונטערן שוץ פונם שטאָט-שררה און צאָלן א באשטימטן שוץ-שטייער. דער קריסטלעכער סוחר וואַרפט אָבער באַ-צייטנס אראָפּ פון זיך דעם כאראקטער פון א פרעמדן, וואָס נויטיקט זיך אין שוץ. אין דערזעלבער צייט אָבער פערשטארקט זיך דווקא די איזאָלאציע, די אָפּזונדערונג פון דעם יידישן סוחר — דעם שטאָט-מענטש. דער קריסטלעכער שטאָט-מענטש דערגרייכט מיט דער צייט פולע בירגער-רעכט: ער באטייליקט זיך אין שטאָט-ראט און אין שטאָטישן געריכט, ער בויט-אויס זיין פּאָליטישע פּאָזיציע און באקומט א דעה איבער אלע ענינים פון דער שטאָט-פארוואלטונג. דאָס נוצט ער אויס, בכדי צו פארפעסטיקן זיינעווירטשאפטלעכע אינטערעסן און צו באַ-פרייען זיך אין גאנצן פון דער אפּוטרופּסות מצד דעם שטאָט-שררה. דאקעגן אָבער בלייבט דער יידישער שטאָט-מענטש, ווי פריער, ארויסגע-

שלאָסן פון דער שטאָט-פּאַרוואַלטונג, ער האָט נישט קיין שום דעה — נישט אין שטאָט-ראַט און א פּשיטא נישט אין שטאָט-געריכט. ער איז אַלץ ווייטער דער „קנעכט פון דעם שררהס פינאַנץ-קאַמער” און ווען עס געלינגט דער שטאָט זיך צו עמאַנציפּירן פון דעם שררהס מאַכט־ ווערט ער גאָר א „רעגאַל” — א פינאַנץ-אָביעקט פון דער עמאַנציפּיר־ טער שטאָט. בקיצור: די סאָציאַלע שטעלונג פון די יידן זינקט אַלץ טיפער, וואָס דערפאָלגרייכער עס אַנטוויקלט זיך דער קאַמף פון די שררות און פון די שטעט אַרום דער דעראָבערונג פון די אַזויגערופענע „האָהייטס־ רעכט”, דהיינו, פון די סוווערענע מאַכט-רעכט, וואָס זענען פריער געווען קאָנצענטרירט אויסשליסלעך אין די הענט פון דעם אויבערשטן מאַכט־ האָבער — דעם קעניג.

צום פריסטן באַגעגענען מיר אין פראַנקרייך די פאָרמולירונג פון דער יידישער „קאַמער-קנעכטשאַפט”, וואָס איז דער סאַמע כאַראַקטע־ ריסטישער שטריך פון דער עפנטלעך-רעכטלעכער לאַגע פון די יידן בעת דעם מיטלאַלטער און בפרט זינט דעם ערשטן קרייץ-צוג. שוין אַרום דעם י. 846 ווערן דאָ די יידן אין א שריפט פון דעם ליאָנער אַרציבי־ שאָף אַמאָלאָ באַצייכנט אַלס „קנעכט און שטייער-צאָלער” פון די פירשטן (Servi et tributarii). אין די דאָקומענטן, וואָס האָבן דעם כאַראַקטער פון געזעצן, געפינען מיר די פאָרמולע ווען דער יידישער „קאַמער-קנעכטשאַפט”, נישט פריער, ווי ביים אָנהויב פון 12-טן י”ה. אַזוי, א שטייגער, ווערט געזאָגט אין די אַנגלאָזאַקסישע געזעצן פון יע־ גער צייט, אַז „די יידן און זייערע גאַנצע פאַרמעגנס באַלאַנגען צום קעניג” (ipsi iudaei et omnia Sua regis sunt), כמעט דאָס אייגענע לייענען מיר אין דער פּריווילעגיע פון די יידן אין וואָרמס פון י. 1175, אַז „די יידן באַלאַנגען צו דער שאַץ-קאַמער” פונם שררה (ad cameram nostram attinent). נאָך בולטער ווערט דאָס אויסגעדריקט אין א דאָקומענט פון א קריסטלעכן מאַכטהאָבער אין צפון-שפּאַניע פון 12-טן י”ה, וואו די עפנטלעך-רעכטלעכע לאַגע פון די יידן ווערט פאָרמולירט מיט אַזעלכע ווערטער: „די יידן זענען קנעכט פונם קעניג און באַלאַנגען אויף אייביקע צייטן צו דעם קעניגלעכן פיסקוס”.

דאָס וואָרט „קאַמער-קנעכט” (servi camerae) גופא שווימט אַרויס אין די אָפיציעלע דאָקומענטן ערשט ביים אָנהויב פון 13-טן י”ה. אין דערזעל־ בער צייט באַווייזט זיך אויך א מין „טעאָרעטישע באַגרינדונג” פון דער יידישער קאַמער-קנעכטשאַפט. אַזוי, א שטייגער, לייענען מיר אין די דעמאָלטיקע פּאָפּולערע דייטשע קאָדיפיקאַציעס, וואָס זענען באַוואוסט אונטער די באַצייכענונגען „זאַקסן-שפּיגל” און „שוואַבן-שפּיגל”. אַזעלכע

אויסטייטשונגען פון דער קאמער-קנעכטשאפט: קיסר וועספאזיאן האָט אוים דאנקבארקייט, וואָס יוסיפוס פלאוויוס האָט זיין זון טיטוס אויסגעהיילט פון א קרענק, באשלאָסן צו שיצן די יידן און טיטוס האָט שפּעטער, נאָך דעם חורבן בית שני, אויפגענומען א סך פון די געפאנגענע יידן און זייערע קינדער אין זיין הויף, מאכנדיק פון זיי זיינע לייב-קנעכט. זינט דעמאָלט זענען די יידן „קנעכט פון דער מלוכה" און אלס אזעלכע דארפן זיי אויך באטראכט ווערן אין דער דייטשער מלוכה, מחמת די דייטשע מלכים זענען נאָכפאָלגער פון די אמאָליקע מאכטהאָבער אין דער אנטיקער רוימער-מלוכה און זיי זענען צוליב דעם אויך די יורשים פון אלע רעכט, וואָס זענען אמאָל געווען אין רשות פון די רוימער-מלכים. בקיצור: די יידן זענען א פּריוואט-אייגנטום פון זייער שוץ-האר און די לאגע זייערע ווערט נאָרמירט דורך פּריוואט-רעכטלעכע פאראָרדענונגען פון דעם אייגנטימער זייערן. (דאקעגן איז אין פריען מיטלאלטער די באזע פון דעם יידישן לעבן געווען אן עפנטלעך-רעכטלעכע: תחילת דאָס רוימישע געזעץ און שפּעטער די קעניגלעכע „שוץ-בריוו", וואָס דער כאראקטער זייערער איז געווען אן עפנטלעך-רעכטלעכער).

§ 12 דער איבערברוך אין דעם יידישןווירטשאפט-לעבן.

גלייכצייטיק מיט דעם איבערברוך אין דער סאָציאלער לאגע פון די יידן קומט אויך פאָר א טיפער איבערברוך אין זייער ווירטשאפטלעכן לעבן. דער ווירטשאפטלעכער איבערברוך דריקט זיך אוים דערעיקרשט דערמיט, וואָס אין דער יידישער ווירטשאפט רוקט זיך ארוים אין פאָדערגרונט אלץ מער די באשעפטיקונג מיט קרעדיט, מיט געלט-הלוואות אויף פראָצענטן. אין יענע קאפיטאל-אָרעמע צייטן, ווען דאָס געלט-באדערפעניש איז צוליב דעם געשילדערטן איבערבייט אין דער קריג-פירונג בסדר געוואקסן, זענען די יידן געווען די איינציקע, וואָס האָבן פארמאָגט גרעסערע מזומנע פארמעגנס אין דער פאָרם פון איידעלע מעטאלן. די־אָזיקע פארמעגנס האָבן געשטאמט פון זייער פריערדיקן מסחר מיט דעם אָריענט, וואָס זיין פונדאמענט זענען געווען די איידעלע מעטאלן און די שקלאפן, די איינציק מעגלעכע ארטיקלען, וואָס דער אייראָפּעישער מערב האָט געקאָנט אנטקעגן-געבן דעם אָריענט פאר זיינע פראָדוקטן. חוצדעם, זענען די יידן, צוליב דער אומזיכערקייט פון זייער אויסערלעכער לאגע, שטענדיק נוטה געווען צו האָבן זייער פארמעגן וואָס מער אין מטלטלים און באוועגלעכע גיטער, כדי זיי זאָלן גרינגער קאָנען ראטעווען זייער האָב און גוטס אין א שעת-סכנה. דאָס

אַלץ, וואָס ווערט געזאָגט וועגן זייער רייכטום, האָט געוויינלעך א שייכות צום פאַרמעגן אין גאָלד און זילבער.

אין דער צייט, ווען עס בייט זיך די סאָציאַלע לאַגע פון די יידן און זיי ווערן איינגעשלאָסן אין דעם אונז שוין באַוואוסטן, ספּעציפישן קרייז פון „קאַמער-קנעכט", ווערט די פּראַגע פון שוץ, מיט וועלכן די יידן שטרעבן זיך צו באַוואָרענען, א באַזונדערס שטאַרקער פאַקטאָר, וואָס טרייבט די יידן צו אָפּעראַציעס, וועלכע ברענגען גרויסע רווחים. די פריערדיקע גאַסטפריינטשאַפט, פון וועלכער די יידן האָבן גענאָסן אַלס פרעמדע, פאַרשווינדט זינט די ערשטע קרייץ-צוגן, וועלכע זענען דורך זייער באַגלייט-דערשיינונג, די רדיפות אויף יידן, געווען א ספּעציעלער גורם צו שטעלן די יידן אין דער ריי פון מענטשן, וואָס נויטיקן זיך אין א ספּעציעלן שוץ. צוליב דעם האָט זיך אַנטוויקלט דער באַגריף, אַז פאַר דעם ספּעציעלן שוץ, וואָס מען גיט די יידן, מוזן זיי צאָלן ספּעציעלע שטייערן און נישט עפּעס א קליינע סומע שוץ-געלט, וואָס האָט בלויז א סימבאָלישע באַדייטונג, אַזוי ווי עס איז אומגעצאָלט געוואָרן דורך די יידן אין די קריסטלעכע מלוכות ביז לערך דעם ערשטן קרייץ-צוג. דערביי קומט נאָך אין באַטראַכט דאָס כראָנישע געלט-דחקות ביי די שוץ-האַרן פון די יידן, וואָס צוליב דעם זענען די שוץ-האַרן געווען פאַראינטערעסירט אַרויפצושרויפן דאָס יידישע שוץ-געלט און בכלל די הכנסות פון יידן אַזוי הויך, ווי נאָר מעגלעך. די דראָזיקע שטייער-פּאָליטיק פון די שוץ-האַרן לגבי זייערע יידישע „קאַמער-קנעכט" האָט בלויז דעמאָלט געקאָנט האָבן א פּעולה, ווען מען האָט געשאַפן פאַר די יידן די געהעריקע באַדינגונגען דערצו. די שוץ-האַרן האָבן דאָס זייער גוט פאַרשטאַנען און האָבן דעריבער אויסגענוצט דעם קירכלעכן פאַרבאָט צו געבן הלוואות אויף פּראָצענטן, וואָס איז חל געווען אויף די קריסטן, און געהאָלפן די יידן איבערצונעמען און כמעט צו מאָנאָפּאָליזירן די וואוכעריי-געשעפטן אין זייערע הענט. די וואוכער-פּריווילעגיעס, וואָס די שוץ-האַרן האָבן געגעבן די יידן, זענען געווען, ווען אפילו נישט דער ערשטער, איז יעדנפאַלס דער שטאַרקסטער מאָטיוו, וועלכער האָט אַריינגעוואָרפן די יידן אין די אָרעמס פון וואוכעריי אַלץ וועלכער האָט מיט דער צייט דערפירט צו דער פערוווילדערונג פון דעראָזיקער באַקוועמער און לייכטער פּרנסה. די מלכים און שררות, ווען זיי האָבן פּראָטעזשירט די יידישע וואוכעריי, האָבן קיינמאָל נישט געפרעגט, וואָס פאַר א נוצן קאָנען האָבן זייערע אונטערטאַנען פון דער קרעדיט-ווירטשאַפט. אין זייער אינטערעס איז געלעגן איינציק און אַליין צו האָבן פאַר זיך צו יעדער צייט אין די פאַרמעגנס, וואָס די יידן האָבן געמאַכט

פון וואוכעריי, א געהעריק גרויסן פּאָנד פון קאַפּיטאַלן, וואָס מען קאָן זיי צוזאַמען און פאַרנוצן, ווען מען נויטיקט זיך אין זיי. דער ייד — דער וואוכערער איז אַזוי אַרום דורך די שוץ־האַרן זייַנע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שוואָם, וואָס האָט אַרייַנגעזויגן אין זיך די אוצרות פונם לאַנד, כדי זיי זאָלן דערנאָך דורך די שוץ־האַרן צוריק אַרויסגעפּרעסט ווערן מיט דער הילף פון אַן אַנטשפּרעכנדיקן שטייער־סיסטעם און זאָלן סוף־כל־סוף בלייַבן אין רשות פון די שוץ־האַרן. דורך דער וואוכער־טעטיקייט פון די יידן, וואָס איז ענלעך געווען צו דער זויג־אַרבעט פון א פּאָליפּ און וואָס דעם נוצן דערפון האָבן סוף־כל־סוף נישט געהאַט די יידן, נייערט די מלכים און שררות, זענען אין א גרויסער מאָס אונטערמינירט געוואָרן די פונדאַמענטן פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג. וואָרים די פאַרמעגנס פון די יידן, וואָס האָבן געשטאַמט פון וואוכעריי און וואָס זענען דאַן דורך כלערליי מיטלען, ווי שטייערן, שוץ־געלטער אָדער קאָנפיסקאַציעס אויסגעפּרעסט געוואָרן פון די יידן לטובת די שוץ־האַרן, פלעגן זיך זעלטן ווען אומקערן צו זייער אַלטער, פעאָדאַלער אָפּגעשלאָסנקייט. זיי האָבן באַקומען די אייגנשאַפט פון באַוועגלעכקייט, זיי האָבן זיך אָנגעהויבן ווייטער קוילערן און זענען סוף־כל־סוף ווידער אַרייַנגעפאַלן, אויב נישט צוריק אין הענט פון א ייד, איז אין די הענט פון אַן אַנדערן פּיאָנער פון דער געלט־ווירטשאַפט. „עס איז קלאָר, — מאַכט איינער פון די מאָדערנע ווירטשאַפטס־פאָרשער דיזאָזיקע גייסטרייכע באַמערקונג, — אַז 100,000 גילדן, וועלכע זענען צוגענומען געוואָרן אַלס פּראָצענט ביי א פּאָר הונדערט ריטערס און וואָס דערנאָך האָט זיי דער פירשט, דער שוץ־האַר צוגעגזלט ביי דעם יודן, דעם מלווה, האָבן גיכער געהאַט די אויסזיכט צו באַקומען די אייגנשאַפט פון ק א פּ י ט א ל, איידער אין דער צייט, ווען זיי זענען נאָך געלעגן צעזייטע און פאַרשלאָסענע אין די אייזערנע קופערס אויף די פריצישע הויפן".

ווי א ווייטערער וויכטיקער פאַקטאָר, וואָס האָט גורם געווען צו דעם איבערברוך אין דער יידישער ווירטשאַפט, דאַרף באַטראַכט ווערן דער אויפבלי פון דעם שטאָטישן לעבן אין מערב־אייראָפּע, א פּראָצעס, וואָס הויבט זיך אָן אין א שנעלן טעמפּאָ ערשט פון דעם 11־טן י"ה ביזן 11־טן י"ה הערן מיר גאָרנישט וועגן א ספּעציפיש יידישער וואוכעריי. דער ייד איז אין די ערשטע צייטן פון מיטלאַלטער געווען קודם־כל א לאַנדווירט אָדער א סוחר און בלויז אין זעלטענע פאַלן, ביי אַן אָקאַזיע האָט ער זיך פאַרנומען אויך מיט קרעדיט־געשעפטן. וועגן א זעלבשטענדיקן יידישן געלט־האַנדל קאָן אין יענער צייט קיין רייד נישט זיין. די געלט־געשעפטן, וועלכע זענען געווען צונויפגעבונדן מיטן

יידישן סחורות-האנדל ביז דער צייט, ווען אין מערב-אייראָפּע האָבן
אָנגעהויבן אויפצובליען די שטעט, זענען געווען אָפּעראַציעס פונם „חלפן",
פונם „וועקסלער". דער „חלפן" איז געווען דער שטענדיקער באַגלייטער
פונם סחורות-הענדלער, ווייל ער פלעגט פּרואוון דאָס „געלט", דאָס גע-
וויכט און די קוואַליטעט דערפון, און ער פלעגט באַזאָרגן דעם אויסטויש
פון געלט. ממשותדיק האָט זיך געענדערט די לאַגע פון דעם 11-טן י"ה
אָן. ביז דעמאָלט זענען הלוואות געווײנלעך גענומען געוואָרן אין פאַל
פון א פּלוצלונגן אומגליק, אן אומגעריכטער צרה, אָדער אויף אומפּראָ-
דוקטיווע הוצאות. אָבער פון 11-טן י"ה אָן, ווען די קולטור האָט ווידער
אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען און דער מסחר האָט באַקומען א גרעסערן
פאַרנעם, איז אויך געוואַקסן דאָס באַדערפעניש אין קרעדיט און עס האָט
זיך געעפנט א ברייט פעלד פאַר דער טעטיקייט פון באַנקירן. דער קירכ-
לעכער איסור צו נעמען פּראָצענטן איז לכתחילה ארויסגעגעבן געוואָרן
ביי א פאָלקסווירטשאַפט, וואָס איז נאָך געשטאַנען גענוג נידעריק, און
דעריבער האָט זי אים געקאָנט לייכט דערטראָגן. אָבער פון 11-טן י"ה
אָן, ווען די באַדערפענישן אין קרעדיט זענען כסדר געשטיגן, האָט זיך
דער איסור געלאָזט אַלץ פּיינלעכער שפּירן, און ער איז געוואָרן ווי א
קייט, וואָס דריקט אויף אן אומדערטרעגלעכן אופן. אין אזא צייט טרעט
אויף דער יידישער געלט-פאַרלייער, דער באַנקיר, וואָס באָרגט אויף פּראָ-
צענטן, ווי א זייער געוואונטשענער עלעמענט, וואָס מאַכט לייכטער די
סיטואַציע און וואָס איז באַזונדערס נויטיק אין די אויפבליענדיקע שטעט,
וועלכע נויטיקן זיך אין פּראָדוקטיוון קרעדיט. דער ייד איז געווען אין
דער באַנקיר-ראָלע ממש יענער homo novus, יענער „נייער
מענטש", אויף וועלכן די שטעט האָבן געוואַרט, ווי מען וואַרט אויף א
העלפער אין דער נויט. דער ייד האָט גענומען דיזאָזיקע ראָלע אויף זיך,
מחמת עס איז אים אַלץ ענגער געוואָרן אין זיינע פריערדיקע באַשעפ-
טיקונגען און די אָפּצאָלונגען לטובת דעם שוץ-האַר זיינעם זענען געוואָרן
אַלץ גרעסער און שווערער. וואָס שייך די פריערדיקע יידישע פּרנסות, ווי
לאַנדווירטשאַפט און האַנדל, גליטשן זיי זיך, זינט דעם 11-טן י"ה, אַלץ
מער ארוים פון די יידישע הענט, און, אגב, קלעקן זיי אַלץ ווייניקער, צו
באַשאַפן מיט זייער הילף די גרויסע אָפּצאָלונגען פאַר די שררות.

דער באַזיץ פון אומבאַוועגלעכע גיטער ווערט די יידן כסדר פאַר-
שווערט דורך די פעאָדאַלע ריטער-לייט און דורך דער קירך. דערצו
קומט נאָך די דערשייַנונג, וואָס דער שקלאַפן-האַנדל, וועלכער האָט גע-
ליפערט אַרבעטס-קרעפטן פאַר דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, האָט זיך
גישט מער געקאָנט באַוועגן אין די פריערדיקע ברייטע ראַמען, מחמת

דער ייד האָט צוליב דער קאמער-קנעכטשאפט פארלוירן א סך פ'ן זיין פריערדיקער באוועגונגס-פרייהייט.

אן ענלעכע ענדערונג צום ערגערן קומט אויך פאָר מיט דעם פריערדיקן, ווייט-פארצווייגטן סחורות-האנדל פון די מערב-אייראָפעישע יידן. אונטער דער ווירקונג פון די קרייץ-צוגן, וועלכע האָבן דערנענטערט די פעלקער איינע צו די אנדערע, האָט זיך אומעטום פארקלענערט דער תהום, וואָס האָט פריער פאנאנדערגעשיידט די אומות. די מלוכות פון צענטראל-און צפון-אייראָפע טרעטן-ארויס פון זייער איזאָלירונג און אויפן אָרט פונם פריערדיקן צווישן-שטאַטישן האנדל, דהיינו, דעם האנדל מיט געוויסע אויסלענדישע שטעט, הויבט זיך איצט אָן אן אינטער-נאציאָנאלער האנדל, דהיינו, א האנדל צווישן פעלקער. עס אנטוויקלט זיך אן אייראָפעישער סוחרים-קלאס, וואָס בויט אוים פאר זיך א ספעציעלע רעכטס-לאגע. דערדאָזיקער סוחרים-קלאס הויבט אָן, זינט דעם 11-טן י"ה, צו אָרגאניזירן זיך אין אייגענע צעכן, אין די אזויגערופענע סוחרים-גילדעס, בכדי אויסצוקעמפן פאר זיך זעלבשטענדיקייט אנטקעגן זיינע אויבער-הארן, די שטאַט-שררות און בכדי צו באפרייען זיך פון דער קאָנקורענץ מצד זיין ביזאהעריקן אפוטרופוס, — דעם יידישן סוחר. וואו דערדאָזיקער עמאנציפאציע-קאמף האָט זיך אָנגעהויבן פריער, דאָרט איז עס אויך פריער געקומען צו רדיפות אויף יידן, מחמת די רדיפות זענען ס'רוב געווען א פּראָדוקט פון עקאָנאָמישע רייבונגען און קאָנקורענץ-קאמפן. צום פריסטן זעען מיר די רדיפות אין איטאליע, וואָרים שוין דעמאָלט, ארום דער העלפט פון 10-טן י"ה, איז געקומען צו ערנסטע צוזאמענשטויסן צווישן די יידישע סוחרים און די קריסטלעכע סוחרים פון די נאָר וואָס אויפגעבליטע איטאליענישע האנדלס-שטעט, ווי ווענעדיג, אמאלפי און בארי. אין דרום-פראנקרייך הויבן זיך אָן די רדיפות אין 11-טן י"ה, אין דייטשלאנד—אין דער ערשטער העלפט פון 12-טן י"ה, צום שפּעטסטן אין מזרח-אייראָפע, וואָס האָט זיך אין דער האנדלס-טעטיקייט פון די יידן, צוליב דער פארשפּעטיקטער אנטוויקלונג פון די מזרח-אייראָפעישע שטעט, צום לענגסטן געגוויטיקט. וואָס שפּעטער, אלץ שארפער באשטעטיקט זיך דער פאקט, וועלכן דערווירטשאפטס-היסטאָריקער, וו. ראָשער, האָט אמאָל כאראקטעריזירט מיט די ווערטער, אז „די יידן-פּאָליטיק אין מיטלאלטער שטייט אין א כמעט אומגעקערטער פּראָפּאָרציע צו דער אלגעמיינער ווירטשאפטלעכער קולטור". אזוי איז עס אויך ווירקלעך געווען: וואָס העכער עס איז געשטיגן די אלגעמיינע ווירטשאפטלעכע קולטור, אלץ טיפער איז געזונקען די סאָציאלע לאגע פון די

ייִדן, אַלץ ייִדן־פֿײַנטלעכער איז געוואָרן די פּאָליטיק פֿון די „שוץ־הארן" און בכלל פֿון די קריסטלעכע שיכטן.

וואָס מער עס גיט זיך איין די אויפֿבליענדיקע שטעט זיך צו באַפֿרייען פֿון דער אויבער־מאַכט, וועלכע עס האָבן איבער זיי געהאַט די קעניגן און שררות, וואָס פֿעסטער עס ווערט די באַטייליקונג פֿון די קריסטלעכע שטאָט־מענטשן אין דער שטאָטישער פֿאַרוואַלטונג, אַלץ מער נוצן זיי אויס די דעראָבערטע פּאָליטישע פּאָזיציעס לטובֿת זייערע ספּעציפֿישע ווירטשאַפֿטלעכע אינטערעסן, אַלץ מער ווענדט זיך דער שאַרף פֿון זייער ווירטשאַפֿטס־פּאָליטיק קעגן די ייִדישע קאָנקורענטן אויפֿן געביט פֿון שטאָטישע פּרנסות. דעם ייִד, וואָס איז פֿריִער געווען דער הויפּט־טרעגער פֿון דעם האנדל, ווערט אַלץ שווערער צו בלייבן ביי דערדאָזיקער באַשעפֿטיקונג. זייענדיק אויסגעשלאָסן פֿון דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג און האָבנדיק אקעגן זיך ספּעציעלע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס פֿון די קריסטלעכע סוחרים, ווי, אַ שטייגער, די גילדעס, ווערט דער ייִדישער סוחר אין מערבֿ־אייראָפּע כּסדר אריבערגעשטיגן דורך דעם יונגן קריסטלעכן סוחרים־קלאַס, און בכדי זיך פֿונדעסטוועגן צו האַלטן אויף דער פֿלאַך פֿון לעבן, מוז דער ייִד אויפֿזוכן נייע באַדערפֿענישן און אויספֿילן ווירטשאַפֿטלעכע בלויזן, שאַפֿנדיק אַזוי אַרום נייע קוואַלן פֿון פּרנסות און איינפֿלוסן — און אינאיינעם אויך נייע אויפֿריים־מאַטעריאַלן, נייע סכּנות. אַזוי פֿאַרוואַנדלט זיך דער אַמאָליקער ייִדישער סוחר — אין אַ פּ ר אָ פֿ ע ס י אָ נ ע ל ן חלפֿן און מלווה, אין אַ געלט־וועקסלער און וואוכערניק! ער פֿאַרשאַפֿט זיך אַ ווירטשאַפֿטלעך שטאַרקערע פּאָזיציע, נאָר ער באַצאָלט פֿאַר איר מיט סאָציאַלער אונטערדריקונג און מאָראַלישער דערנידערונג. אין דערזעלבער מאָס, ווי ס'שטייגט זיין ווירטשאַפֿטלעכע באַדייטונג, זינקט זיין סאָציאַלע פּאָזיציע!

דאָס זענען, געצייכנט מיט קויל, די ליניעס און ריכטונגען, אין וועלכע ס'באַוועגט זיך די ייִדישע סאָציאַל־און ווירטשאַפֿטס־געשיכטע זינט די ערשטע קרייץ־צוגן ביז לערך דעם סוף פֿון מיטלאַלטער. אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך וועלן מיר זיך אָפּשטעלן ביי יענע מקורים, וואָס אילוסטרירן די אַנטוויקלונג, וועלכע מיר האָבן דאָ כאַראַקטעריזירט אין אַלגעמיינע שטריכן.

קאַפּיטל זעקס

די סאָציאַל-אוןווירטשאַפטס-געשיכטע פון די יידן אין ענגלאַנד

(ביזן גירוש אין יאר 1290)

§ 13 די יידישע „קאמער-קנעכטשאפט" אין ענגלאנד.

א בולט בילד פון דער סאָציאלער און ווירטשאפטלעכער לאגע פון די יידן אין ענגלאנד באקומט זיך פון די מקורים ערשט פאר דער צייט פון 11-טן ביז דעם סוף פון 13-טן י"ה. פון די פריערדיקע צייטן זענען אונז פארבליבן בלויז פאראיינצלטע ידיעות, וואָס אויף זייער סמך איז זיך שווער צו שאפן א געהעריקן באגריף וועגן דער יידן-פראגע אין ענגלאנד. אזוי, א שטייגער, לאָזן זיך דאָ אין 9-טן י"ה פעסטשטעלן יידישע ערד-אייגנטימער, וואָס ווערן געשטעלט אין איין ריי מיט די ריטערלעכע ערד-באזיצער. בערך אין י. 883 באשטעטיקט דער קעניג וויטקלעף פאר דעם קלויסטער פון קראָילענד דעם ערד-באזיץ, וועלכן ער האָט באקומען פונם אדל און פון די יידן. דידאָזיקע ידיעה גיט א גרונט אָנצונעמען, אז בנוגע דעם אייגנטום-רעכט זענען דעמאָלט די יידן נישט געווען אין קיין ערגערער לאגע, ווי די קריסטלעכע אדליים. ביים אָנהויב פון 11-טן י"ה לאָזט זיך אין ענגלאנד מערקן א שטארקער צושטראָם פון פראנצויזישע יידן. די איינוואנדערער זענען, ווייזט אויס, געווען לויטער סוחרים און נישט קיין באנקירן — געלט-פארלייער. וואָרים דורך א געזעץ פון דעם ענגלישן קעניג עדוואַרד דעם פרומען (1042 — 1066) איז פארווערט געוואָרן פאר פראָצענטניקעס זיך אויפצוהאלטן אינם לאנד, און טאָמער איז דערוויזן געוואָרן, אז עמעצ נעמט וואוכער, האָט אים געדראָט די קאָנפיסקאציע פון זיין פארמעגן און דאָס פארלירן פון אלע זיינע בירגער-רעכט. פון דער

אנדערער זייט קאָן דערקלערט ווערן דער פריינטלעכער אויפנעם פון די יידישע איינוואנדערער בלויז דורך זייער גרויסער באדייטונג פארן האנדל. אין משך פון 11-טן י"ה ווערן אויך אָפטער דערמאָנט יידן פון ענגלאנד, וואָס מאכן קניות אין פראנצויזישע האנדלס-שטעט. ווי קליין ס'זאָל נישט זיין דער מאטעריאל, וועלכן מיר האָבן צו פארדאנקען דאָס ביסל גע-בראכטע ידיעות, דערלויבט ער פונדעסטוועגן משער צו זיין, אז אין דעם ווירטשאפטס-בילד פון די ענגלישע יידן האָבן פארנומען דעם אויבנאָן ביז לערך דעם סוף פון 11-טן י"ה נישט קיין וואוכעריי-געשעפטן, נייערט ערד-באזיץ און האנדלס-טראנזאקציעס.

א טיפער איבערברוך אין דידאָזיקע פארהעלטענישן לאָזט זיך ערשט מערקן אין 12-טן י"ה: די סאָציאלע לאגע פון די יידן טראָגט שוין דע-מאָלט דעם בולטן שטעמפל פון קאמער-קנעכטשאפט און זייער ווירט-שאפטלעך לעבן ווערט אלץ מער פארדרוקט אין דער ריכטונג פון וואו-כעריי-געשעפטן. וואָס שייך דעם פּרינציפּ פון קאמער-קנעכטשאפט, קאָן מען דרייסט באהויפטן, אז ער איז אין קיין שום לאנד אזוי קאָנסעקווענט נישט דורכגעפירט געוואָרן, ווי אין ענגלאנד. אין קיין לאנד, א חוץ ענגלאנד, האָט די קאמער-קנעכטשאפט אויך נישט דערפירט צו אזא איינזייטיקייט פון דער יידישער ווירטשאפט און צו אזא פריען צוזא-מענברוך פון איר.

דער פּרינציפּ פון יידישער קאמער-קנעכטשאפט ווערט אין ענגלאנד צום פריסטן פאָרמולירט אין די פאראָרדענונגען פון די קעניגן ע ד ו-א ר ד און ה ײ נ ר י ך I (ערשטע העלפט פון 12-טן י"ה). זינט דעמאָלט פירן די קעניגן א מוראדיק קאָנסעקווענטע פּאָליטיק לגבי „זייערע יידן", באהאנדלענדיק זיי כמעט אויסשליסלעך פונם פיסקאלישן שטאנדפונקט. שוין אין דער צייט פונם קעניג הײנריך דעם II-טן (צווייטע העלפט פון 12-טן י"ה) שטעלן די ענגלישע יידן מיט זיך פאָר א גרויסע קאָרפּאָראציע פון וואוכערניקעס, וואָס די אויפגאבע זייערע איז דורך וואוכער-געשעפטן אויסצוזויגן די אוצרות פון דער באפעלקערונג און צו שפּייזן מיט די רייכטימער דעם קעניג, וועלכער באקומט אויך צו זיך דאָס געלט מיט דער הילף פון א געהעריקן אפּאראט שטייערן, שטראָפן, „מתנות", טאקסעס, פארמעגנס-קאָנפיסקאטעס און צוזאמענ-האנג מיט אָרגאניזירטע פּראָצעסן וועגן עלילת-דם און דאָסגלייכן. לויט די אויסרעכענונגען פון דעם ענגלישן ווירטשאפטס-היסטאָריקער, א ש-ל י, האָבן די שווערע אָפּגאָבן פון די יידן אויסגעמאכט דורכשניטלעך א ד ר י י צ ע נ ט - ח ל ק פון אלע הכנסות, וועלכע עס האָט געמאכט דער ענגלישער קעניג אין משך פון יעדן יאָר. וואָס פאר א ריזיקע סומע

עס שטעלט מיט זיך פאַר דערדאָזיקער דרייצנטער טייל, ווערט פאַר אונז קלאָר, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט די סומע פון 120,000 פונט (לערך 15 — 20 מיליאָן דאָלאַר), אויף וועלכער עס ווערן פון דעם ווירטשאַפטס-היסטאָריקער שמובם געשאַצט די יאָרלעכע הכנסות פון די ענגלישע קעניגן פון דער פּלאַנטאַדזשענעט-דינאַסטיע. אגב, מוז דערביי אויך גענומען ווערן אין אַכט, אַז די צאָל יידן אין ענגלאַנד איז אין אַלגעמיין געווען אַ זייער קליינע: ביים סוף פון 12-טן י״ה האָבן יידן געלעבט בלויז אין 6 — 7 ענגלישע שטעט און אין יאָר 1290, ווען זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן פון ענגלאַנד, האָט די צאָל אויסוואַנדערער באַטראָפן סך הכל 2.500 — 3.000 נפשות. דערפון ווערן מיר נאָך מער נשתומם איבער דער הויך פון די די סומעס, וועלכע דער שוץ-האַר — דער קעניג פלעגט ביי די יידישע קאַמער-קנעכט אויספּרעסן. און פון דער אַנדערער זייט ווידער, קאָנען מיר זיך דערפון שאַפן אַ השגה וועגן דעם גרויס-קאַפּיטאַליסטישן פאַרנעם פון די יידישע וואוכער-געשעפטן, וואָרים אַזאַ פאַרנעם האָט די יידן געקאָנט געבן די מעגלעכקייט צו פאַרשאַפן זיך אין אַ שנעלן טעמפּאָ צוריק די פאַרמעגנס, וואָס זענען ביי זיי כסדר צוגענומען געוואָרן דורך די שוץ-האַרן זייערע.

§ 14 די אָרגאַניזאַציע און דער פאַרנעם פון די יידישע קרעדיט-געשעפטן.

זייענדיק פאַראינטערעסירט אין דעם וואוקס פון די יידישע הכנסות, האָבן די ענגלישע קעניגן שוין אין דער צווייטער העלפט פון 12-טן י״ה געשאַפן אַן אַנטשפּרעכנדיקע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע וואוכער-געשעפטן, וואָס דער צוועק אירער איז געווען אַ דאָפּלטער: זי האָט קודם-כל געדאַרפט געבן די קעניגן אַ גענעריקן חשבון פון די יידישע פאַרמעגנס, וועלכע זענען געווען אנגאַזשירט אין קרעדיט-געשעפטן און, אַ חוצדעם, האָט זי געהאַט דעם צוועק, צו פאַרגאַראַנטירן די הכנסות, וועלכע די קעניגן האָבן געצויגן פון די וואוכעריי-אָפּעראַציעס פון זייערע קאַמער-קנעכט. דעם יסוד פון דער אָרגאַניזאַציע בילדן איינציקע פאַראָרדענונגען פונם קעניג היינריך דעם II-טן (1154—1189), דער עיקרשט אָבער אַ פאַראָרדענונג פונם קעניג ריכאַרד ליבן-האַרץ פון י. 1194. לויט דידאָזיקע פאַראָרדענונגען זענען פאַר די יידישע געלט-געשעפטן אָרגאַניזירט געוואָרן ספּעציעלע שאַץ-קאַמער, וועלכע מען האָט גערופן „Scaccarium Judaeorum“ אָדער „Scaccarium Judamisi“ דעם אויבער-קאָנטראָל איבער די „יידישע שאַץ-קאַמערן“ האָט געהאַט די מלוכהשע שאַץ-קאַמער. אין די „יידישע שאַץ-קאַמערן“ האָט געמוזט אָפּגעשלאָסן און פאַררעגיסטרירט ווערן

אלע הלוואה-געשעפטן פון די יידן; דאָ האָבן אויך געמוזט אײנגעצאָלט ווערן די סומען, וועלכע מען איז די יידן געווען שולדיק. די פּראָצעדור ביים אָפּשליסן א הלוואה-געשעפט איז געווען אזא: דער הלוואה-אָפּמאך האָט געמוזט פאָרקומען אין דער קעגנווארט פון 8 פערזאָן; דעם שטר-חוב האָט מען אויסגעשטעלט אין 2 עקזעמפּלארן: איינעם האָט באקומען דער יידישער מלווה, דער צווייטער איז אוועקגעלייגט געוואָרן אין דער „יידישער שאַץ-קאמער" אין א באזונדער שאנק, וואָס איז געשטאנען אונטער דער אויפזיכט פון דער מלוכה: ענדערונגען אין דעם שטר-חוב האָט מען געקאָנט מאכן בלויז אין דער קעגנווארט פון 2 „וועכטער פון דער שאנק."

דאָס אָפּצאָלן דעם חוב האָט מען געמוזט פארשרייבן אין דריי בעזונדערע רעגיסטער-ביכער. מיט יעדער „יידישער שאַץ-קאמער" האָט אָנגעפירט א קאָלעגיע, וואָס איז באשטאנען פון 2 קריסטן (פארטרעטונגס-מענער פון די בעלי-חובות), 2 יידן (פארטרעטונגס-מענער פון די יידישע באנקירן) און 2 קעניגלעכע אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן געהייסן „שרייבער". אין דער צייט פון ריכארד לייבן-הארץ האָבן עקזיסטירט אזעלכע „יידישע שאַץ-קאמערן" אין 6—7 שטעט, און בלויז אין די דאָזיקע שטעט איז די יידן געווען דערלויבט צו וואוינען. מיט א צייט שפּעטער זענען „יידישע שאַץ-קאמערן" איינגעאָרדנט געוואָרן אין נאָך א צוואַנציק ערטער.

די ריין פיסקאלישע טעמים פון די קעניגן ביים גרינדן די „יידישע שאַץ-קאמערן" ווערן דערוויזן צווישן אנדערע פאקטן אויך דורך דעם אָפּצאָל, וועלכן דער קעניג האָט גענומען פון יעדער געלט-טראנזאקציע, וואָס איז פאררעגיסטרירט געוואָרן אין דעם „יידישן שאַץ-אמט". דער אָפּצאָל האָט באטראָפן 10% פון די געלט-אָפּעראציעס. כאראקטעריסטיש איז אויך פאָלגנדיקע פונקציע פון די שוין דערמאָנטע 2 קעניגלעכע אָנגעשטעלטע אין די „יידישע שאַץ-אמטן": זיי האָבן געהאט אלס אויפגאבע צו וואכן איבער די יידישע געלט-געשעפטן, און צוליב דעם פלעגן זיי פון צייט צו צייט ארומפאָרן איבערן לאנד און נאָכשפּירן אומעטום, צו מאכן נישט די יידן בשתיקה געשעפטן, און שאָדן נישט אזוי-ארום די הכנסות פון דעם קעניג.

ביים אָנהויב פון 13-טן י"ה באקומען די „יידישע שאַץ-אמטן" א חוץ די פריערדיקע פינאנץ-קאָמפּעטענצן, נאָך אייניקע קאָמפּעטענצן פון געריכטלעכן און אדמיניסטראטיוון כאראקטער. אזוי, א שטייגער, ווערט באשטימט דורך א פאראָרדענונג פונם קעניג הײנריך דעם

III-טן פונם י. 1213, אז די „יידישע שאַץ-אמטן" זענען די קאָמפּעטענטע געריכטן פאר פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר צווישן יידן און קריסטן. א צייט שפּעטער ווערט זיי אויך איבערגעגעבן די אדמיניסטראַטיווע אויפגאַבע, צו פאררעגיסטרירן יעדן איינגעוואנדערטן יידן.

עד כאן די פרטים וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון די יידישע וואוכערייגעשעפטן און וועגן די פונקציעס פון די ספּעציפישע „יידישע שאַץ-אמטן".

לאָמיר איצט באַטראַכטן די פאָרמען און דעם פאַרנעם פון די יידישע קרעדיט-אָפּעראַציעס.

צוליב דעם מוראדיקן שטייער-דרוק, וועלכער כאַראַקטעריזירט די יידן-פּאָליטיק פון די ענגלישע קעניגן און וואָס צוליב אים האָבן די יידן תמיד געמוזט שטרעבן צו גרויסע פארמעגנס, האָט זיך דאָס יידישע קרעדיט-געשעפט אין ענגלאַנד אָנגעשפּאַרט דערעיקרשט אויף דעם קלאַס פון ערד-באַזיצער. דער לאָזונג פון די יידישע וואוכערניקעס איז געווען „צו כאַפּן קודם-כל די גרויסע פיש" און אַזעלכע האָט מען דעמאָלט געקאָנט אויפזוכן צום לייכטסטן צווישן די ערד-איינגנטימער. די גרויסע רווחים פון די הלוואות, אויף וועלכע מען האָט באַקומען אלס משכון אומבאַוועגלעכע גיטער, האָבן זיך גענומען דערפון, וואָס די פאַרזעצטע נחלאות זענען געווען געווינלעך גוצבאַרער משכון און מען האָט דערום געהאַט פון זיי א דאָפּלטן נוצן: אי זיי זענען געווען א פאַרזיכערונג פאר דעם קאַפּיטאַל און פאר די פּראָצענטן, וואָס זענען געקומען דעם מלווה, אי מען האָט געקאָנט אויסנוצן דאָס רעכט צוווירטשאַפטן אין די פאַרמשכונטע גיטער, ביז דער חוב וועט אָפּגעצאָלט ווערן, און אָפּקריגן אין גאַנצן דעם ווערט פונם אנטליענעם געלט און פון די פּראָצענטן. א דאַנק די קרעדיט-געשעפטן אויף אומבאַוועגלעכע משכנות, זענען די יידן אין ענגלאַנד געוואָרן די ערשטע יורשים פון די רייכע אדל-לייט, די גרויסע גוטס-באַזיצער. צווישן די יידישע באַנקירן פאַרנעמט אין 12-טן י"ה דעם אויבנאָן דער לינקאָלנער ייד, אהרן. פאר זיינע געשעפטן איז געווען איינגעאָרדנט א באַזונדער שאַץ-אמט, וועלכעס מען האָט גערופן „דאָס שאַץ-אמט פון אהרנען". א דאַנק די אויפגעהיטע רעגיסטערס פונם דאָזיקן שאַץ-אמט, זענען מיר גענוי אינפאָרמירט איבער די געשעפטן, וועלכע דער דאָזיקער „ראָטשילד" פון 12-טן י"ה האָט געמאַכט אין דער צייט צווישן 1166—1186. זיי זענען געווען באמת פון גרעסטן פאַרנעם, ווי עס באַווייזט דאָס דער פאַקט, אז דער קעניג היינריך II אליין איז געווען אהרונען א בעל-חוב אויף 100.000 פונט, דהיינו, אויף כמעט אזוי פיל

וויפל עס האט דעמאלט באטראפן דער יארלעכער בוזשעט פון דעם קע־ ניגלעכן הויף. אהרן האט געפירט זייגע געשעפטן מיט דער הילף פון א ריי אגענטן און באפולמעכטיקטע, פון וועלכע עס ווערן דערמאנט אין די אקטן די יידן פעטעווין, לעאָ, שלמה פון פאריז וכדומה. אין י. 1187 האט דער קעניג זיך באנוצט מיט זיין רעכט אלס „שוץ־הארי" פון די יידן און אלס זייער יורש און ער האט קאנפיסקירט אהרנס ריזיקע רייכטימער. אהרנס פארמעגן איז באשטאנען אין צוויי דריטל מזומן געלט און תביעות, און איין דריטל אין נחלאות און הייזער. נאך זיין טויט (1186) זענען געבליבן תביעות צום איינמאָנען אין דער הויך פון 20.000 פונט.

די פראָצענטן, וועלכע די יידישע באנקירן פלעגן נעמען פון די בעלי־ חובות, האָבן באטראָפן פון 43 ביז 86 פראָצ. די פריצים, וואָס האָבן ביי די יידן פארמשכונט נחלאות, פלעגט דער קעניג אָפטמאָל פאר היפ־ שע מתנות, דערלויבן נישט איבערצוגעבן די פארמשכונטע לאנד־שטחים צו די יידן, אז די לעצטע זאָלן ווערן איבער די משכנות די באלעבאטים, נאָר אליין צו בלייבן ביי די משכנות. אין אזא פאל האָבן די פריצים גע־ מוזט צאָלן די יידן די יאָרלעכע איינקונפטן פון די פארמשכונטע גיטער אזוי לאנג, ביז דער חוב איז געסילוקט געוואָרן.

א חוץ הלוואות אויף אומבאוועגלעכע משכנות, האָבן זיך די יידן פארנומען אויך מיט אויסלייען געלט אויף כלערליי באוועגלעכע משכנות. דידאָזיקע פאָרם פון קרעדיט־געשעפטן פלעגט מען באנוצן ביי קליינע הלוואות, און זי האָט בכלל געשפילט אן אונטערגעאָרדנטע ראָלע.

§ 15 סאָציאלע קאָנפליקטן און פאָגראָמען צוליב דער יידישער וואוכערײ.

די איינזייטיקע באשעפטיקונג פון די ענגלישע יידן מיט וואוכעריי, וואָס איז געווען, ווי מיר האָבן דאָס שוין באטאָנט, א פועל־יוצא פון דער ריקזיכטלאָזער פינאנץ־פאָליטיק פון די ענגלישע קעניגן, האָט שוין ביים סוף פון 12־טן י"ה דערפירט צו בלוטיקע קאָנפליקטן צווישן די יידישע קאמער־קנעכט און די ריטערלעכע בעלי־חובות. אין י. 1189 קומען פאָר א ריי פאָגראָמען אויף יידן אין לאָנדאָן, לינקאָלן, שטאמפארד און לין. מיט איין יאָר שפעטער שפילט זיך אָפ די מוראדיקע טראגעדיע אין יאָרק: די ריטערלעכע בעלי־חובות פון די יאָרקער יידן מאכן, אונטער דער אָנפי־ רונג פון א געוויסן מאלביים (Malebisse), אן אָנגריף אויף די יידן און אויף דעם „יידישן שאץ־אמט"; די וועקסלען, וועלכע מען היט צו פונם שאץ־אמט, ווערן „פייערלעך" פארברענט, און די יידן, וואָס האבן זיך אויסבאהאלטן אין שלאס, ווערן ארומגערינגלט און באלאגערט. די טראגעדיע ענדיקט זיך מיט א מאסן־זעלבסטמאָרד פון די איינגעשלא־

טענע יידן. כאראקטעריסטיש איז דער עפּילאָג, וואָס קומט דערנאָך: דער קעניג דערקלערט, אז די תביעות נאָך די אומגעקומענע יאָרקער יידן גייען איבער בירושה נאָר צו אים אליין, מחמת די אלע אומגעקומענע יידן זענען געווען זיינע קאמער־קנעכט און ער באשטימט ספּעציעלע ריכטער, וואָס די אויפגאבע זייערע איז געווען — ארומצופאָרן איבערן לאנד און פעסטשטעלן דעם מין און די גרויס פון די פארמעגנס נאָך די דערהרגעטע יידן און צו מאכן א גענויע רשימה פון די חובות, וועלכע מען איז געווען שולדיק די יידן אויף היפּאטעקן, באוועגלעכע משכנות און וועקסלען, בכדי איינצומאָנען דאָס געלט ביי די בעלי־חובות.

ביים אָנהויב פון 13־טן י״ה פועלן אויס די ריטער א פּריווילעגיע ביים קעניג, די באַרימטע „מאגנא כארטא״, וואָס שטעלט פעסט, אז אין פאל, ווען עס שטארבט דער בעל־חוב און לאָזט איבער מינדעריעריקע קינדער, רעכענען זיך נישט קיין פּראָצענטן פון די חובות, ווי לאנג די קינדער האָבן נאָך נישט דערגרייכט די פוליעריקייט. א צווייטע באשטימונג פון דערזעלבער פּריווילעגיע זאָגט ווידער, אז די חובות פון דעם מאן טאָרן נישט גערעקט ווערן פון דעם נדן, וועלכן עס האָט אים אריינגעטראגן זיין ווייב.

דידאָזיקע דערגרייכונג פון די ריטערלעכע בעלי־חובות איז געווען פון א קאָנצעסיע מצד דעם קעניג, אין וועמענס פיסקאלישן אינטערעס עס איז געלעגן, צו געבן די יידן פרייע הענט ביים איינמאָנען די חובות. ווערט זי טאקע ביי דער ערשטער געלעגנהייט צוריקגעצויגן פון דעם מאכטהאָבער (1216) און דאָס פארשארפט נאָך מער די סיי ווי שטארק אָנגעצויגענע באציונגען צווישן די יידן און די בעלי־חובות. פונדעסטוועגן איז דער קעניג (הײנריך דער III־טער) געווען אימשטאנד, נאָך קרוב 50 יאָר, אפּצוהיטן די יידן פאר פאגראמען מצד די בעלי־חובות. צו בלוטיקע צוזאמענשטויסן קומט עס ערשט אין די יאָרן 1262 און 1264. די עיקר־סיבה זייערע איז געווען א שווערער ווירטשאפטלעכער קריזיס אין לאנד, צו וועלכן עס זענען גורם געווען כסדרדיקע מלחמות, וועלכע דער קעניג האָט געפירט אין אויסלאנד (ווי א שטייגער, אין גאסקאָין, סיציליע און אזוי ווייטער) און וואָס צוליב זיי איז פיל געלט ארויסגעפירט געוואָרן פון ענגלאנד. דער געלט־מאנגל, וואָס איז אזויארום אנטשטאנען, האָט אומגעהויער פארשווערט די לאגע פון די ערד־באזיצנדיקע ריטער: אי זיי האָבן זיך נישט געקאָנט באפרייען פון די דריקנדיקע חובות, אי זיי זענען געווען געצוואונגען צו באלאסטן זייערע אומבאוועגלעכע פארמעגנס מיט נייע שולדן. איז טאקע אנטשטאנען אן איבערפארשולדיקונג פון די אומבאוועגלעכע גיטער, און דאָס האָט די ריטער — די בעלי־חובות געטריבן

אויפן בלוטיקן וועג פון פּאָגראָמען אויף די יידישע באַנקירן. עס איז גע־וואָרן דערוויזן, אז די פּאָגראָמען, וואָס זענען אויסגעבראָכן אין לאָנ־דאָן אין י. 1264 און וואָס האָבן פארשלונגען לערך 550 יידישע קרבנות, זע־נען געווען אָרגאַניזירט דורך אדל־לייט — פארשולדיקטע ערד־באזיצער. דאסזעלבע איז אויך שייך די פּאגראמען, וואס זענען אין דעמזעלבן יאר פּאָרגעקומען אין א ריי אנדערע שטעט. זייער כאראקטעריסטיש איז דער־ביי דער פּאָגראָם אין קענטערבורי, וואָס האָט זיך, פּונקט ווי דער יארקער פּאגראם פונם יאר 1190, אנגעהויבן מיט אן איבערפאל אויף דעם „יידישן שאץ־אמט", וואו עס זענען געלעגן די וועקסלען און די רשימות פון די לויפנדיקע חובות.

די פּאָגראָמען און דער ווירטשאפטלעכער קריזיס, וואָס האָט זיי ארויסגערופן, זענען פון די ריטער — די בעלי־חובות אויסגענוצט געווארן, צו פארשטארקן דעם פּאָליטישן דרוק אויף דעם קעניג. אין י. 1269 נימט ארויס דער קעניג א פאראָרדענונג, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר א ווענ־דונג אין דער ביזאהעריקער פינאנץ־פּאליטיק לגבי די יידן: דער מאכט־האָבער באשליסט זיך צו באגרענעצן געוויסע קרעדיט־אָפּעראציעס פון די יידן און ער באשטימט, א שטייגער, אז די יידן טארן נישט בארגן קיין געלט אין דער פארשלייערטער פאָרם פון „רענטן־קויף" (טראנזאקציעס, וואו דער בעל־חוב האָט זיך מתחייב געווען, אָפּצוגעבן צו דעם „קויפער" א באשטימטער סומע א טייל הכנסות פון זיינע אומבאוועגלעכע גי־טער) און אז עס איז זיי אויך פארווערט צו פארקויפן די וועקסלען פון זייערע בעלי־חובות אָן א ספּעציעלער באוויליקונג פון דעם קעניג. א ווייַ־טערער שריט ווערט געמאכט אין דערזעלבער ריכטונג אין י. 1275, דאָס־מאל נישט בלויז צוליב פּאליטישע טעמים (אום צו בארואיקן די צעקאכ־טע אדל־לייט, די בעלי־חובות), נייערט אויך אונטער דער ווירקונג פון רעליגיעזע מאטיוון. אינם דערמאנטן יאר 1275 טרעט, געמלעד, ארויס דער קעניג עדוארד I מיט א פאראָרדענונג, וואָס פארווערט בכלל די יידן צו פארנעמען זיך מיט וואוכער־געשעפטן און וואס באשטימט, אז די יידן מעגן אויף להבא ציען זייער חיונה אויסשליסלעך פון האנדל און מלאכה, ווי אויך פון ערד־ארענדעס, וואָס טאָרן, אגב, נישט דויערן לענגער ווי 10 יאָר. די דאָזיקע פאראָרדענונג באדייט א פולשטענדיקן צוזאמענברוך פון דעם פיסקאלישן סיסטעם, וועלכן די ענגלישע קעניגן פלעגן אין משך פון לאנגע יארהונדערטער אנווענדן לגבי די יידן. זי שטעלט מיט זיך פאר א קאפּיטולאציע פון דעם קעניג לגבי די ריטערלעכע און קירכלעכע שיכטן אין לאנד און זי האָט זיך, ווי מיר וועלן דאָס באלד זען, ארויסגעוויזן

אלס פֿאַרשפּיל צו דער ענדגילטיקער פֿארטרייבונג פֿון די יידן פֿון ענג־לאַנד, וואס איז פֿארגעקומען אין יאר 1290. נאר איידער מיר וועלן די־דאָזיקע מאָמענטן נאָענטער באַלויכטן, לאָמיר זיך פֿריער, צוליב א בעסערן פֿארשטענדעניש, אָפּשטעלן ביי די מעטאָדן, מיט וועלכע די ענגלישע קע־ניגן פֿלעגן אויסנוצן די יידישע וואוכעריי־געשעפֿטן פֿאר זייערע פֿיסקאלי־שע צילן.

§ 16 דאָס רויב־סיסטעם פֿון די ענגלישע קעניגן און די פֿארטרייבונג פֿון די יידן אין י. 1290.

ווי אָפּט דער יידישער שוואַם איז, א דאנק דער איינזייטיקער בא־שעפֿטיקונג מיט וואוכעריי, אנגעקוואלן, האבן די ענגלישע קעניגן שטענדיק געפֿונען א שעת־הכושר, אים אויסצודריקן. א בילדלעכע שילדערונג פֿון דערדאָזיקער „מלאכה" גיט אונז דער באַרימטער דייטשער היסטאָרי־קער גפֿרערער: „דורך זיין יידן־פֿאַרשטייער פֿלעגט דער קעניג צונויפֿ־רופֿן די רייכסטע יידן און אנהויבן מיט די ווערטער: „דו, משולם, דו מאיר, דו, ברוך, און אזוי ווייטער און איר אנדערע הינטישע זין, ווי מען רופֿט אייך נאָר, האָט איר דען נישט גענוג אויסגענאָגט געלטער ווי פּיאווי־קעס? איצט קומט איבער אייך א שמשון הגבור, תיכף ומיד צאָלט מיר איין אזויפֿיל און אזויפֿיל טויזנטער בלאַנקע מטבעות, אדער איך גיב אייך איבער צום תליון און איך לאז פֿון אייערע לייבער די הויט אראָפּ־שינדן!"

און זיי האבן גענומען צאלן און צאלן און דער „שויץ־האר" האט געהאלטן אין איין שרייען: „גיב! גיב!"

אָט איז ווייטער א קורצע איבערזיכט איבער די יידישע שטייערן און כלערליי געלט־אויספּרעסונגען, וועלכע די ענגלישע יידן האָבן געהאט אויסצושטיין פֿון די קעניגן:

א) „נאָרמאלע" שטייערן און אָפּצאָלונגען: צו זיי בא־לאַנגט: 1) דער ירושה־שטייער, גערופֿן „relief" וועלכן דער קעניג פֿלעגט איינמאָגען נאָכן טויט פֿון א יידן און וועלכער פֿלעגט באטרעפֿן איין דריטל פֿונם איבערגעלאָזטן פֿארמעגן; 2) כלערליי טאקסעס פֿאר דער אינטערווענץ פֿון די „יידישע שאַץ־אמטן" ביים שליסן וואוכעריי־טראנזאקציעס און ביים איינמאָנען די תביעות; 3) אָפּצאָלונגען פֿאר דער קעניגלעכער דערלויבעניש, וועלכע דער ייד האָט געמוזט אויספֿועלן, ווען ער האָט געוואָלט חתונה האָבן אָדער בלייבן אן אומפֿארהייראטער (חתונה־און קאַוואַליר־טאקסעס); 4) אָפּצאלונגען פֿון איינצלנע יידן פֿאר דער דערלויבעניש אויסצוּוואנדערן פֿון לאנד.

ב) אויסערגעוויינלעכע שטייערן און אָפּצאלונגען:

1) שטייערן, גרופן „tallagia" וועלכע דער קעניג פלעגט פאָדערן ביי זיינע יידישע קאַמער־קנעכט פאַר אויסערגעוויינלעכע צוועקן, ווי מלחמה אָפּעראַציעס און דאָסגלייכן. אין אַסך פאַלן האָבן זיי אויסגענומען, ווי פאַרמעגנס־קאָנפיסקאַציעס. אַזוי, אַ שטייגער, מאָנט איין דער קעניג היינריך II אין י. 1188 איין פערטל פון די יידישע באַוועגלעכע פאַרמעגנס פאַר אַ קרייץ־צוג, וועלכן ער האָט דעמאָלט צוגעגרייט. די פינאַנציעלע דערגרייכונג פון דעם „שוץ־האַר" האָט דערביי באַטראָפן 240.000 פונט, וועלכע מען האָט אויפגעמאָנט ביי 500 יידישע שטייער־צאָלער. פון די יאָרן 1224—1244 זענען אונז באַוואוסט „טאַלאַגיאַ"־שטייערן אין דער הויך פון 102.000 פונט.

2) „מתנות", וועלכע די יידן פלעגן אין פאַרשיידענע צייטן דערלאַנגען דעם קעניג אין דער הויך פון פילע טויזנטער מאַרק און פונטן. אַ הויך דעם געשילדערטן סיסטעם פון „באַרמאַלע" און אויסער־געוויינלעכע שטייערן און אָפּצאָלונגען האָבן די ענגלישע קעניגן אויס־געפונען נאָך אַ ספּעציפישן אופן, ווי אויסצופלינדערן די פאַרמעגנס פון זייערע יידישע קאַמער־קנעכט. שוין אין 12־טן יאָרהונדערט פלעגן זיי אינסצעניזירן פּראָצעסן וועגן עלילת־דם, וואָס פלעגן זיך געווייגלעך ענדיקן מיט פאַרמעגנס־קאָנפיסקאַציעס לטובת דעם קע־ניגלעכן אוצר. און טיילמאָל פלעגן די קעניגן אויסאיבן אַ דרוק אויף די ריכטער, אַז אין פּראָצעסן קעגן יידישע מינץ־פעל־שער זאָלן זיין וואָס מער טויט־אורטיילן, אום דאַן צו באַקומען אַ רייכן שניט אין דער פאָרם פון קאָנפיסקירטע פאַרמעגנס נאָך די פאַראורטיילטע. אַזוי, אַ שטייגער, זענען אין אַזאַ פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן אין י. 1278, פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט נישט ווייניקער, ווי 244 יידן. זייער אָפט פלעגט פון די ענגלישע קעניגן אויך באַנוצט ווערן לגבי די יידן דאָס סיסטעם פון מאַסן־אַרעסטן, וואָס דער צוועק פון זיי איז געווען, צו געבן די יידן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצוקויפן פון די תפיסות פאַר טייערע געל־טער. אַזוי, אַ שטייגער, זענען אין י. 1287 אַרעסטירט געוואָרן אַלע ענגלישע יידן און באַלד דערנאָך אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פרייהייט פאַר אַן אָפּצאָל פון 12.000 פונט.

לסוף זאָל נאָך דערמאָנט ווערן אַזאַ רינג אין דער קייט פון געלט־אויספּרעסונגען, ווי דער „חסד" פון די קעניגן, ווען זיי האָבן „פאַר זייער נשמה וועגן און לכבוד דעם שיינעם נאָמען פון זייערע אבות" רעדוצירט אָדער אינגאַנצן אַנולירט די יידישע תביעות און ווען זיי האָבן זיך דערפאַר געלאָזט באַצאָלן אַן אַנטשפּרעכנדיקע „אַנטשעדיקונג" פון די בעלי־חובות... אַזעלכע „חסד"־מאַניפּולאַציעס פון די ענגלישע קעניגן ווערן

אונז צום ערשטן געמאָלדן נאָך אין דער צייט פון ריכארד לייבן-הארץ (סוף פון 12-טן י"ה).

די געשילדערטע מעטאָדן פון אויסראַבירן יידישע פאַרמעגנס, מיט וועלכע עס פלעגט „ארבעטן" דער ענגלישער „שמשון הגבור", האָבן ארום דער העלפט פון 13-טן י"ה דערפירט צו א פינאנציעלן צוזאַמענברוך פון זיינע יידישע קאמער-קנעכט. אין יאָר 1250 איז די פינאנציעלע אויסשעפונג פון די יידן אזוי גרויס, אז דער העכסטער פאַרשטייער זייערער, דער יידישער „פרעסביטער" ר' אליה מוז אָפּענטפערן אויף די ווייגעשרייען מיט דער עצה, אז בעסער פון אלץ איז איבערצולאזן אין לאנד דאס, וואס איז נאָך איבערגעבליבן און אויסצוואנדערן, וואו די אויגן טראָגן... פון י. 1258 איז אונז ווידער פאַרבליבן א ידיעה וועגן א דעלעגאציע יידן, וואָס האבן זיך געקלאָגט פאר איינעם א הויכגעשטעלטן ענגלישן גראַף, אז זיי ווערן דורך דער פאליטיק פון דעם קעניג, וואס האט, אגב, אויך גענומען פראטעזשירן קריסטלעכע באנקירן — די אזוינערופענע „קאווערטשן" (סוחרים פון דער פראנצויזישער שטאט קאהאר), דערפירט צו עלנט און עוני.

אין צוזאַמענהאנג מיט דידאָזיקע ידיעות ווערט אונז ערשט קלאָר דער איבערברוך אין דער יידן-פּאָליטיק פון דעם ענגלישן קעניג, וואָס איז פאָרגעקומען אין די יאָרן 1269—1275: די יידן זענען געווען פינאנציעל אָפּגעשוואכט ביז גאָר, און עס איז נישט געווען צו דערוואַרטן, אז די קליינע קאפּיטאַלן, וואָס זענען נאָך ביי זיי געבליבן, זאָלן קלעקן פאר אזעלכע וואוכעריי-טראנזאקציעס, וואס זאלן ברענגען דעם קעניג דעם אמאָליקן רייכן שניט... איז דעריבער לייכט געווען דער באשלוס, צו ווייזן א „קריסטלעכן" זשעסט און בכלל צו פאַרווערן די יידישע וואוכעריי.

דער אונז שוין באוואוסטער דעקרעט פון י. 1275, וואָס לויט אים האָבן די יידישע קאמער-קנעכט זיך געדאַרפט ווענדן צו אזעלכע פרנסה-קוואלן, ווי האנדל, מלאכה און ערד-ארבעטס, איז נישט געבליבן אָן א ווירקונג. אין די נאָענטסטע יאָרן נאָכן ארויסגעבן די פאַראָרדענונג באַווייזן זיך אין די אקטן ידיעות וועגן ענגלישע יידן, וואָס באקומען דערלויבענישן אויף צו האנדלען און וואנדלען. מיר הערן וועגן האנדלס-נסיעות פון די ענגלישע יידן קיין פלאנדריע, ווי אויך וועגן געוויסע יידן, וואס האָבן זיך גענומען צו ארבעטס פון פּאָלווארקעס. די פינאנציעלע לאגע פון די יידן איז אָבער אין אלגעמיין געבליבן א שווערע ביז גאָר. לויט די ירושה-שטייערן, וואס זענען אונז באוואוסט פון יענער צייט, איז משער צו זיין, אז די פארמעגנס פון די יידן זענען געווען מינימאלע. דער ירושה-שטייער נאך א פארשטארבענעם ייד באווענט זיך דעמאלט דורכשניטלעך

אין די זייער באשיידענע ראמען פון 1—2 און א האלבן מארק, בעת ווען זי האָט נאָך אין דער ערשטער העלפט פון 13-טן י"ה באטראָפן פון 2000 ביז 7.000 מארק. און דאָס איז אויך נישט קיין חידוש, ווען מען נעמט אין אכט, אז די געלטער, וועלכע דער קעניג האָט געהאט אויסגעפרעסט פון די יידן אין דער צייט פון 1255 — 1273, דהיינו, ביז קורץ פאר דעם ארויסגעבן דעם וואוכעריי-פארבאָט (1275), האָבן באטראָפן נישט ווייניקער, ווי 420.000 פונט, א סומע, וואָס אנטשפרעכט היינט לערך 60 מיליאָן דאָלאר. צוליב דער פאראַרעמונג פון די יידן האָט דער קעניג אלץ מער פארלוירן די פאראינטערעסירונג אין זיינע יידישע קאמער-קנעכט און עס איז ביי אים סוף-כל-סוף רייף געוואָרן דער באשלוס, אויסצופרעסן פון זיי דאָס לעצטע רעשטל געלט און זיי ארויסצוטרייבן פון לאנד. די רעאליזירונג פונם דאָזיקן באשלוס קומט פאָר אין די יאָרן 1287—1290. אין י. 1287 גיט זיך איין דעם קעניג ארויסצובאקומען פון די יידן מיט דער הילף פון מאסן-ארעסטן א סומע פון 12.000 פונט. אין דריי יאר שפעטער פירט ער דורך די „ארויסטרייבונגס-טראנזאקציע", וואָס באשטייט פון 2 טייל: דער ערשטער טייל — דאָס איז די ארויסטרייבונג גופא, דער צווייטער טייל, ווידער, איז באשטאנען אין איינמאָנען די יידישע תביעות און פארקויפן די יידישע הייזער און נחלאות, וואָס די געלטער דערפון זענען געווען באשטימט פאר דעם קעניג.

פון די יאָרן 1280 — 1290 זענען אונז פארבליבן אייניקע שטייער-ליסטעס, וואָס באלאנגען צו דעם יידישן קאָפּ-שטייער, וועלכער איז דעמאָלט איינגעפירט געוואָרן דורך דעם קעניג. דעם קאָפּ-שטייער האָבן געצאָלט אלע יידן, וואָס האָבן געציילט מער ווי 12 יאָר, און היות, ווי אין די שטייער-רשימות ווערן דערמאָנט פון 1.133 ביז 1.179 אזעלכע שטייער-צאָלער, איז משער צו זיין, אז די גאנצע יידישע באפעלקערונג פון ענגלאנד האָט אינם ארויסטרייבונגס-יאָר 1290 געציילט נישט מער ווי לערך 2,500 ביז 3.000 נפשות.

די הכנסות, וועלכע דער קעניג האָט געהאט פון די איינגעמאָנטע תביעות און פארקויפטע יידישע הייזער, זענען געווען א סך קלענער, ווי די דערוואַרטונגען. לויט די פארבליבענע רשימות האָבן זיי באטראָפן אין 19 שטעט, וואו יידן האָבן געוואוינט, לערך 10,000 פונט. עס פעלט דערביי די רשימה פון לאָנדאָן, וואו יידן האָבן נאָך געוואוינט, אזוי, אז מען קאָן דעם פינאנציעלן רעזולטאט פון דער „ארויסטרייבונגס-טראנזאקציע" שאַצן אויף לערך 15.000 פונט.

קאַפּיטל זיבן

די סאָציאַלע אוןווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די יידן אין פראַנקרייך

17 § אַ פּאָר סטאַטיסטישע ציפערן.

איידער מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דער סאָציאַלער און ווירטשאַפטלעכער געשיכטע פון די פראַנצויזישע יידן, זינט דעם אויפקום פון דער „קאַמער־קנעכטשאַפט" ביז דער פאַרטרייבונג ביים סוף פון 14-טן י"ה, איז כדאי צו פאַרנעמען זיך מיט אייניקע, פון יענער צייט פאַרבליבענע סטאַטיסטישע ידיעות, וואָס גיבן אונז אַ באַגריף וועגן דער גרויס פון די יידיש-פראַנצויזישע ישובים אין דער באַהאַנדלטער תקופה. די עלטסטע ידיעות פונם דאָזיקן מין ווערן אונז געבראַכט אין די באַוואוסטע רייזע-באַשרייבונגען פון בנימין פון טודעלאַ (1150—1175). מיר דערוויסן זיך פונם דאָזיקן באַרימטן רייזנדער, אַז אַרום דער העלפט פון 12-טן י"ה האָבן אין די דרום-פראַנצויזישע שטעט געלעבט: אין נאַרבאָן — 300 יידן, אין מאַרסעיל — לערך 300, אין לינעל — לערך 300, אין אַרל — 200, אין בורג דע סאַן זשיל — לערך 100, אין פּאָסקיער — 40. אַ חוץ די אויסגערעכנטע שטעט דערמאָנט נאָך בנימין וועגן יידישע ישובים אין אַזעלכע דרום-פראַנצויזישע שטעט, ווי בעזיער און מאָנפּעליע, אָבער גיט נישט אָן די צאָל יידן, וואָס האָבן דאָרט געלעבט. פון די צפון־פראַנצויזישע ישובים דערמאָנט בנימין בלויז די קהילה אין פּאַריז, אויך אָן סטאַטיסטישע ציפערן.

וועגן דער סטאַטיסטישער פאַרהעלטעניש צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג אין די שטעט גיט אונז אַ באַגריף אַ ידיעה פון י. 1194, וואָס לויט איר זאָלן האָבן דעמאָלסט געלעבט אין אַרל — 525 קריסטן, בעת די צאָל יידן האָט אין דערזעלבער צייט באַטראָפן — 200 נפשות.

פון דעם סוף פון 13-טן י"ה באזיצן מיר ציפערן, וואָס האָבן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער און זענען דעריבער אַ סך ווערטפולער. אזוי, אַ שטייגער, איז אונז באַוואוסט פון שטייער-רשימות, וואָס זענען פאַרבליבן פון י. 1292, אַז סך־הכל האָבן אויף די טעריטאָריעס פונם פראַנצויזישן קעניג געצאָלט דעם אַזוי־גערופענעם "taille"-שטייער — 15.200 יידישע „שטייער-צאָלער". פון דעמזעלבן יאָר ווערט אונז אויך איבערגעגעבן, אַז 125 יידישע „שטייער-צאָלער", וואָס האָבן אין פּאַריז געצאָלט דעם "taille", האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט 86 יידישע באַלעבאַטישקייטן. היות, ווי מען קאָן לויט סטאַטיסטישע ציפערן פון שפּעטערע צייטן משער זיין, אַז איין יידישע באַלעבאַטישקייט האָט גע־ציילט דורכשניטלעך 8—10 נפשות (2 משפּחות), קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז ביים סוף פון 13-טן י"ה זענען געווען אין די געביטן פונם פראַנצויזישן קעניג לערך $\frac{15.200 \times 86}{125}$ אָדער 10,458 יידישע באַלעבאַטישקייטן און דאָס מאַכט אויס אין רונדע ציפערן לערך 100,000 יידישע נפשות. דערמיט איז אָבער לגמרי נישט אויסגעשעפּט די צאָל פראַנצויזישע יידן פון יענער צייט, וואָרים אַ גרויסער טייל פראַנצויזישע יידן האָט דעמאָלט נאָך באַלאַנגט צו כלערליי באַראָנען און בישאָפן און האָט זיך נישט גערעכנט צו די „קעניגלעכע קאַמער-קנעכט". און דעריבער וואָלט מען געמוזט צו דער צאָל 100.000 צוגעבן נאָך אייניקע טויזנטער אָדער אפשר גאָר אייניקע צען-טויזנטער, אום צו באַקומען אַ באַגריף וועגן דער גרויס פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין פראַנקרייך ביים סוף פון 13-טן י"ה.

אין משך פון 14-טן י"ה האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין פראַנקרייך שטאַרק פאַרקלענערט, מחמת אַ היפּשער טייל פון די פראַנצויזישע יידן, וואָס זענען אין י. 1306 פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד, האָט זיך אין י. 1315, ווען די טויערן פון פראַנקרייך זענען ווידער געעפנט גע־וואָרן פאַר יידן, נישט מער אומגעקערט אין דער אַלטער היים. צו דער פאַרקלענערונג פון דער באַפעלקערונג האָבן אויך גורם געווען די מוראַדי־קע רדיפות אין י. 1320, צוליב וועלכע עס האָבן געליטן לערך 120 קהילות, ווי אויך דער גירוש פון י. 1321, וואָס האָט געדויערט ביז דעם י. 1360.

§ 18 די שוץ-האַרן" פון די פראַנצויזישע יידן און זייער יידן-פּאָליטיק.

די סאָציאַלע לאַגע פון די פראַנצויזישע יידן ווערט בעת דער באַהאַנדל־טער תקופה, פּונקט ווי אין ענגלאַנד, סטימולירט דורך דער באַציונג פון דעם „שוץ-האַר" צו „זיינע יידן". פּונקט ווי אין ענגלאַנד, איז דער

ייד אויך אין פראנקרייך געווען נישט מער ווי אן אָביעקט אין די הענט פון זיין האר, וועלכער האָט געקאָנט מיט אים טאָן, וואָס זיין הארץ האָט געגלוסט, פונקט ווי מיט עפעס א חפץ. דער אונטערשייד איז באשטא־נען בלויז אין דעם, וואָס דער „יידישער רעגאל", דהיינו, דער יידישער הכנסה־קוואל איז אין פראנקרייך נישט געווען קאָנצענטרירט אויסשליס־לעך אין די הענט פון דעם קעניג, אזוי ווי דאָס איז געווען דער פאל אין ענגלאנד, נייערט ער איז געווען צעשפליטערט און צעטיילט צווישן דעם קעניג און א ריי גראפן, באראָנען און בישאָפן. כאראקטעריסטיש איז דערביי, וואס די סאציאלע לאגע פון די יידן איז בדרך כלל געווען א סך גינסטיקער אין די טעריטאָריעס פון די שררות, ווי אין די טעריטאָריעס פון דעם קעניג. דיזאָזיקע דערשיינונג איז לייכט צו פארשטיין, ווען מען נעמט אין אכט, אז דער קעניג האָט צוליב מלחמות און אנדערע מלוכה־שע אונטערנעמונגען א סך פעסטער געמוזט אנציען דעם שטייער־שרויף אויף זיינע טעריטאריעס, ווי דאס האט זיך געפאדערט פון די שררות אין זייערע פריוואטע גיטער — און אז פון דער גרויס פונם שטייער־דרוק איז תמיד געווען אָפּהענגיג די סאָציאלע לאגע פון די יידן. וואָס שטארקער עס איז געווען דאס געלט־באדערפעניש פונם שוץ־האר, אלץ מער האָט ער געמוזט טראכטן, ווי אָפּצושוואכן דעם קאמער־קנעכט זיי־נעם, ווארים וואס מאכטלאזער עס איז דער קנעכט, אלץ ברוטאלער קאָן מען קעגן אים ארויסטרעטן מיט שטייער־פאָדערונגען...

אויסנוצנדיק דעם קאמף צווישן די שררות מיט דעם קעניג ארום מאכט־רעכט, האָבן זיך די יידן א געוויסע צייט געשיצט פאר צו גרויסע געלט־אפעטיטן פון דעם קעניג דערמיט, וואס זיי פלעגן געלם ווערן פון זיין טעריטאָריע און אויפזוכן א טעריטאָריע פון א מילדערן שררה. אבער שוין ביים סוף פון 12־טן י"ה הויבט זיך אן דער קעניג צו באנוצן מיט געהעריקע מיטלען קעגן דער אויסוואנדערונג פון די יידן. ער פארפירט, נעמלעך, פראָצעסן קעגן די שררות, וואָס נעמען־אויף זייערע טעריטאריעס יידן, וועלכע שטאמען פון דעם קעניגלעכן געביט — און שטיצט זיך דערביי אויף דעם אייגנטום־רעכט לגבי „זיינע" יידן. מיט ענלעכע פראָצעסן טרעטן אָבער אויך ארויס די שררות קעגן דעם קעניג, ווען דער לעצטער פלעגט אמאָל אויפנעמען א יידן, וואָס האָט באַלאנגט צו דער טעריטאָריע פון א שררה. אזוי, א שטייגער, האָט ביים סוף פון 12־טן י"ה געמאכט א רושם א פראָצעס צווישן דער גרעפין בלאנש און דעם קעניג פיליפ אויגוסט צוליב דעם ייד קרעסעלין, וואָס איז פון דער גרעפינס טעריטאָריע אנטלאָפן אויפן געביט פונם קעניג. אין משך פון 13־טן י"ה שאפט זיך צווישן דעם קעניג און די שררות א

פראַקטיק, אַז אַנשטאָט צו פירן פּראָצעסן וועגן אַנטלאָפענע יידן, שליסן זיי צווישן זיך אָפּמאַכן, אין וועלכע זיי פאַרפליכטן זיך קעגנזייטיק, אויס-צוליפערן זיך יענע יידן, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פון איין טעריטאָריע אין דער אַנדערער. אין איינעם אַזאַ אָפּמאַך פונם י. 1230 ווערט באַ-שטימט, אַז סיי דער קעניג, סיי די באַראָנען בלייבן ביי זייערע רעכט לגבי די יידן, „וואָס זענען ווי שקלאַפן" (iudeus, tamquam proprins servus) און אַז יעדער צד איז באַרעכטיקט צו פאַנגען און צו אַרעסטירן יעדן ייד, וואָס איז אַנטלאָפן אין אַ פרעמדער טעריטאָריע. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ באַהאַנדלונג פון די יידן איז געווען גלייך, ווי מען וואָלט ביי זיי אָוועקגענומען יעטוועדע באַוועגונגס-מעגלעכקייט איבערן לאַנד. ביים סוף פון 13-טן י"ה ווערט נאָך ענגער געצויגן דער קרייז, אין וועלכן דער ייד האָט זיך געמעגט באַוועגן. אין י. 1276 באַשליסט, געמליך, אַ גלחים-צוזאַמענפאַר, וואָס איז פאַרגעקומען אין בורזשע, אַז די יידן איז פאַר-ווערט צו וואוינען אין די דערפער און אַז זיי מעגן וואוינען בלויז אין די שטעט. דיזאָזיקע תקנה באַקומט דאַן אין די יאָרן 1283 און 1291 די סאַנקציע פון אַ קעניגלעכן געזעץ און עס איז אינטערעסאַנט דערביי דער מאָטיוו, צוליב וועלכן דער קעניג פאַרטרייבט די יידן פון די דער-פער: אויב די יידן זאָלן וואוינען אין די דערפער — מאָטיווירט דער קע-ניג — וואָלט דער קעניגלעכער אוצר פאַרלאָרן אַ סך הכנסות פון די יידישע האַנדלס-און קרעדיט-געשעפטן.. וואָס גרעסערע הכנסות פון די יידן! — דאָס איז אין דער אמתן געווען דער עיקר-געדאַנק, וואָס האָט סטימולירט די גאַנצע יידן-פּאָליטיק פון די פראַנצויזישע שוץ-הארן און בפרט פון דעם קעניג. די אופנים, אויף וועלכע מען האָט אויסגעלייזיקט דעם יידישן געלט-בייטל, זענען געווען פאַרשיידענע, לויט די באַדערפע-נישן פון דעם שוץ-האַר. אין נאָרמאַלע צייטן פלעגט זיך דער פראַנצוי-זישער קעניג באַנוגענען מיט דעם ספּעציעלן יידן-שטייער, וועלכער האָט געהייסן taille און מיט די אַלגעמיינע שטייערן, וועלכע די יידן האָבן געצאָלט צוגלייך מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג. דער taille-שטייער איז געווען אַ דירעקטער פאַרמעגנס-שטייער (פּונקט ווי דאָס ענגלישע tallag um) און ער האָט געבילדעט אַ נישקשהדיקן הכנסה-קוואַל פאַרן קעניג: אין י. 1202 האָט ער באַטראָפן 1.200 ליווער, אין י. 1217 — 7.550 ליווער, אין י. 1202 — 12.218 ליווער (פון 15.200 יידישע שטייער-צאָלער). חוצדעם, האָבן די פראַנצויזישע יידן געצאָלט אָפּצאָלונגען פון יעדער האַנדלס-און קרעדיט-טראַנזאַקציע און אויסערגעוויינלעכע שטייערן פאַר קריגס-צוועקן, „מתנות" פאַרן קעניג און אַז. וו. אין דער ייט פון די י"י 1293 — 1297 האָבן די יידן איינגעצאָלט אין דער פאָרם

פון taille און קריגס־שטייערן א סומע פון 215.000 ליוור. אלס אי־לוסטראציע פאר דער גרויס פון די „מתנות", וועלכע דער קעניג פלעגט באקומען ביי געוויסע געלעגנהייטן פון „זיינע יידן", מעג דינען די סומע פון 25.000 ליוור, וועלכע די יידן פון שאמפיין האָבן אין י. 1291 דערלאנגט דעם קעניג צו זיין חתונה מיט דער גרעפין פון שאמפיין.

אין די יאָרן 1298 — 1300 האָבן די גאַרמאלע הכנסות, וועלכע דער קעניג האָט געהאט פון די יידן, באטראָפן דורכשניטלעך 12.543 ליוור אַ יאָר, וואָס דאָס שטעלט מיט זיך פאָר לערך 40 פראָצ. פון אלע מלוכה־הכנסות אין יענער צייט.

נישט תמיד פלעגן אָבער די דערמאָנטע שטייערן און אָפּצאָלונגען שטילן דעם געלט־אפעטיט פון דעם קעניג — דעם „שוץ־האר". אין שווערע געלט־פארלעגנהייטן פלעגט ער זיך באנוצן מיט א ראפינירטן סיסטעם פון אויספרעסונגען, פון וועלכע ס'איז דאָ כדאי אנצומערקן די פאָלגנדיקע:

א) מאסן־ארעסטן און באפרייונג פון די ארעסטירטע יידן פאר א געהעריקן הויכן אָפּצאָל. אויף דעמדאָזיקן אופן האָט, א שטייגער, דער קעניג פיליפ II אויסגעפרעסט פון „זיינע יידן" אין י. 1180 א סומע פון 15.000 מארק. אין י. 1268 אראנזשירט אזא מאסן־ארעסט דער קעניגלעכער ברודער, דער גראף אלפאָנס פון פאָאטיער און באקומט ארויס פון די יידן אין לאנגוועדאָק 20.000 ליוור. אין י. 1295 ווערן ארייגעפאקט אין תפיסה אלע רייכע יידן פון באַקער און באפרייט פארן פרייז פון די תביעות זייערע, פון וועלכע זיי מוזן זיך אפזאגן לטובת דעם קעניג.

ב) בלוט־בלבולים און פראָצעסן וועגן פאר־גיפטיקן ברונעמס. אין יאָר 1171 האָבן די יידן פון בלוא פארגעלייגט אלס אויסקויף־געלט פון א בלוט־בלבול 100 ליוור אין מזומנים און 180 ליוור האָבן זיי גענומען אויף זיך חובות. אין י. 1321 ווערן די יידן פון גאנץ פראנקרייך פארמשפט צו א געלט־שטראף פון 150.000 ליוור צוליב אן אָנקלאג וועגן פארגיפטן ברונעמס...

צו די גראנדיעזסטע „געלט־אָפּעראציעס" פון די פראנצויזישע קעניגן האט באלאנגט:

ג) דאָס קאָמעדיע־שפיל מיט ארויסטרייבן און צוריק־ארייננלאָזן די יידן אין לאנד אריין.

אין יאָר 1182 האָט פיליפ אויגוסט ארויסגעטריבן די יידן פון זיין לאנד און קאָנפיסקירט אלע זייערע אומבאוועגלעכע גיטער. די באראָנען האָבן באלד דערויף רעקלאמירט, אז דער קעניג האָט פאר זיך צוגענו־

מען אויך אזעלכע גיטער פון די יידן, וואָס האָבן זיך געפֿינען אויף די טעריטאָריעס פון די באַראָנען. דער קעניג שליסט דעריבער אָפּמאַכן מיט די באַראָנען און צאָלט זיי אויס געוויסע אַנטשעדיקונגס־געלטער. מיט 15 יאָר שפּעטער לאָזט דער קעניג די יידן צוריק אַריין אין לאַנד און ער לאָזט זיך פאַרן דאָזיקן „חסד" באַצאָלן אַ קליינִיקייט פון 150.000 זילבער־מאַרק.

אין י. 1268 גיט אַרויס דער קעניג, וואָס האָט דעמאָלט צוגעגרייט אַ קרייץ־צוג, אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַז די פאַרמעגנס זייערע ווערן קאָנפיסקירט. באַלד דערויף הויבן זיך אָן אונטערהאַנדלונגען מיט די קאַמער־קנעכט און די פאַראָרדענונג ווערט צוריקגעצויגן פאַר גרויסע אויסלייז־געלטער. די „טראַנזאַקציע" איז דורכגעפירט געוואָרן בשותפות מיט די באַראָנען און זי האָט געמוזט אַריינטראָגן אומגעהייערע הכנסות, ווי עס באַווייזן עס אַ פּאָר פאַרבליבענע ציפערן, וואָס באַלאַנגען צו 4 קלענערע קהילות (פּאָאַטו, סאַנטאָן, אָווערזשע, טוליז), וועלכע האָבן זיך באַפרייט פון דער גזירה פאַרן פּרייז פון 12.500 ליווער (מער, ווי איין מיליאָן דאָלאַר).

איינע פון גרעסטע געלט־אָפּעראַציעס פונם פראַנצויזישן קעניג איז געווען די יידן־פאַרטרייבונג פון י. 1306. לויט די פאַרבליבענע אַקטן, וואָס באַלאַנגען צו דער ליקווידאַציע פון די יידישע פאַרמעגנס, וועלכע דער קעניג האָט קאָנפיסקירט, האָט דער קעניג ביז מאַי 1310 אַריינגע־קראָגן פון די קאָנפיסקאַציעס אַ סכום פון 228.460 ליוור. אין י. 1315 ווערן די יידן צוריק פאַרבעטן אויף די קעניגלעכע טעריטאָריעס אויף אַ צייט פון 12 יאָר און זיי באַצאָלן פאַרן דאָזיקן „חסד" פרישע 22,500 ליוור.

מיט 6 יאָר שפּעטער קומט פאָר אַ נייע אַרויסטרייבונג פון די „קע־ניגלעכע יידן" און עס גייען אַריבער 19 יאָר, ביז מען הויבט אָן מיט זיי פון דאָסניי אונטערצוהאַנדלען וועגן אומקערן זיך צוריק אין לאַנד (1360). דער אָפּמאַך גילט אויף 20 יאָר און ווערט אין יאָר 1380 פאַר אַ גרויסן אָפּצאָל פאַרלענגערט אויף ווייטערע 20 יאָר. עס גייען אָבער אַריבער קוים 14 יאָר און די יידן ווערן ענדגילטיק אַרויסגעטריבן פון די קעניג־לעכע געביטן. אין יאָר 1394 ענדיקט זיך די געשיכטע פון די יידן אין צפון־פראַנקרייך און אין לאַנגוועדאָ. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט דערביי נישט געפעלט דער געוויינלעכער עפּילאָג: די ליקווידאַציע פון די קאָנ־פיסקירטע יידישע פאַרמעגנס...

ענלעכע קאָמעדיעס מיט אַרויסטרייבונגען און צוריק־פאַרבעטן אין לאַנד, וואָס דער צוועק זייערער איז געווען דורכאויס אַ פיסקאַלישער,

האָבן די פראַנצויזישע קעניגן פאַרפירט אויך מיט קריסטלעכע באַנקירן, וואָס האָבן געלעבט אין פראַנקרייך, ווי אַ שטייגער, מיט דעם טעמפּ-לער־אָרדען, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט געלט-אָפּעראַציעס, און מיט די איטאַליענישע וואוכערניקעס, וועלכע מען האָט גערופן „לאָמבאַרד". אַזוי, למשל, זענען די לאָמבאַרדן אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 13-טן י"ה אַרויסגעטריבן און צוריק-פאַרבעטן געוואָרן אין לאַנד נישט ווייניקער, ווי 3 מאָל (אין די יאָרן 1268, 1277 און 1291), אום דאַן, אין י. 1311, ווידער אַרויסגעטריבן צו ווערן...

ד) דער „חסד" לגבי די בעלי-חובות פון די יידן, וואָס פלעגט זיך אַנטפּלעקן אין דער פאָרם פון חובות־רעדוקציעס. פון אַזאַ „חסד" מצד דעם קעניג פלעגן געניסן בלויז יענע בעלי-חובות, וואָס האָבן אין אַ באַשטימטן טערמין אַריינגעטראָגן דעם רעדוצירטן חוב אין קעניגלעכן אוצר אַריין. די ערשטע באַוואוסטע חובות-רעדוקציע איז פון דעם פראַנצויזישן קע-ניג אַראַנזשירט געוואָרן אין י. 1146. פון שפּעטערע צייטן זענען אונז פאַרבליבן ידיעות וועגן חובות-רעדוקציעס, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די יאָרן 1181, 1223, 1227, 1230, 1234, 1257, 1292. די רעדוקציעס פלעגן געוויינלעך באַלאַנגען צו די פּראָצענטן, אין זעלטענע פאַלן פלעגן אַ חוץ די פּראָצענטן אויך רעדוצירט ווערן די געבאָרגטע קאַפּיטאַל-סומעס. דאָס סיסטעם פון די חובות-רעדוקציעס איז פון די פראַנצויזי-שע קעניגן איינגעפירט געוואָרן ווי אַ שוץ-וואַנט קעגן די דראָענדיקע רעוואָלוציעס צוליב דעם דרוק פון שטייערן און חובות. ביים אַרויסגעבן די יידן בלערליי וואוכעריי-פּאַטענטן האָבן די „שוץ-האַרן" קיינמאָל נישט געפרעגט, וואָס פאַר אַ טובה עס וועלן דערפון האָבן די אונטערטאַנען זייערע. זיי פלעגן דערזען די צרה ערשט דעמאָלט, ווען זי איז שוין דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה. און כדי צו געבן זיך אַן עצה אינם קריטישן מאָמענט, האָבן זיי געמיינט, אַז זיי וועלן פאַרריכטן די עוולה דורך אַנולירן אָדער רעדוצירן די יידישע תּביעות. אין דער אמתן זענען דיזאָזיקע געוואַלד-טאָטן געווען נישט מער, ווי אַ מין באַ-טייבונג פון דער באַפעלקערונג. וואָרים אַ קורצע צייט נאָך אַזאַ געוואַלד-טאַט פלעגן די וואוכערניקעס באַקומען נייע און טיילמאָל אויך אַ סך גרע-סערע אויספלינדערונגס-מעגלעכקייטן פון די פאָלקס-פאַרמעגנס, דהיינו, נייע וואוכעריי-פּריווילעגיעס, וואָס פלעגן נאָך זיין גינסטיקער, ווי די פריערדיקע.

רעזומירנדיק דאָס געזאָגטע איבער דער באַציונג פון די פראַנ-צויזישע שוץ-האַרן לגבי די יידן, קאָן מען גרייך פעסטשטעלן, אַז די

גאנצע יידן-פּאָליטיק זייערע איז געווען סטימולירט דערעיקרשט דורך פינאַנציעלע מאָמענטן. דער ייד איז אָפּגעשאַצט געוואָרן נישט לויט דעם נוצן, וועלכן ער האָט געקאָנט ברענגען דער פאָלקס-ווירטשאַפט, נייערט לויט דעם נוצן, וועלכן עס האָט פון אים געקאָנט ציען דער שוץ-האַר זייַנער. אין די ווייטערע אויספירן וועלן מיר זיך אָפּשטעלן בײַ די פאַלגן, צו וועלכע דאָס האָט דערפירט אין דעם יידישן ווירטשאַפטס-לעבן אין פראַנקרייך.

§ 19 דאָס יידישע ווירטשאַפטס-לעבן אין פראַנקרייך.

די ווירקונג, וועלכע די יידן-פּאָליטיק פון די שוץ-האַרן האָט געהאַט אויף דעם יידישן ווירטשאַפטס-לעבן אין פראַנקרייך, ווערט אונז אויף אַ זייער אינטערעסאַנטן אופן געשילדערט אין דער העברעישער שריפט „מלחמת מצוה", וואָס איז אַרום דער העלפט פון 13-טן י"ה אָנגעשריבן געוואָרן דורך דעם פראַנצויזישן רב, ר' מאיר בן שמעון, אַ באַוואוסטן אַפּאָלאָגעט און פאַרטיידיקער פון די יידן. אין די היינטיקע צייטן — שרייבט ר' מאיר — ווערן די יידן דורך די אומגערעכטע פאַראָרדענונגען פון דעם קעניג (לודוויג דעם 9-טן) אַרייַנגעטריבן אין דער שווערסטער לאַגע, מען פאַרווערט זיי זיך אַריבערצוטראָגן פון דער טעריטאָריע פון איין שררה אין דער טעריטאַריע פון אַ צווייטן שררה — וואָס זאָלן אָבער פון יענע יידן, וועלכע האָבן נישט אין זייער וואוינאָרט קיין חיונה?.. דער קעניג האָט באַפוילן זיינע באַאַמטע, אַז זיי זאָלן די יידן נישט געבן קיין שום הילף בײַם איינמאָנען די אויסגעבאָרגטע געלטער, דערפאַר אָבער מוזן די יידן ביז דעם לעצטן גראָשן באַצאָלן די תביעות פון די קריסטן. מען פאַרווערט די יידן צו באָרגן געלט אויף צינזן און מען מאַכט דערבײַ נישט קיין אונטערשייד צווישן איבערגעטריבענע וואוכער-צינזן און יושרדיקע פּראָצענטן. אויך פאַרגעסט מען, אַז די יידן, וועלכע מען לאָזט נישט צו צו אַנדערע באַרופן, זענען ממש געצוואונגען צו וואַרפן זיך אויף הלוואות-געשעפטן. מען פאַרגעסט אויך אין דעם נוצן, וועלכן עס האָבן פון די יידישע קרעדיט-געשעפטן די קריסטן, אָנהויבנדיק פונם שררה און ענדיקנדיק מיטן פויער.

ווי אָפט האָבן יידישע פינאַנץ-לייט געהאָלפן דעם קעניג אין אַן עת-צרה, וויפל נצחונות זענען אויסגעקעמפט געוואָרן דורך אַרמעען, וואָס זענען באַוואָפנט געוואָרן מיט דער הילף פון יידיש געלט!...

עד כאן דער אַפּאָלאָגעט!

פון זיינע ווערטער ווערט קלאָר, אַז די יידן-פּאָליטיק פון די פראַנ-צויזישע שוץ-האַרן האָט שוין אַרום דער העלפט פון 13-טן י"ה געהאַט

ארויסגעשטויסן די יידן פון א ריי בארופן, צו וועלכע זיי האבן פריער געהאט א צוטריט און אז די יידן האבן אלץ איינזייטיקער געמוזט אנטוויקלען זייערעווירטשאפטלעכע פעאיקייטן אין ד'ער ריכטונג פון וואוכעריי־געשעפטן, וואָס עס איז זיי, אגב, נישט אָנגעקומען אזוי לייכט, מחמת די פארשיידענע שטערונגען מצד די שררות.

צו דער כאראקטעריסטיק פון ר' מ א י ר ב ן ש מ ע ו ן לאָזט זיך אויפן סמך פון פארבליבענע קוועלן-ידיעות צוגעבן נאָך די פאָלגנדיקע אלגעמיינע באמערקונגען: אין כלל לאָזט זיך פעסטשטעלן, אז דאָס טעמפּא, אין וועלכן ס'האָט זיך אנטוויקלט דער איינזייטיקער כאראקטער פון דער יידישער ווירטשאפט אין פראנקרייך (וואוכעריי!) איז געווען א סך שנעלער אויף די טערטאָריעס פון דעם קעניג, ד'היינו, אין צפון־און מיטל־פראנקרייך, ווי אין דרום-פראנקרייך, וואו די השפעה פון דעם קעניג איז געווען באדייטנדיק שוואכער א דאנק די מאכט-רעכט, וועלכע עס האבן דאָ דערגרייכט די שררות. וואס מער טעריטאריעס עס ווערן קאנצענטרירט אין דער האנט פונם קעניג, אלץ איינזייטיקער ווערט די יידישע עקאָנאָמיק, אלץ שטארקער ווערט זי סטימולירט אין דער ריכטונג פון וואוכעריי. אנטשיידנדיק האָט דערביי געווירקט די פינאנץ-פּאָליטיק פון דעם קעניג, וואס האט לגבי די יידן געטראגן דעם כאראקטער פון א רעליגיעז-פארשלייערטן רויב־און אויספלינדערונגס-סיסטעם.

לאָמיר אָבער אריבערגיין צו די פרטים פונם ווירטשאפטס-בילד און כסדר באטראכטן די ווירטשאפטס-צווייגן, וואו מען באגעגנט די יידן פונם מיטלאלטערלעכן פראנקרייך.

מיר הויבן אָן פון י י ד י ש ן ע ר ד - ב א ז י ץ: אינם סוף פון 14-טן י"ה ווערן נישט זעלטן דערמאָנט יידישע אומבאוועגלעכע גיטער, ווי „אקער-פעלדער, וויינבערג, שייערן וכדומה, אָבער עס וואָלט לגמרי פאלש געווען איינצוזען אין די ד'אזיקע ידיעות שפורן פון א זעלבסטשטענדיקער יידישער לאנדווירטשאפט, וואָס זאָל האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א חיונה-קוואל פאר א טייל פון די פראנצויזישע יידן. לויט א ידיעה, וועלכע עס ברענגט אונז ר' ב נ י מ י ן פון טודעלאָ (12-טעם י"ה), זאָל דער פארשטייער פון די יידישער גמינע אין נארבאָן, ר ב י ק ל ו נ י מ ו ס „האָבן פארמאָגט א סך נחלאות, וועלכע דער לאנד־פירשט האָט אים אוועקגעשאָנקען מיט די געהעריקע פעאָדאלע רעכט און וועלכע קיינער האָט נישט געטאָרט ביי אים צונעמען". דערדאָזיקער פאקט איז אן אויסנאמס־דערשיינונג, וואָס מען באגעגנט נישט קיין צווייטע פון דעמזעלבן מין. בדרך כלל פלעגן די פראנצויזישע יידן, זינט דעם 11־טן י"ה, קומען צום דאָרפישן באזיץ עגטוועדער אין צוזאמענהאנג מיט האנדלס־

געשעפטן, אדער אין צוזאמענהאנג מיט וואוכעריי-אָפּעראציעס. ווי א וויכטיקער אָריענטאציע-פּונקט ביי דער אָפּשאצונג פון דעם כאראקטער, וועלכן עס האָבן געהאט די יידישע אומבאוועגלעכע גיטער, קאָנען אונז דינען די האנדלס-ביכער פון דעם פראנצויזישן ייד העליאָט פון וועזול (אין פראנשקאָמטע), וואָס זענען אונז פארבליבן פון אָנהויב פון 14-טן י״ה. מיר באגעגענען דאָ פארשרייבונגען וועגן א ריי ווייס-בערג, וועלכע דערדאזיקער ייד האָט פארמאָגט זיין אייגנס. היות אָבער, ווי אונזער העליאָט איז געווען קודם-כל א באנקיר און דערביי אויך א סוחר, וואָס האָט געהאנדלט מיט וויין — פאקטן, וואָס דרינגען ארויס פון די האנדלס-ביכער מיט דער פולסטער זיכערהייט! — ווערט קלאָר, אז די וויינבערג זיינע זענען נישט געווען קיין באזע פאר א זעלבסטשטענדיקער לאנדווירטשאפטלעכער פּראָפעסיע, נייערט אז זיי האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך א טייל פון זיינע, אגב, זייטיקע סוחרישע אונטערנעמונגען. ס׳רוב פלעגן זיך די פראנצויזישע יידן בעת דער באהאנדלטער תקופה פארשאפן דאָרפישן ערד-באזיץ מיט דער הילף פון וואוכעריי-געשעפטן: די דאָרפישע נחלאות זייערע פלעגן געוויינלעך זיין משכנות, וואס זענען אריבער אין זייערע הענט, ווען דער קריסט — דער בעל-חוב האָט צו דער צייט נישט באצאָלט דאס געלט, וועלכעס ער האט אנטליען מיט א היפּאָטעק-פארזיכערונג. לויט א פאראָרדענונג פונם קעניג פיליפּ דעם II-טן פון י. 1219 האָבן די יידן געמעגט בלייבן בלויז ביי צוויי דריטל פון די פארפאלענע נחלאות, דערפאר אבער האָט איין דריטל געמוזט איבערגעלאזט ווערן דעם בעל-חוב און זיינע זשיראנטן אויף צו פארזיכערן זיי אן עקזיסטענץ-מינימום. נאָר אין זעלטענע פאלן איז די יידן דערלויבט געווען, צו באַלעבאטעווען מיט די פארפאלענע לאנד-גיטער. געוויינלעך פלעגן זיי זיך באנוצן מיט קריסטלעכע ארענדארן אָדער פארוואלטערס. זינט דעם י. 1283 איז דאָס געווען דער איינציקער וועג, אויף וועלכן די יידן האָבן געקאָנט ציען א נוצן פון די דאָרפישע נחלאות, ווארים אין דעם דערמאָנטן יאָר איז זיי דורך א קעניגלעכער פאראָרדענונג פארווערט געוואָרן צו וואוינען אין די דערפער. דערדאזיקער פארבאָט איז, ווי ס׳ווייזט אויס, געווען חל ביז צו דער לעצטער פארטרייבונג פון די „קעניגלעכע יידן״ (1394). אגב, האָבן די יידן אין משך פון 14-טן י״ה גאנצע 39 יאָר נישט געטאָרט וואוינען אין די שטחים, וואָס האָבן באלאנגט צום קעניג, דהיינו, פונם י. 1321 ביז 1360. ווען דער קעניג האָט זיך לסוף אין י. 1360 אנטשלאָסן די יידן צוריק צו פארבעטן אויף זיינע טעריטאָריעס, האָט דער פאָרשטייער פון די יידן, א געוויסער מאנעסיע פון

וועזול באריזט די פראגע פון שוץ פאר די „שייערן, ווייבערג און בהמות״, וואס וועלן ארײנפאלן אין יידישע הענט אין דער פארם פון נישט אויסגעלייזטע משכנות, א ראיה, אז דער קעניג האט די יידן נישט געוואלט צוריקגעבן דאס וואוינרעכט אין די דערפער, און אז דער יידישער פארשטייער האט דעריבער געמוזט פארלאנגען א ספעציעלן שוץ פאר אומבאוועגלעכע משכנות, וואס וועלן זיך געפינען אויסערהאלב די שטעט! דער קעניג איז מסכים געווען צו געבן אזא שוץ און ער האט וועגן דעם ארויסגעגעבן א באזונדערן דעקרעט.

מיר האבן מיט גענוג ראיות אויפגעוויזן דעם ענגן צוזאמענהאנג, וואס איז באשטאנען אין דער באהאנדלטער תקופה צווישן דעם יידישן ערד־באזיץ אין דערפער, פון איין זייט, און די יידישע האנדלס־און וואוכעריי־געשעפטן, פון דער צווייטער זייט. לאמיר איצט זען, וועלכן פארנעם עס האבן געהאט דידאזיקע עיקר־געשעפטן פון די פראנצויזישע יידן. ווען מיר פארגלייכן די פארהעלטענישן, וואס האבן אין דעם פרט געהערשט אין ענגלאנד, מיט די פארהעלטענישן אין פראנקרייך, באקומט זיך פאר פראנקרייך א בילד, וואס איז א סך פארביקער, ווי דאס ענגלישע. אין ענגלאנד שפילט דער יידישער האנדל, זינט דעם 11־טן י״ה כמעט קיין שום ראלע נישט און די יידישע ווירטשאפט ווערט דא כאראקטעריזירט כמעט אויסשליסלעך דורך וואוכעריי־געשעפטן. דערפאר אבער גייט אין פראנקרייך כמעט די גאנצע צייט דער יידישער האנדל האנט ביי האנט מיט די קרעדיט־אפעראציעס פון די יידן; אין דרום־פראנקרייך רוקט זיך אפילו ארויס אין פאדער־גרונט נישט די וואוכעריי, נייערט דער האנדל פון די יידן און דווקא א האנדל פון א גרעסערן פארנעם. אין משך פון 11־טן י״ה שטייען די דרום־פראנצויזישע יידן אין לעבהאפטע האנדלס־פארבינדונגען מיט די איטאליענישע שטעט, דערהויפט מיט די ווענעציאנער און אמאלפיטאנער. זיי פירן אריענטאלישע סחורות, און א חוץ דעם טרייבן זיי א ברייטן האנדל מיט פערד, וועלכע זיי קריגן צוגעשטעלט פון שפאנישע יידן. אין דער־זעלבער צייט לאזט זיך אויך פעסטשטעלן, אז די פראנצויזישע יידן האבן פארמאגט ווייגבערג און וויין־פרעסן און דאס לאזט משער זיין, אז זיי האבן זיך אויך פארנומען מיטן וויין־האנדל. וועגן דעם יידישן וויין־האנדל זענען אויך פאראן ידיעות פון 12־טן י״ה. צום מערסטן האבן זיך מיט אים פארנומען די יידן פון בורגונד. פון א גאר גרויסן פארנעם איז אין 12־טן י״ה געווען דער האנדל מיט פארב־שטאפן, וועלכן עס האבן געטריבן די יידן פון דרום־פראנקרייך. אזוי, א שטייגער, דערציילט אונז א דאקומענט פון לערך א העלפט פון 12־טן י״ה, אז די

יידן האָבן דעמאָלט אויפגעקויפט ביים בישאָף פון אַרל דעם גאַנצן
קערמעס (אַזעלכע פאַרב־קריימעכצער), וועלכן מען האָט אויפ־
געקליבן אין סאָן־שאַמאַן און אין אַנדערע ערטער פון די בישאָפלעכע
נחלאות. אין שאַמפּיין באַגעגענען מיר די יידן אויף די גרויסע ירידים
אין טראָיע, באַר סיר אָב, פּראָוואַן (Proivns) און לאַני (Lagny), וואו
ס'האָט זיך קאָנצענטרירט דער אויסטויש־האַנדל פון אָריענטאַלישע
סחורות אויף די באַרימטע וועבשטאָפן פון פלאַנדריע. אין פּאַריז לעבן
אין דערזעלבער צייט יידן — טוך־הענדלער און טוך־פאַבריקאַנטן, ווי
עס דערציילט אונז א ידיעה פון י. 1182 וועגן „iudearia pamnificorum“
וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין דער פראַנצויזישער רעזידענץ־
שטאָט. בעת דעם 13־טן י"ה קאָנצענטרירט זיך דער יידישער האַנדל
דערעיקרשט אין דרום־פראַנקרייך. א באַזונדערס וויכטיקע ראָלע שפּילן
אין אים די יידן פון דער באַרימטער פּאָרט־שטאָט מאַרסעיל. אויס דער
העלפט פון 13־טן י"ה זענען אונז פאַרבליבן א רייע האַנדלס־קאָנטראַקטן
פון מאַרסעילער יידן, פון וועלכע עס דרינגט אַרויס, אַז זיי האָבן געפירט
א לעבהאַפטן אויסלענדישן האַנדל מיט שפּאַניע, צפון־אַפריקע, סיציליע,
און פּאַלעסטינע. זיי האָבן פאַרמאָגט אייגענע שיפן, געמאַכט אַליין
האַנדלס־נסיעות איבערן ים און געפירט אַזעלכע אַרטיקלען, ווי קאַמ־
פער, מאַשום, אַראַבישע שקלאַפינס און אַז. וו. די גראַפן פונם הויז אַנ־
זשי, וואָס האָבן דעמאָלט געוועלטיקט איבער מאַרסעיל, פּרואוון פון צייט
צו צייט צו באַגרענעצן די האַנדלס־נסיעות פון די יידן, אָבער די יידן
געפינען א שטאַרקע שטיצע אין זיי מאַרסעילער שטאָט־לייט, וואָס בילדן
צוזאַמען מיט די יידן אַן איינהייטלעכן קאַמף־פראָנט קעגן די גראַפן.
קוים אָבער האָבן זיך די שטאָט־לייט באַפרייט פון די שררות, בייט זיך
דער פראָנט. אין מאַרסעיל געשעט דאָס אין משך פון 14־טן י"ה: די
מאַרסעילער שטאָט־לייט האָבן דעמאָלט שוין געהאַט דערגרייכט ברייַ־
טע זעלבסט־פאַרוואַלטונגס־רעכט און זיי פּרואוון דאָס אויסנוצן קעגן די
יידישע קאָנקורענטן אינם האַנדל. זעען מיר טאַקע, אַז די יידן האַלטן
דעמאָלט מיט די פּראָוואַנסער גראַפן און באַקומען פון זיי א ספּעציעלן
שוץ. די גראַפן באַשטימען, נעמלעך, ספּעציעלע באַאַמטע פאַר שיצן די
יידישע הענדלער אין מאַרסעיל. דער אָפיציעלער טיטל פון דידאָזיקע באַ־
אַמטע האָט געקלונגען: “Co isevateurs„ דהיינו „אַמטס־לייט, וואָס באַשיצן
די אַלטע רעכט" פון די יידן. פון י. 1351 איז באַוואוסט א מאַרסעילער
דאָקומענט, אין וועלכן ס'ווערן אויפגעציילט מיט די נעמען 90 האַנדלס־
טעקלער, פאַרקויפער און טרעגער — און אָט ווייזט זיך אַרויס, אַז די
מערהייט פון זיי זענען געווען יידן.

אין די געביטן פונם פראַנצויזישן קעניג, דהיינו, אין מיטל־און צפון־פראַנקרייך איז דער יידישער האַנדל געווען אין משך פון 13־טן און 14־טן י״ה שטאַרק הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט די וואוכעריי־געשעפטן פון די „קעניגלעכע קאַמער־קנעכט״. ער האָט אָבער תּמיד נאָך געשפּילט אַ נישקשהדיקע ראָלע. אַ גלאַנצפולע אילוסטראַציע פאַר די געשעפטן פון יידישן ווירטשאַפטס־מענטש אין די קעניגלעכע גע־ביטן גיבן אונז די פאַרבליבענע האַנדלס־ביכער פון דעם ייד העליאָט, וואָס האָט געלעבט אין 14־טן י״ה אין דער שטאָט וועזול (פראַנש־קאָמטע). ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט אויף אַן אַנדער אָרט, איז העל־יאָט געווען אין דער ערשטער ריי אַ באַנקיר, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט כּלערליי ציינז־געשעפטן. דערביי האָט ער אָבער אויך געפירט אַ לעבהאַפטן האַנדל: ער האָט געהאַנדלט מיט שניט־סחורות און מיט וויין און ער האָט אפילו פאַרמאָגט אייגענע וויין־בערג. פון זײַן ד'ערזעלבער צייט לערך הערן מיר וועגן די פאַריזער יידן, אַז אינאיינעם מיט וואוכער־געשעפטן האָבן זיי אויך געטריבן אַ האַנדל מיט זייד־שטאָפן.

מיט דער אייגציקער אויסנאַם פון די ייד'ן אין מאַרסעיל און אפשר נאָך פון די יידן אין נאַרבאָן, האָבן זיך די יידישע הענדלער אין פראַנק־רייך געמוזט באַנוגענען מיטן צווישן־האַנדל אין פראַנקרייך גופא. גורם האָבן געווען דערצו די אונז שוין באַוואוסטע פאַראָרדענונגען און אָפּמאַכן צווישן דעם קעניג און די שררות, וואָס האָבן די יידן פאַרווערט אַריבער־צוטראָגן זיך פריי פון איין הערשאַפטס־געביט אין דעם צווייטן און וואָס האָבן דעריבער שטאַרק געבונדן די פאַרן האַנדל אַזוי נויטיקע „פריי־צוגיקייט״, דהיינו, דאָס רעכט פון פרייער באַוועגונג. בלויז אין די דרום־פראַנצויזישע האַפן־שטעט, וואו די מאַכט פון די שררות איז געווען אַ פאַרשוואַכטע, האָט פאַר די יידן נישט עקזיסטירט אַזאַ באַגרענעצונג און דעריבער איז אויך געווען זייער וואָגעוודיק זייער באַטייליקונג אינם אויס־לענדישן גרויסהאַנדל.

זינט לערך דעם י. 1230 לאָזט זיך מערקן אין דער פּאָליטיק פון די פראַנצויזישע קעניגן אַ טענדענץ, צו פּראָטעזשירן דעם יידישן האַנדל אויפן חשבון פון די יידישע וואוכעריי־געשעפטן און צו מאַכן פון אים דעם געהעריקן הכנסה־קוואַל פאַר זיך. די באַטרעפנדיקע פאַראָרדענונגען פון די קעניגן זענען אָבער נישט געווען מסוגל אַ סך אויפצוטון, מחמת די קאָנקורענץ פון די אויפבליענדיקע פראַנצויזישע שטעט איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער און די קעניגן האָבן זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן צו געבן די יידן די נויטיקע פרייהייט פון באַוועגונג. אייגם האָבן אָבער די קעניגלעכע דעקרעטן יאָ באַוויזן צו ענדערן: זיי האָבן צעשטערט דעם

לכתחילהדיקן גרויסן פארנעם פון די יידישע קרעדיט-געשעפטן און געטריבן די יידן צו ווערן וואוכערער, וואָס אָפּערירן צווישן „קליינע מענטשן“, צווישן בעלי-מלאכות און פויערים, בעת זיי האָבן פריער „געווירקט“ דער־עיקרשט צווישן די „גרויסע פיש“, צווישן די וועלטלעכע און קירכלעכע שררות — די גרויסגרונט-באזיצערס. אין די ווייטערדיקע אויספירן וועלן מיר זיך נענטער אָפּשטעלן ביי דעראָזיקער אנטוויקלונג פון די יידישע קרעדיט-אָפּעראציעס אין פראנקרייך.

וואָס שייך דער אָרגאניזאציע פון דעם יידישן באנקיר-געשעפט, ווערט זי באשטימט דורך א ריי קעניגלעכע פאראָרדענונגען און אָפּמאכן מיט די שררות, וואָס די עלטסטע פון זיי שטאמען נאָך פון 12 טן י"ה. פון דער צייט פון קעניג לודוויג דעם 7-טן (1137 — 1180), וועלכן א כראָניסט זאָגט נאָך דעם שבח, אז פון גרויס תאווה צו געלט האָט ער די יידן געגעבן גרויסע וואוכעריי-פּריווילעגיעס, שטאמען פאראָרדענונגען, לויט וועלכע די פאָרשטייער פון די יידישע קהילות ווערט געגעבן דאָס רעכט, מיטצווווירקן ביים איינמאָנען יידישע תביעות ביי די בעלי-חובות. ווען דער קעניג פיליפ II (1180 — 1223) האָט אין י. 1198 פאר הויכע „מתנות“ צוריק אריינגעלאָזט אין די גרענעצן פון זיין ממשלה די יידן, וועלכע ער האָט פריער אין י. 1182 געהאט ארויסגעטריבן, האָט ער געשלאָסן מיט די גראפן פון שאמפּאניע, סאן-פּאָל און נעווער אן אָפּמאך בנוגע די יידישע וואוכעריי-געשעפטן. אינם דאָזיקן אָפּמאך האָבן די צדדים פארווערט די יידן פון איין צד צו מאכן הלוואה-געשעפטן מיט די אונטערטאנען פונם צווייטן צד. דער צוועק פון דעם פארבאָט איז קלאָר: סיי דער קעניג, סיי די באראָנען האָבן זיך אזוי ארום באוואָרנט, אז די אָפּצאָלונגען, וואָס פלעגן געליפערט ווערן דעם שוץ-האר פון יעדן יידישן וואוכעריי-געשעפט, זאָלן נישט אריינפאלן אין די קעשענעס פון א צווייטן האר! דאָס וואָלט אָבער געקאָנט פּאסירן אין אזא פאל, ווען דער ייד פון איין שוץ-האר זאָל, א שטייגער, שליסן א הלוואה-אָפּמאך מיט אן אונטערטאן פון א צווייטן שררה.

די עלטסטע פאָרשריפטן בנוגע דעם צונויפשטעל פון די יידישע שולד־בריוו אָדער וועקסלען, ווי אויך בנוגע די געזעצלעך דערלויבטע פּראָצענטן — שטאמען פונם י. 1206: אין יעדער שטאָט איז באשטימט געוואָרן א ספּעציעלער נאָטאריוס, וועלכער האָט געהאט די אויפגאבע, צו שטעמפּלען יעדן שטר־חוב און אָפּצונעמען פון די צדדים א שבועה, אז די סומע, וואָס איז פארשריבן אינם שטר-חוב,אנטשפּרעכט לויט דער גרויס דעם געבאָרגטן קאפּיטאל. אויב א ייד האָט געגעבן א הלוואה אָן א געשטעמפּלטן שטר-חוב, איז דער לווה נישט געווען מחויב אָפּצוצאָלן דאָס

געלט, סיידן ער האָט געגעבן אַ באַוועגלעכן משכון, אַ שטיינער, גאָלד, זילבער, קליידער אָדער בהמות. דער נאָטאַריוס האָט געמוזט אײַנלײַגן קוויציע, אַז ער וועט זיך ערלעך פירן אויף זײַן אַמט און ער האָט געמוזט פאַרשרײַבן די יידישע קרעדיט-טראַנזאַקציעס אין ספּעציעלע רעגיסטערס. דער דערלויבטער צינז־פוס איז נאָרמירט געוואָרן אויף 43 און אַ דריטל פּראָצענט. לויט די דערגאַנצנדיקע קעניגלעכע פאַראָרדענונגען פון די יאָרן 1219 און 1227 איז די יידן פאַרווערט געוואָרן צו באָרגן געלט אָרע־זע פּויערים און בעלי־מלאכות, וואָס באַזיצן נישט קיין זאַכן צום פאַר־משכונען. אויך האָבן די יידן נישט געטאָרט באָרגן אויף אַזעלכע משכנות, ווי קירכלעכע חפצים אָדער תבואה, וואָס איז נאָך נישט געווען אויסגע־דראָשן. לויט דיזעלבע פאַראָרדענונגען האָט אַ שטר־חוב געמוזט אויס־געשטעלט ווערן אין 3 עקזעמפּלאַרן: איינעם האָט באַקומען דער ייד — דער געלט-לײַער, דעם צווייטן — דער בעל-חוב, דער דריטער איז אוועק־געלייגט געוואָרן ביים נאָטאַריוס. דער צוועק פון אַזאַ פאַראָרדענונג איז קלאָר: דער קעניג האָט געוואָלט אַזוי אַרום שאַפן פאַר זיך אַן עווידענץ איבער די יידישע וואוכעריי-געשעפטן, בכדי צו וויסן, ווען און מיט וועלכן פאַרנעם אויסצולייזיקן די געלט־בײַטלען פון זײַנע קאַמער־קנעכט.

אַווענד־פּונקט אין דער רעגולירונג פון די יידישע געלט-געשעפטן שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָפּמאַך, וועלכן דער קעניג האָט אין י. 1230 געשלאָסן מיט די באַראָנען און וועלכער איז באַוואוסט אונטער דער באַ־צייכענונג אלם „סטאַטוט פון מעלען" (Melun) , לויטן דאָזיקן אָפּמאַך האָט געזאָלט דער קאַנאָנישער צינז-פאַרבאָט, וואָס איז געווען חל בלויז אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, אויף להבא חל זײַן אויך אויף די יידן, און די מאַכט־אָרגאַנען האָבן געזאָלט מיטווירקן בלויז ביים אײַנ־מאָנען די פון די יידן אויסגעבאָרגטע קאַפּיטאַל-סומען און נישט געבן קיין שום הילף ביים אײַנמאָנען די אָנגעוואַקסענע פּראָצענטן. „דער סטאַ־טוט פון מעלען" איז מיט אַ צייט שפּעטער באַגייט און פאַרשאַרפט גע־וואָרן דורך קעניגלעכע פאַראָרדענונגען פון די יאָרן 1254 און 1315, וואָס האָבן די יידן פאַרווערט צו לײַען געלט אויף אַ שטר־חוב און זיי דער־לויבט בלויז קליינע געלט-טראַנזאַקציעס אויף באַוועגלעכע משכנות, ביי וועלכע זיי האָבן געמעגט נעמען נישט מער, ווי 43 און אַ האַלבס פּראָצ. אין דעמזעלבן זין איז אויך געשלאָסן געוואָרן דער לעצטער אָפּמאַך מיט די יידן פאַר זייער לעצטן גירוש פון די קעניגלעכע טעריטאָריעס, דהיינו, דער אָפּמאַך פון י. 1360.

וואָס פאַר אַן אײַנפלוס האָבן געהאַט די געשילדערטע פאַראָרדע־

גונגען אויף דער אנטוויקלונג און אויף דעם פארנעם פון די יידישע קרעדיט-געשעפטן? דער ענטפער, וואָס לאָזט זיך דערויף אויסגעפינען אין די קוועלן, איז פאלגנדיקער: „דער סטאטוס פון מעלען" באדייט א ווענד-פונקט נישט בלויז אין דער אָרגאניזאציע פון דעם יידישן קרעדיט, נייערט אויך אין דער גאנצער אנטוויקלונגס-געשיכטע זיינער. ביז לערך דעם י. 1230 באשטייט די קליענטעלע פון די יידישע באנקירן אין פראנקרייך דערעיקרשט פון באראָנען און קירכלעכע שררות. די יידישע קרעדיט-געשעפטן טראָגן דעם כאראקטער פון גרויס-קאפיטאליסטישע טראנזאקציעס און שטיצן זיך ס'רוב אויף אומבאוועגלעכע משכנות. אזוי, א שטייגער, איז איין איינציקער ייד מיטן נאָמען שלמה, וואָס האָט געלעבט אין ד י ז ש אָ ן ביים אָנהויב פון 12-טן י"ה, געווען דער מלווה פון אייניקע פון די גרעסטע קלויסטערס אין בורגונדיע, ווי די קלויסטערס פון סאן-בענין און סאן-סעין. אלס ביישפיל, ווי גרויס עס זענען געווען געוויסע חובות, וואָס מען איז געווען שולדיק די יידן, איז כדאי צו דערמאָנען, אז איינער א פראנצויזישער ייד, מיטן נאָמען בענ-דעט האָט געהאט ביים סוף פון 12-טן י"ה ביים שררה פון מ א נ-פ ע ל י ע א חוב פון 50.000 סו. אָבער אויך שטאָט-לייט פלעגן ביי יידן נעמען הלוואות אויף אומבאוועגלעכע משכנות. אזוי דערציילט דער כראָניקער ר י ג אָ ר, אז ביים סוף פון 12-טן י"ה זענען די יידן גע-ווען באלעבאטים איבער א העלפט הייזער אין פאריז און אז זיי האָבן זיך דעם גרעסטן טייל פון די הייזער פארשאפט דורך וואוכער-געשעפטן. אלס א באשטעטיקונג, אז פראנצויזישע יידן האָבן אין 12-טן י"ה דורך וואוכער-געשעפטן ארייננעקריגן אין זייערע הענט נישט בלויז אומבא-וועגלעכע גיטער פון שררות און שטאָט-לייט, אָבער אויך קירכלעכע נחלאות, קאָנען דינען די ווערטער פונם פויפסט א י נ אָ צ ע נ ט דעם III-ט ן אין א בריוו צום פראנצויזישן קעניג (1205): ער קאָן נישט צו-זען — שרייבט דאָרט דער פויפסט — ווי די יידן אין פראנקרייך ווערן באלעבאטים איבער קירכלעכע גיטער און זיי פארמאָגן זייער אייגנס פעלדער און ווייננערטנער, גאנץ אנדערש האָט וועגן דעם געקלערט דער פראנצויזישער קלערוס. מיר זעען, נעמלעך, אז אין 11-טן און 12-טן י"ה האָט די פראנצויזישע גייסטלעכקייט שטארק געשטיצט די יידן, בעת די פראנצויזישע גלחים פלעגן אין די פריערדיקע צייטן אָנ-פירן מיט די העצעס קעגן יידן (א שטייגער, די ביסקופן פון ט ו ל ו ז, א ווי ט ו ס פון קלערמאָן, א נ אָ ב א ר ד, א מ ו ל א און אנדערע גלחים פון 9-טן און 10-טן י"ה). דער איבערברוך אין דער שטימונג פון די גלחים בנוגע די יידן, ווערט מערקט זיך אין משך פון

11־טן און 12־טן י״ה, לאָזט זיך דערקלערן מיט דער וויכטיקייט פון די ייִדישע געלט־זעק פאַר די קאַריעריסטישע קירכן־פירשטן, וועלכע האָבן דערפאַר געשטיצט די יידן ביי עקספּלאָאַטירן דורך וואוכעריי די באַפעל־קערונג. צייטנווייז פלעגט מען דעם ייִדישן וואוכערער אָפּשיקן צום פּויפּסט, ווען דער בעל־חוב האָט אים נישט געוואָלט סילוקן. און אַזוי האָבן זיך לאָמבאַרדינגער און פּראָווענצאַלישע יידן נישט זעלטן געלאָזן אין וועג קיין רוים צוזאַמען מיט פרומע עולה־רגלניקעס צו פּועלן ביים פּויפּסט, ער זאָל ווירקן מיט זיין השפּעה אויף די בעלי־חובות, אז זיי זאָלן אָפּצאָלן די ייִדישע תביעות. מאַנכע קירכע־שררות אין פראַנקרייך פלעגן טרייבן א האנדל מיט זייערע תשמישי־קדושה, מיט קירכע־זאַכן און אלס מעקלער פלעגן זיי דערביי נוצן די יידן. אַזוי, א שטייגער, האָט דער ערצבישאָף גואיפרעד (12־טעם י״ה) געשיקט צו ייִדישע גאָלד־אַרבעטער גאָלדענע און זילבערנע קירכע־כלים צו מאַכן דערפון שמעלץ און פארקויפן דאס גאָלד און זילבער אויף זיין חשבון. פאַרשטייער פון קלויסטערס פלעגן פאַרמשכונען ביי די יידן צלמים, מאָנטלען, קאַנדעלאַברעס, בעכערס, עוואַנגעליע־ספרים וכדומה, וואָס דאָס ווערט פון די קוועלן אָפּט באַצייכנט אלס סיבה פון׳ם אונטערגאַנג פון מאַנכע קלויסטערס. אין צוזאַמענהאַנג מיט דיזאַזיקע מיסבּרויכן קאָכט זיך אַרום י. 1146 דער פרומער אַבאַט פון אַגיואַי נישט. חלילה, קעגן די אמתע שולדיקע, קעגן די גייסטלעכע, וואָס פלעגן פאַרמשכונען די הייליקייטן, נייערט קעגן די יידן, וועלכע האָבן זייערע קאַנטאָרן פול מיט טייערע סחורות און זייערע קופערס פול מיט גאָלד און זילבער... ווי אויך פול מיט הייליקע כלים, בעכערס און קטורים־פעסלעך, מיט וועלכע זיי טרייבן, א דאַנק דער פּראָטעקציע מצד די פירשטן, א שענדלעכן האַנדל.

דאָס בילד, וועלכעס מיר האָבן דאָ געבראַכט, ענדערט זיך ביזן גרונט, ווען מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דער תקופה זינט דעם „סטאַטוט פון מעלון״ (1230). דער סטאַטוט איז, ווי ס׳ווייזט אויס, אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטערן דרוק פון דער גייסטלעכקייט און די וועלטלעכע פּריצים, וואָס האָבן געשטרעבט אָראָפּצוואַרפן פון זיך דעם יאָך, וועלכן דער קע־ניג האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט אין דער פאָרם פון דער ייִדישער וואוכעריי. אָן אָפּשפּיגלונג פון די ווירקונגען, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם סטאַטוט, געפינען מיר אין דער אונז שוין באַוואוסטער שריפט פון ר׳ מאיר בן שמעון. פאַר די יידן איז געבליבן בלויז דאָס גע־ביט פון קליינע וואוכער־טראַנזאַקציעס אויף באַוועגלעכע משכנות און זיי פאַרוואַנדלען זיך כסדר פון באַנקירן, וואָס האָבן פריער פאַרזאָרגט

מיט קרעדיט גרויסע שררות—ערדבאזיצער, אין וואוכערניקעס, וואָס אפּע־רירן צווישן בעלי-מלאכות און פויערים. ווי א טיפּישער רעפּרעזענטאנט פון אזעלכע וואוכערניקעס קאָן באטראכט ווערן דער אָפּטער שוין דער־מאָנטער ייד העליאָט פון וועזול, וועמענס אויפגעהיטע האנדלס-ביכער (פון 14-טן י"ה) גיבן אונז א מעגלעכקייט געטרייער זיך צו באקענען מיט זיינע געלט-אָפּעראציעס. העליאָט האָט געפירט צווייערליי ביכער: אין איין בוך פלעגט ער פארשרייבן די נעמען פון זיינע בעלי-הובות, אין דעם צווייטן, ווידער, פלעגט ער עפענען „קאָנטעס" פאר יעדן בעל-חוב באזונדער און פארשרייבן דאָרט די סומעס, וועלכע ער האָט אין פארשיידענע ציימן געהאט אויסגעבאָרגט. אויפן סמך פון דידאָזיקע פארשרייבונגען און רשימות לאָזט זיך פעסטשטעלן, אז די הלוואות זענען באשטאנען ס'רוב פון קליינע געלט-סומעס און אז די קליענטן פון אונזער העליאָט האָט מען געקאָנט באגעגענען ס'רוב צווישן האנטווערקער, קליינע סוחרים און אפילו צווישן אזעלכע „קליינע מענטשעלעך", ווי הויז-באדינער. נאָר זעלטן פיגורירט צווישן זיינע קונדן א גלח אָדער אן אדלמאן. „דער סטאטוס פון מעלען" און די אונז שוין באוואוסטע דערגאנצנדיקע פאראָרדענונגען פון די יאָרן 1254 און 1315 האָבן אין א שטארקער מאָס וואולקאניזירט דעם באָדן אונ־טער די פיס פון די יידן: די יידישע וואוכער-געשעפטן צווישן די אונ־טערע קלאַס זענען אין תוך גענומען געווען נישט מער, ווי א מיטל, מיט וועלכן דער קעניג און די שררות פלעגן זיך באנוצן, אום אויסצו־פּלינדערן דאָס אָרעמע פאָלק. די יידן האָבן דערביי געשפּילט די ראָלע פון א ווערקצייג. קוים אָבער זענען די פאָלקס-געמיטער צעקאָכט גע־ווארן צוליב דער שטארקער פארשולדיקונג, האָט זיך דער גרימצאָרן פון די פאָלקס-מאסן בלויז אין זעלטענע פאלן געווענדעט קעגן די מעכ־טיקע און גרויסע הארן, דערפאר אָבער פלעגט ער תמיד אויסגיין צו די קעפּ פון די יידן, דהיינו, צו די קעפּ פון די קאמער-קנעכט און ווערקצייג פון די שררות.

מיר האבן באטראכט די הויפּט-געביטן פון דער יידישער עקאָנאָמיק אינם מיטלאלטערלעכן פראנקרייך: דעם האנדל און די וואוכעריי — און עס בלייבט אונז נאָך צו דערגאנצן דאָס בילד מיט א פּעקל ידיעות, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט וועגן יידישע פינאנץ-באאמטע און בעלי־מלאכות.

יידן אין דער ראָלע פון פינאנץ-באאמטע זע־נען געווען אין פראנקרייך אן אָפּטע דערשיינונג, כל-זמן דער יידישער קרעדיט איז געווען פארוואָרצלט אין די באדערפעניש פון די שררות—

די ערד-באזיצער און ער האָט צוליב דעם זיך ברייט אויסגעשפרייט. דער אָנגעמערקטער צוזאמענהאנג איז לגמרי נישט קיין פאָרמעלער, נייערט אן ארגאנישער, מחמת די יידישע באאמטן-שטעלע איז בדרך כלל געווען אָפּהענגיק פון די אוואנסן, וועלכע דער ייד האָט געקאָנט ארייַנטראָגן דעם קעניג אָדער דעם שררה אויפן חשבון פון די איינקונפטן, וועלכע מען האָט דערוואַרט פון די שטייערן, צאָל־אָפּצאָלונגען און אז. וו., מיט וועלכע דער יידישער אָנגעשטעלטער האָט געהאט צו פארוואלטן. די יידישע באאמטע זענען גיכער אויס ווי ארענדארן מיט אמטלעכע פונקציעס, איידער ווי מלוכה-באאמטע אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט. א ריי ידיעות וועגן אזעלכע יידישע באאמטע — ארענדארן זענען אונז באוואוסט פון 11-טן און 12-טן י"ה. צווישן די י"י 1142—1157 באַגעגענען מיר פארשיידענע יידן אין דער ראָלע פון צאָל-ארענדארן, וואָס מאָנען איין די צאָל־אָפּצאָלונגען אינם ראיאָן פון די ערצבישאָפן פון ארל. פון דערזעלבער צייט ווערן דערמאָנט יידישע „baiuli“ דהיינו פארוואלטערס, וואָס זענען אָנגעשטעלט געווען אין טולוז, מאָנפעליע און בעזיע. א באקאנטע פערזענלעכקייט איז דעמאָלט געווען דער געלערנטער ר' נתן אָפּיסיאַל, וועלכער ווערט אין א דאָקומענט פון י. 1175 דערמאָנט אלס „baiulus“ אין דער שטאָט בעזיע. אין א בריוו, וואָס איז אין י. 1205 געשריבן געוואָרן צום פראנצויזישן קעניג, קלאָגט זיך דער פויפסט אינאָצענט דער III-טער, וואס די פראנצויזישע יידן „האבן אין זייער רשות שלעסער און זענען פארוואלטערס ביים אדל". צוויי יאָר שפּעטער שרייבט דערזעלבער פויפסט א בריוו צום גראף פון טולוז, אין וועלכן ער מאכט דעם גראף די ביטערסטע פאָרוואורפן צוליב דעם, וואס ער האָט אָנגעטרויט די יידן עפנטלעכע אמטן. די לעצטע שפורן פון יידישע „baiuli“ באגעגענען מיר ארום דער העלפט פון 13-טן י"ה. פון דער צייט פון קעניג לודוויג דעם פרומען (1223 — 1226) ווערן דערמאָנט: א ייד מיטן נאָמען משה, וואָס איז געווען „prèvôt“ אין פאָאטו, אברהם „officialis“ (פארוואלטער) אין סאָמיע, אבראמאָטים — א „baiulus“ אין פאָרנע, א געוויסער נתן — אן ארענדאר פונם קעניגלעכן צאָל און אנדערע. די לעצטע יידישע צאָל-ארענדארן און „baiuli“ זענען אונז באוואוסט פון די יאָרן 1247 — 1248: עס ווערן דעמאָלט דערמאָנט אין די קוועלן א געוויסער בונים נאשי — א צאָל-באאמטער אין באָקער און א געוויסער דוד — א „baiulus“ אין לאנגוועדאָק.

דער פאקט, וואָס די יידן ווערן זינט לערך דער העלפט פון 13 י"ה

צונעצווינגן צו באאמטן-שטעלעס, שטייט בלי־ספק אין א ענגן צוזאמענ־האנג מיט דעם אונז שוין באוואוסטן איבערברוך, וואָס איז פאָרגעקומען ארום דערזעלבער צייט אין די קרעדיט-געשעפטן און בכלל אינם וואויל-שטאנד פון די פראנצויזישע יידן. דער „סטאטוס פון מעלען" האָט ביי די יידן צוגענומען די מעגלעכקייט צו דערשלאָגן זיך צו יענע גרויסע פארמעגנס, וואס זענען געווען נויטיק, אום צו קאָנען ווערן א פארוואל-טער פון גרויסע ערד־גיטער אָדער אן ארענדאר פון אזעלכע גרויס־קאַ־פיטאליסטישע הכנסות, ווי די צאָל-און שטייער-אָפצאָלונגען אין די ראַ־יאָנען פון דעם קעניג און די שררות.

דער איבערברוך מערקט זיך אויך אויף א צווייטער פלאַך און דאָס איז — די יידישע מלאכה: ביז לערך דער העלפט פון 13-טן י"ה הערן מיר ווענן איר כמעט ווי גאָרנישט, דאקעגן הויבט זי אָן צו שפילן א גרויסע ראָלע, זינט דאָס יידישע ווירטשאפטס-לעבן איז דערווייטערט געוואָרן פון די גרויסע פרנסה־קוואלן. אזוי, א שטייגער, שווימען ארויס ארום יאָר 1258 קוועלן-ידיעות וועגן יידן-האנטווערקער אין פאריז, וואָס האָבן זיך פארנומען מיט אויסארבעטן שווערדן, רי־מענס, זאָטלען און אז. וו. אין דרום-פראנקרייך באווייזן זיך ביים סוף פון 13-טן י"ה אזעלכע מלאכות ביי יידן, ווי גארבעריי און שניידעריי. אין מארסעיל באגעגענען מיר ארום דערזעלבער צייט און אין משך פון 14-טן י"ה יידן — לאסט-טרעגער און שיפער.

§ 20 די מיטלאלטערלעכע „יובל-יאָרן" אין פראנקרייך.

„פונקט ווי דאָס וואָלט געווען א יובל-יאָר, האָט דער קעניג באפרייט די בעלי־חובות פון די נגישות פון די יידן" — אזוי שרייבט איינער א כראָניקער פון 12-טן י"ה אין צוזאמענהאנג מיט דער אנולירונג פון יידישע תביעות; דידאָזיקע אנולירונג איז פאראָרדנט געוואָרן דורך דעם קעניג פיליפ דעם II-טן אין יאָר 1181. וואָס אמת, האָבן די פארשוו־דיקטע ריטער און פאטריציער פון די שטעט מיט גרויס שמחה אויפגע־נומען דידאָזיקע פאראָרדענונג, אָבער בעצם האָט דעם גרעסטן חלק אינם רווח געהאט דער קעניג, וועלכער האָט זיך פאר דער אנולירונג געלאָזט באצאָלן פון די בעלי-חובות איין 5-טל פון די תביעות. מיר האָבן שוין אויף אן אנדער אָרט אָנגעמערקט, אז אזעלכע „יובל-יאָרן", וואָס פלעגן זיך אנטפלעקן ענטוועדער אין דער פאָרם פון תביעות-רעדוקציעס, אָדער אין דער פאָרם פון גירושים אויף יידן, זענען אין תוך געווען גרויס־קאפיטאליסטישע טראנזאקציעס מיטן צוועק, צו באַרייכערן דעם אוצר פון די קעניגן — די „שוץ-הארן". דערווייל

אָבער וועלן מיר זיך אָפּשטעלן ביי דעם פאקט, אז די קעניגן פלעגן זיך באנוצן מיטן דאָזיקן „באררייכערונגס־מיטל" נישט בלויז דעמאָלט, ווען זיי האָבן זיך ארומגעטראָגן מיט גרויסע קריגס־פּלענער, נאָר נישט זעלטן אויך אונטער א צוואנג צוליב סאָציאלע אויפרודערונגען פון די אונטערטאנען — די בעלי־חובות. די אנולירונגען אָדער רעדוקציעס פון די יידישע תביעות באווייזן זיך צום פריסטן ביים סוף פון 12-טן און ביים אָנהויב פון 13-טן י"ה (אין די יאָרן 1181, 1227, 1230, 1234). דהיינו, אין א צייט פון דעם גרעסטן אויפבלי פון דער יידישער וואוכעריי אין פראנקרייך, ווען דער אדל, סיי דער וועלטלעכער און סיי דער קירכלעכער איז ביז איבער די אויערן געווען פארשולדיקט ביי די קאמער־קנעכט פון קעניג. די יידישע וואוכעריי איז דעמאָלט געווען א וויכטיקער כלי־זין אין די הענט פון דעם קעניג, אום צו פארשוואכן די מאכט פּאָזיציעס פון די שררות, און ווען דער קעניג באשליסט זיך פונדעסטוועגן— ביים סוף פון 12־טן און אָנהויב 13-טן י"ה — לייכטער צו מאכן די חובות־און ציגזן־משא פון די אדל־לייט, דערקלערט זיך דאָס דערעיקרשט דערמיט, וואָס עס האָט אין לאנד געדראָט מיט שווערע סאָציאלע קאָנפליקטן מצד די שררות, וועלכע דער קעניג האָט געוואָלט אויסמיידן, אום נישט געשטערט צו ווערן אין זיינע קריגס־אונטערנעמונגען און קריגס־פּלענער (בפרט קעגן ענגלאנד).

אין מאָמענטן פון אויפברויזנדיקע סאָציאלע קאָנפליקטן קומען אויך פאָר די „יובל־יאָרן" אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 13-טן און אין פארלויף פון 14טן י"ה. דער קעניג און די שררות פלעגן זיך דעמאָלט באנוצן מיט דער וואוכעריי פון זייערע יידישע קאמער־קנעכט ווי מיט א כלי־זין, מיט וועמענס הילף זיי האָבן געהאלטן אין צוים און אויף אן אומדירעקטן אופן אויסגעפלינדערט די פאָלקס־מאסן אין די דערפער און שטעט, דהיינו, פּויערים, האנטווערקער און קליינע סוחרים. אין אייניקע פאלן פון די „יובל־יאָרן" לאָזט זיך אויפן סמך פון די קוועלן גענוי פעסטשטעלן דער ווירטשאפטלעכער סאָציאלער קריזיס, וואָס האָט זיי גורם געווען. אזוי, א שטייגער, איז דער גירוש אויף יידן אין י. 1306 געווען א מיטל, צו באַרואיקן די פאָלקס־מאסן, וואָס זענען דעמאָלט געווען אויפגערייצט צוליב דעם געוואלדיקן יקרות, צו וועלכן עס האָט דערפירט די רויב־ווירטשאפט פון דעם קעניג. די קריגס־פּלענער פון דעם קעניג האָבן אָפּגעקאָסט דעם לאנד אומגעהויערע געלטער און ארויסגערופן א כסדרדיקע פארקלענערונג פון די גאָלד־און זילבער־זאפאסן. געלט איז געווארן טייער און עס איז געשטיגן דער יקרות אזוי, אז עס האָט געדראָט מיט פאָלקס־מהומות. אין אזא עת צרה האָט דער

גירוש אויף יידן צוזאמען מיט די „קאנפיסקאציעס פון יידישע פארמעגנס געזאָלט פארשאפן א נייעם סכום גאָלד און זילבער און העלפן פארקלע־נערן דעם יקרות. סך־הכל האָט די בארבארישע „געלט־אָפעראציע” פון יאָר 1306 ארייננגעטראָגן דעם קעניג אין משך פון 4 יאָר 228.460 ליוור, וואָס דאָס האָט באטראָפן לערך א העלפט פונם יערלעכן מלוכה־בודזשעט. דער יקרות איז דערמיט לגמרי נישט אָפגעשטעלט געוואָרן, דאַקעגן איז אין צוזאמענהאנג מיט דער יידן־ארויסטרייבונג געשאפן געוואָרן א נייע צרה פאר די ארבעטנדיקע פאָלקס־שיכטן: דער פראָדוקטיווער קרעדיט, אין וועלכן עס האָבן זיך גענויטיקט די פויערים און האנטווערקער, איז צוליב דער פארטרייבונג פון די יידישע געלט־לייער שטארק פארטייערט געוואָרן, און דאָס האָט ארויסגערופן אזוי פיל אומצופרידנקייט אין לאנד, אז דער קעניג און די שררות האָבן אָנגעהויבן צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט יידישע פאָרשטייער וועגן דעם, אז די פארטריבענע זאָלן זיך אומקערן צוריק אין לאנד.

נאָך בולטער לאָזן זיך פעסטשטעלן די סאָציאל־ווירטשאפטלעכע סיבות פון דער לעצטער יידן־פארטרייבונג פון פראנקרייך, וואָס איז פאָרגעקומען אין י. 1394.

צוליב דעם אומדערטרעגלעכן שטייער־סיסטעם, מיט וועלכן דער קעניג האָט געדריקט די באפעלקערונג פון זיין ממשלה, פארלירט דער קרעדיט, וועלכן די ארבעטנדיקע מאסן פלעגן באקומען ביי די יידן, זיין לכתחילהדיקן פראָדוקטיוון כאראקטער און ער פארוואנדלט זיך אלץ מער און מער אין א קאָנסום־קרעדיט. די פויערים, האנטווערקער און קליינע סוחרים באָרגן ביי די יידן אלץ זעלטענער פאר פראָדוקטיווע צוועקן, אום, א שטייגער, צו קויפן מכשירים אָדער רוי־שטאָפן. דער יידישער קרעדיט ווערט פון זיי על־פי־רוב באנוצט, אום צו קאָנען באצאָלן די שטייערן, וואס דער קעניג האָט ארויפגעווארפן אויף זיי. עס שאפט זיך אזוי ארום א סיטואציע אָן א אויסוועג: דער קעניג טרייבט די פאָלקס־שיכטן דורך דעם שטייער־דרוק אין די אָרעמס פון דער יידישער וואוכעריי, די חובות וואקסן כסדר און מיט זיי וואקסן אויך די שוועריקייטן, אויף וועלכע עס שטויסט זיך אָן דער בעל־חוב, וואָס וויל פון זיך אראָפווארפן די משא. אזוי ארום זאמלט זיך כסדר אָן עקספלאָדיר־שטאָף פון פארביטערונג און האס. אין י. 1380 קומט עס צו אן אויפרייס! די פאראָרעמטע פאָלקס־מאסן ווארפן זיך גלייכצייטיק אויף די קעניגלעכע שטייער־אמטן און אויף די קאנטאָרן פון די יידישע וואוכערניקעס: דאָרט ליידיקט מען אויס די אָנגעזאמלטע שטייער־געלטער, מען נעמט זיך צו מיט געוואלד די פארמשכונטע זאכן און מען פאר־

ברענט די שטרות. אין י. 1382 חזרן זיך איבער די געוואַלד־טאַטן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט הויבן אָן די יידן אויסצוואַנדערן פון פּאַריז, וואו די ליידנשאַפטן האָבן אַממערסטן געקאָכט. קעגן דערדאָזיקער פאָלקס־אויפרעגונג האָט דער קעניג אָנגענומען אַזאַ מין מיטל: פון איין זייט האָט ער עטוואָס לייכטער געמאַכט דעם שטייער־דרוק לגבי די רעוואָלטירנדיקע מאַסן, פון דער צווייטער זייט אָבער האָט ער פאַרשאַרקט דעם שטייער־דרוק לגבי די יידן. דער זין פון דעמדאָזיקן מיטל איז געווען גענוג קלאָר: די יידן האָבן געדאַרפט מיט זייער געלט איינשטילן די סכנה פון די געוואַלד־טאַטן, וואָס האָבן זיך, איבער די קעפּ פון די יידן, אַרויפגעוואָרפן אויף די קעניגלעכע שטייער־אַמטן! דער פועל־יוצא דערפון איז געווען אַ פינאַנציעלער צוזאַמענברוך פון די יידישע קאַמער־קנעכט. אין י. 1387 באַקלאָגן זיך דערויף די יידן פאַרן קעניג, אָבער אָן ערפאָלג. די פון זיי, וואָס האָבן נאָך געהאַט עפּעס צו ראַטעווען, זענען טאַקע באַלד אַנטרונען געוואָרן פון לאַנד. דער קעניג זעט איין, אַז זיינע יידישע קאַמער־קנעכט שטעלן מיט זיך פאָר נישט מער, ווי אַן אויסגעפּרעסטן שוואָם, אַ שברי־כלי, באַשליסט ער פטור צו ווערן פון זיי און ער פאַרעפנטלעכט דעם 1394 11|9 דעם גירוש־דעקרעט, וואָס מאַכט אויף לאַנגע יאָרהונדערטער אַ סוף צו דער געשיכטע פון די יידן אין דרום־און מיטל־פראַנקרייך.

קאַפּיטל אַכט

דער סאָציאַלער אוןווירטשאַפטלעכער מצב פון די יידן אין שפּאַניע אין דער צייט פון 11-טן יאָרהונדערט ביז דעם יאָר 1391

(אראבישע טעריטאריעס און קאסטיליע).

§ 21 אין די מאכמעדאנישע טעריטאָריעס.

די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער פון דער אראבישער ממשלה איבער דעם שפּאנישן האלבאינזל זענען דורכגעדרונגען מיט כסדרדיקע אינערלעכע קאמפן צווישן מאכמעדאנישע שבטים און פירער, וועלכע ווערן אויסגענוצט דורך די קריסטלעכע מאכטהאָבערס פון די צפונדיקע ראנד-געביטן פון שפּאניע, כדי צו מאכן א סוף צו דער אראבישער הערשאפט. אין משך פון 11-טן י״ה צעפאלט זיך דער אמאָל מעכטיקער קאליפאט פון קאָרדאָווא אין א ריי קליינע עמיראטן, וועלכע ווערן ביים סוף פונם זעלבן יאָרהונדערט דעראָבערט דורך די אלמאָראווידן, אן אראבישע דינאסטיע, וואָס איז אריינגעדרונגען קיין שפּאניע פון מאראָקאָ. א האלב יאָרהונדערט שפּעטער באווייזן זיך אין שפּאניע די אלמאָהאדן, וועלכע שטויסן אָפּ די אלמאָראווידן צוריק קיין אפריקע און נעמען איבער נאָך זיי די ממשלה אין שפּאניע. די אלמאָהאדן זענען אָבער נישט געווען אימשטאנד אויפצוהיטן די ירושה און אונטער דעם דרוק פון די קריסטלעכע מאכטהאָבער, פארלירן זיי כסדר איין שטח נאָך דעם אנדערן, ביז עס קומט ביים אָנהויב פון 13-טן י״ה צו א פולשטענדיקער ירידה. נאָך דער אנטשיידנדיקער שלאכט ביי טאָלאָזאָ אין י. 1212, בלייבט איבער אין אראבישע הענט בלויז א נישטיקער שטח פון שפּאניע, דהיינו דער דרומדיקער קרייז ארום גראנאדא. דאָס איבעריקע שפּאניע געפינט זיך שוין דעמאָלט אין רשות פון קריסטלעכע הערשער.

צוזאמען מיט דער מאכמעדאנישער ממשלה פאלט אויך כסדר די

ווירטשאפטלעכע באדייטונג פון די יידן אין די מאכמעדאנישע טיילן פון
שפאניע. די אומאויפהערלעכע מלחמות פון איין זייט — מיט די אראַ-
בישע דעראָבערער, וואָס רוקן זיך פאָרויס קיין שפאניע פון דרום און,
פון דער אנדערע זייט, מיט די קריסטלעכע „רעקאָנקוויסטאדאָרן" (דער-
אָבערער) פון צפון, כאַאָטיזירן דאָס ווירטשאפטלעכע לעבן אינם
לאנד און דערפירן צו א כסדרדיקער פאראָרעמונג פון די יידישע פאלקס-
מאסן, וואָס מוזן אויספרעסן פון זיך אליץ גרעסערע שטייערן פאר
מלחמה-צוועקן. בלויז א קליינע גרופע פון יידישע קריגס-ליפעראנטן
און צאָל-אָפּצאָלונגען געפינט זיך אין דידאָזיקע שווערע צייטן אין א גו-
טער לאגע. צו דידאָזיקע גליקלעכע באלאנגען אין 11-טן י"ה דער באַ-
רימטער שמואל איבן נאגרעלא הנגיד, דער וועזיר אינם
עמיראַט פון גראנאדא; זיין זון יוסף, וואָס פארנעמט דעמדאָזיקן
הויכן אמט נאָכן טויט פון זיין פאָטער און וואָס שטעלט אָן זיינע קרובים
אלס באאמטע; יוסף איבן מיגאש, דער דיפּלאָמאט פונם עמיר
אין סעווילא, חסדאי איבן פאדל, דער וועזיר פונם עמיר
אין סאראגאָסא און אנדערע. קעגן דידאָזיקע „גרויס-יידן" מיט הויכע
וועזיר-טיטלען איז שוין אָבער אין 11-טן י"ה פאראן א שטארקע אָפּאָ-
זיציע מצד די אראבישע מאסן, וואָס ווערן דרוך זיי נישט ווייניקער גע-
דריקט מיט שטייערן, ווי די יידישע פאָלקס-שיכטן. דערוויף זאָגט אונז
עדות דער פון יענער צייט פארבליבענער העצערישער אויפרוף פון א
געוויסן אראבישן פאנאטיקער, אבו איסהאק פון עלווירא,
וואס אנטהאלט אזעלכע פלאמענדיקע ווערטער קעגן די יידישע וועזירן
און באאמטע: „קומענדיק קיין גראנאדא, — שרייבט דער אראַבישער
העצער, — האָב איך געזען, אז יידן פארנעמען דאָ לייטנדיקע שטעלעס.
זיי האָבן פארטיילט צווישן זיך די הויפט-שטאָט און די פראָווינץ. אי-
בעראל שטייט איינער פון דידאָזיקע פארפלוכטע בראש פון דער פאר-
וואלטונג. זיי מאָנען איין שטייערן, זיי לעבן אין וואוילטיק און שטאָלצירן
ארום מיט זייער פרעכטיקער הלבשה, בעת איר, מאכמעדאנער, גייט
ארום אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע... דער אָנפירער פון דעמדאָזיקן
מאלפעס-געזינדל (געמיינט איז דערמיט דער יידישער וועזיר יוסף, דער
זון פון שמואל הנגיד) באפוצט זיין פאלאץ מיט טייערע מאר-
מאָר-פארצירונגען, ער האָט איינגעאָרדנט אין זיין הויז שפרינג-ברונעמס
מיט קריסטאָלענע וואסערן און ער לאכט פון אייך און אייער מאכמע-
דאנישער רעליגיע, בעת איר שטייט ביי זיין טויער. אָ, גאָט, וואָס פאר
אן אומגליק! איילט זיך, אָ, איילט זיך און ברענגט אים פאר אָ קרבן
דעמדאָזיקן בייכיקן חברה-מאן! און פארשוינט אויך נישט זיינע קרובים

און פריינט: אויך ביי זיי געפינען זיך אומגעהויערע אוצרות. נעמט ביי זיי צו דאָס געלט, איר האָט מער רעכט ד׳ערצו...״ די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן די מאסן, באקומען אין די ציטירטע שטעלן פונם פאמפלעט א בולטן אויסדרוק. ווי א וואָרענונג אויף להבא האָט אויך געמוזט ווירקן דער טראגישער סוף פון דעם אין פאמפלעט דערמאָנטן יידישן וועזיר פון גראנאדא, וואָס איז אויף א שרעקלעכן אופן דער־הרגעט געוואָרן דורכן אונטערגעהעצטן המון.

פון דעם 12־טן י״ה, ווען די ממשלה איז אריבער צו די אלמאָראַ־ווידן, איז אונז באוואוסט בלויז איין איינציקער יידישער וועזיר, און גע־ווען איז דאָס דער יידישער הויפּטראָקטאָר שׂלמה אלמאָאַלם פון סעווילא, וואָס האָט זיך געמאכט א שם אויך אלס דיכטער. ער איז דער לעצטער שטראַל פון א גלאנצפולער תקופה, וואס האָט אין דער אלמאָראַווידן־צייט געהאלטן ביים אונטערגאנג. די העצערייען קעגן די יידישע וועזירן און בכלל קעגן די יידישע מלוכה־אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין 11־טן י״ה, האָבן זיך אין דער אלמאָראַווידן־צייט אריבערגעטראָגן סתם קעגן יידן. די לאגע פון די יידן איז געוואָרן אלץ אומדערטרעגלעכער, בפרט אין דער צייט פון די אלמאָהאדן, וועלכע האָבן מיט פייער און שווערד געגומען איינצופירן די מאכמעדאנישע רעליגיע אין די דעראָבערטע שפאנישע געביטן און אויסוואָרצלען אלע אנדערש־גלויביקע, ווי די יידן און קריסטן. א ריי בלוטיקע פּאָגראָ־מען, וואָס זענען אויסגעבראָכן צווישן די י״י 1147—1148 אין סעווילא, קאָרדאָווא, לוצענא, מאלאגא און אין א סך אנדערע שטעט, באצייכענען דעם פּאָרמארש פון די אלמאָהאדן און דערפירן צו א ליקווידאציע פון דעם יידישן לעבן אויף די טעריטאָריעס פון די נייע מאכמעדאנישע הערשער. אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 12־טן י״ה קומט־פאָר א מאסן־וואנדערונג פון די יידן פון דעם מאכמעדאנישן שפאניע. זייער וועג ציט זיך איבער די קריסטלעכע טעריטאָריעס פונם שפאנישן האלבאינזל, קיין קאסטיליע, אראגאָניע, נאוואַ־רא און פּאָרטוגאל. דער צענטער פונם יידיש־שפאנישן לעבן פאררוקט זיך אזוי אדום פון דרום־שפאניע קיין מיטל־און צפון־שפאנ־יע. דאָרט אהין וועט זיך אזיך וועגדן אונזער בליק אין די ווייטערדיקע אויספירונגען.

§ 22 די יידן אין קאסטיליע (אלגעמיינע באַ־מערקונגען).

ווי אמאָל, אין דער רוימער־צייט, די באסקן, אזוי האָבן אויך אין דער צייט פון דער אראבישער ממשלה די רעשטלעך פון די צוריק־

געשטויסענע קריסטלעכע מחנות אויסגענוצט די אסטורישע בערג אין
צפון-שפאניע, בכדי זיך דאָ צו פארשאנצן און טריט ביי טריט צוריק
צו פארנעמען די פארלוירענע טעריטאָריעס. די ערשטע גרעסערע דער-
גרייכונגען אין דעמדאָזיקן דעראָבערונגס-פראָצעס, וואָס איז באוואוסט
אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „רעקאָנקוויסטא“, קומען פאָר נאָך
ביים אָנהויב פון 9-טן י"ה, ווען די מלחמות פון קארל דעם גרויסן מיט
די אראבער האָבן דערפירט צו דער אנטשטייונג פון דעם אזויגערופענעם
„שפאנישן מארק“, וואָס האָט ארומגענומען די שטחים פון דער שפע-
טערדיקער קאטאלאָניע. אין דערזעלביקער צייט לערך ווערט פון די אראַ-
בער אויך צוריק דעראָבערט די בארימטע שטאָט באַרצעלאָנאַ. אויף
דידאָזיקע טעריטאָריעס קאָנסאָלידירן זיך מיט דער צייט אייניקע קריסט-
לעכע פירשטנטימער, אלס יורשים פון דער אמאָליקער וויזיגאָטי-
שער מלוכה. נייע, באדייטנדיקע דעראָבערונגען ווערן פון זיי דער-
גרייכט ערשט אין משך פון 11-טן י"ה. ארום דער העלפט פון דאָזיקן
י"ה אנשטייט דאָס קעניגרייך קאסטיליע, וואָס באשטייט צו יע-
נער צייט פון די אמאָליקע פירשטנטימער לעאָן און קאסטיליע,
מיט וועלכע עס ווערן אין די יאָרן 1055—1065 דורכן קאסטילישן קע-
ניג פערדינאנד I צונויפגעבונדן די דעראָבערטע אראבישע עמיראטן:
סאראגאָסא, טאָלעדאָ און סעווילא. ביים סוף פון 11-טן
י"ה נעמט ארום דאָס קעניגרייך קאסטיליע, א דאנק די וויטערדיקע דער-
אָבערונגען, גרויסע שטחים אין מיטל-און דרום-שפאניע. אין דער ער-
שטער העלפט פון 13-טן י"ה באלאנגט צו קאסטיליע דער גרעסטער
טייל פון אנדאלוזיע מיט דעם אלטן יידישן צענטער אין קאָרדאָווא.
אזוי שטע"ט זיך פאָר אין קורצע שטריכן דער צוריק-דעראָבערונגס-
פראָצעס, וואָס האָט דערפירט צו דער אנטשטייונג און צו דער פאר-
גרעסערונג פון קאסטיליע. פאר דער געשיכטע פון די קאסטי-
לישע יידן האָט געהאט א באזונדערע באדייטונג דער פאקט, וואָס די
וויכטיקסטע טעריטאָריאלע דערגרייכונגען זענען פאָרגעקומען אין משך
פון דעם 11-טן און 12-טן י"ה, דהיינו, אין דער צייט פון די אראבישע
אלמאָראווידן-און אלמאָהאדן-דינאסטיעס, ווען די באציונגען צווישן
יידן און אראבער האָבן פארלוירן דעם אמאָליקן פריינטלעכן און פריד-
לעכן כאראקטער און ווען די פארשארפטע לאגע האָט גורם געווען דער-
צו, אז א גרויסער טייל יידן האָט געמוזט אויסוואנדערן פון די אראַ-
בישע טעריטאָריעס, זוכנדיק שוץ אין דעם קריסטלעכן שפאניע. ביי
אזא לאגע זענען די יידן געוואָרן נאטירלעכע פארבינדעטע פון די
קריסטלעכע דעראָבערער-רעקאָנקוויסטאדאָרן און א וויכטיקער פאק-

טאָר אין דער פּאָליטיק פון די קריסטלעכע פירשטן און קעניגן, וואָס האָבן געפירט די טראַדיציאָנעלע מלחמות מיט די „סאַראַצענען"-אַראַבער. צוליב דעם פעאָדאַלן סיסטעם איז די הויפּט-לאַסט פון די מלחמות געלעגן אויף די קעניגן און פירשטן, וואָס האָבן געמוזט זאָרגן פאַר דער פינאַנסירונג און אָרגאַניזירונג פון די אַרמעען. איז טאַקע פאַרשטענדלעך, אַז זיי האָבן אין די יידן געזען א געוואונטשענעם פאַקטאָר פאַר זייערע דעראָבערונגס-צילן. וויסנדיק וועגן דער אַראַבער-פריינטלעכער שטימונג פון די יידן, האָבן זיי אָבער אויך פאַרשטאַנען, אַז זיי קאָנען אין די יידן געפינען א וויכטיקע ווירטשאַפטלעכע און פינאַנציעלע שטיצע פאַר די קריגס-אונטערנעמונגען, מיט וועלכע ס'איז געווען צונויפגעבונדן זייער אייגענע באַדייטונג און דער גלאַנץ זייערער.

א הויך דיפּלאָמאַטיקע — מען קאָן זיי אַזוי באַצייכענען — אויסערפּאָליטישע מאָטיוון, זענען אָבער אויך געווען וויכטיקע אינערלעך פּאָליטישע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען צו א פריינטלעכער באַציונג צווישן די קאַסטילישע קעניגן און די יידן. די קעניגן האָבן געשטרעבט צו באַפעסטיקן אין דעם לאַנד דעם מאָנאַרכיסטישן פּרינציפּ און צוליב דעם האָבן זיי דורכאויס געוואָלט אָפּשוואַכן דעם איינפלוס פון די וועלטלעכע און גייסטלעכע האַרן, ווי אויך פון דעם שטאָטישן עלעמענט, וואָס האָט זיך זינט דער העלפט פונם 12-טן י"ה באַטייליקט צוזאַמען מיט די אַדל-לייט אין וועלטלעכע צוזאַמענפאָרן, וועלכע מען האָט גערופן „קאָרטעס" (cortes) און וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א מין פּאַרלאַמענט. די „קאָרטעס" האָבן, ווי יעדער פּאַרלאַמענט, באַנוצט דאָס בודזשעט-רעכט, דהיינו, דאָס רעכט צו באַשטימען בלערליי שטייערן און אָפּצאָלונגען לטובת דער מלוכה, צו פאַרשטאַרקן די באַדייטונג פון די קלאַסן, וועלכע זיי האָבן רעפּרעזענטירט און צו מאַכן, אַז דער קעניג זאָל פון זיי ווערן וואָס מער אָפּהענגיק. ביי אַזא סיטואַציע האָט זיך דער קעניג גענויטיקט אין א פינאַנציעלן אינסטרומענט, וואָס זאָל אים שאַפן א געהעריקן קעגנגעוויכט לגבי די „קאָרטעס" און געבן די מעגלעכקייט, דורכצופירן זיינע מאָנאַרכיסטישע פּלענער אויך אָן דער הילף פון די „קאָרטעס". אַזא אינסטרומענט זענען פאַר אים געוואָרן די יידן, לגבי וועלכע ער האָט זיך באַנוצט מיט דעם פּרינציפּ פון קאַמער-קנעכטשאַפט, וואָס האָט געשטעלט אין זיין רשות די יידישע פאַרמעגנס. אין אַנדערע לענדער פלעגן די קעניגן אין זייער קאַמף מיט דעם הויכן אַדל, מיט די מאַגנאַטן זיך שטיצן אויף די שטעט אָדער אויף די פּאַראָרעמטע אַדל-לייט, אויף דער „gentry", אין שפּאַניע איז אָבער געווען א ספּעציפישע סיטואַציע. די שטעט זענען

שוין דאָרט אין 12-טן י"ה געווען צונויפגעבונדן מיט די מאגנאטן אלס באטייליקטע אין די „קאָרטעס" און האָבן אין די צוזאמענפאָרן מיט דער צייט געשפילט אלץ א גרעסערע ראָלע. דערצו האָט דאָ אינגאנצן אויסגעפעלט דער פארבינדונגס-רינג צווישן מאגנאטן און שטעט, ווי אויך דער קליינער אדל, אויף וועלכן דער קעניג וואָלט זיך געקאָנט שטיצן. האָט ער זיך טאקע אויסערהאלב פונם „פארלאמענט" געמוזט פארזיכערן א פארבינדעטן און אזעלכן האָט ער געפונען אין די יידן.

אויף אזא אופן איז דער גורל פון די קאסטילישע יידן געוואָרן ענג צונויפגעבונדן מיט דעם כוחות-שפיל צווישן דעם קעניג און די „קאָרטעס". אין דער גלאנץ-צייט פון דער „רעקאָנקוויסטא, וואָס דויערט לערך ביז דעם סוף פונם 13-טן י"ה, זענען די באציונגען צווישן דעם קעניג — דעם פראָטעקטאָר פון די יידן און די „קאָרטעס" זעלטן ווען אָנגעשטרענגט געוואָרן, וואָרים אויבן-אָן שטייט א געמיינזאמע פאראינטערעסירונג, א געמיינזאמער ציל: דער דערפאלג פון די קריגס-אָפּעראציעס קעגן די אראבער. ביים סוף פון 13-טן י"ה איז דערדאָזיקער ציל כמעט ווי דערגרייכט: די מאכמעדאנישע ממשלה איז דעמאָלט רעדוצירט ביז גאָר, פון די שפאנישע פראָווינצן איז ביי די אראבער געבליבן נישט מער, ווי דער שטח ארום גראנאדא ביים סאמע דרום-דיקן ברעג פון שפאניע. דער אויסערלעך-פאָליטישער מאָמענט, וואָס האָט אין א גרויסער מאָס געווירקט, ווי א פארייניקטער פאקטאָר, טרעט אָפּ ביים סוף פון 13-טן י"ה אלץ מער אין הינטערגרונט, ער ווערט אלץ שוואכער און לייזער און עס אנטשפאנען זיך די אינטערעסן-קעגנזאצן צווישן דעם קעניג און די קלאסן, וואס זענען געווען פארטראָטן אין די קאָרטעס. עס קומט די צייט פון אלץ שטארקערע רייבונגען, א צייט, אין וועלכער עס לאָזט זיך מערקן א וואקסנדיקע השפעה פון שטאָטישע עלעמענטן אויף דער פאָרמירונג פון די אינערלעכע פאָליטישע פארהעלטענישן. אין 14-טן י"ה איז די באדייטונג פון דער שטאָטישער פארטרעטערשאפט אינם פארלאמענט שוין א סך גרעסער, ווי די באדייטונג פון די אדל-לייט. און דערמיט פארשטארקט זיך אויך דער דרוק פון די „קאָרטעס" אויף דעם קעניג בנוגע דער יידן-פראגע, וואָס האָט, ווי תמיד, געהאט מער רייבונגען אויפן שטאָטישן, ווי אויף דעם דאָרפישן באָדן. די שטעט זעען אין די יידן זייערע קאָנקורענטן אינם האנדל און וואנדל און טאָלערירן זיי בלויז אזוי לאנג, ווי לאנג זיי זענען נאָך אין פראָצעס פון איינאָרדענונג און ווי לאנג זיי נויטיקן זיך נאָך אין דעם פראָדוקטיוון קרעדיט פון די יידן. אין אזא לאגע געפינען זיך די קאסטילישע שטעט, וואָס א גרויסער טייל פון זיי איז אין א שווערן צושטאנד צוריק דעראָבערט געוואָרן פון

די מאכמעדאנער נאָך ביז דעם סוף פון 13־טן י״ה. זיי גויטיקן זיך א לאנגע צייט אין גרויסע אינוועסטיציעס פאר ווידעראויפבוי־צוועקן, אָבער אין 14־טן י״ה איז דער ווידעראויפבוי שוין א פאַרטיקער און די שטעט אנטוויקלען זיך אין א שנעלן טעמפּאָ, אזוי, אז דער יידישער קאָנקורענט ווערט אלץ לעסטיקער, אלץ אומדערטרעגלעכער. ווען טאקע זיין די באשטרעבונג פון די שטאָטישע פארטרעטער אין די „קאָרטעס" צו סטימולירן די געזעצגעבונג בנוגע די יידן אלץ אומגינסטיקער פאר די לעצטע. דער קעניג וועט זיך אנטקעגנשטעלן דידאָזיקע טענדענצן אויף ווי ווייט מעגלעך, אָבער נישט תמיד וועט ער זיין אימשטאנד צו פּאראליזירן די יידנפיינטלעכע אקציעס פון די „קאָרטעס." וואָרים די קלאסן, וואָס זענען פארטראָטן אין די „קאָרטעס", פארשטייען אין געוויסע מאָמענטן ארויסצוטראָגן דעם קאמף קעגן די יידן פון דער פארלאמענטארישער ארענע אויף דער גאס און צו אָרגאניזירן „יידן־שלאכטן", פּאָגראָמען, באנוצנדיק זיך דערביי מיט די באקאנטע קלעריקאלע לאָזונגען, וואָס האָבן לייכט געקאָנט צוציען דעם המון, וואָס איז אין די כסדרדיקע מלחמות מיט די „סאראצענען" געוואָרן ווילד־פאנאטיש.

אזוי אדום אנטפּלעקט זיך פאר אונזערע אויגן דאָס 14־טע י״ה ווי א איבערברוך־צייט אין דער געשיכטע פון די קאסטילישע — און ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען: צוליב דיזעלבע טעמים אויך אין דער געשיכטע פון די אראגאָנישע — יידן. ביז לערך דעם אָנהויב פון דעם 14־טן י״ה איז די לאגע פון די קאסטילישע יידן אין אלגעמיין א גינסטיקע, זייער סאָציאלער און ווירטשאפטלעכער מצב איז נישט אין אן ערך בעסער, ווי אין אלע איבעריקע לענדער פון מערב־און מיטל־אייראָפּא. לערך אין דער העלפט פון 14־טן י״ה ברעכט זיך אָבער די ליניע און זי גייט אלץ שנעלער באַרג אראָפּ. ווי אן אָנזאָג פון דער טראגעדיע, וואָס וועט זיך אָפּשפּילן ביים סוף פון 15־טן י״ה, ווען עס וועלן מוזן הונדערטער, טויזנטער יידן אויף אייביק אַוועקוואנדערן פון שפּאניע, ענדיקט זיך דאָס 14־טע י״ה מיט דעם באוואוסטן „הייליקן קריג" קעגן די יידן, וואָס האָט ארומגענומען קאסטיליע און אראגאָניע און וואָס האָט צעשטערט א לאנגע קייט פון אלטע יידישע קהילות, ווי סעווילא, קאָרדאָווא, בורגאָס, טאָלעדאָ, וואלענציא, באר־— צעלאָנא וכדומה.

עד כאן אונזער אלגעמיינער איבערבליק איבער דער לאגע פון די יידן אין קאסטיליע, וואָס צו איר איז אין די עיקר־שטריכן אויך ענלעך די לאגע פון די יידן אין אראגאָניע.

לאָמיר איצט אריבערגיין צו די פרטים, וואָס אילוסטרירן דאָס בילד.

§ 23 די געזעצגעבונג פון די קאסטילישע קע־ ניגן בנוגע די יידן.

זי לאָזט זיך כאַראַקטעריזירן דורך די פאָלגנדיקע דריי שטריכן: א) די קאסטילישע קעניגן לייגן דער עיקר געוויכט אויף דעם פיסקאַלן מאָמענט, דערביי זענען זיי אָבער באַשטרעבט, נישט איבערצוכאַפּן די מאָס (ווי עס פלעגן דאָס, א שטייגער, מאַכן די ענגלישע און פראַנצויזישע קעניגן), אום צו דערהאַלטן די יידן אלס א פעסטן ווירטשאַפטלעכן און פינאַנציעלן אינסטרומענט פאַר דעם נוצן פון דער דינאַסטיע; ב) אינם קאַמף מיט די „קאָרטעס" זענען די קעניגן גיכער גרייט צו מאַכן קאָנצעסיעס בנוגע דער סאָציאַלער שטעלונג פון די יידן, איידער צו גיין אויף הנחות, וואָס זענען מסוגל אָפּצושוואַכן די ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס פון די יידן; ג) די ערשטע סימנים פון א ווייטגייענדיקער נאָכגיביקייט מצד די קעניגן לגבי די „קאָרטעס", וואָס דריקט זיך אויס אין געזעצן לרעת די יידן, באַווייזן זיך ערשט ארום דער העלפט פונם 14־טן י"ה.

צום פּונקט א): שוין פאַרן 11־טן י"ה זענען פאַראַן דאָקומענטאַלע ידיעות, אז די קאסטילישע קעניגן פלעגן פון די יידן נעמען א דירעקטן פאַרמעגנס־שטייער, גערופן „pecho", אָדער „peita", „questia". לויט א דאָקומענט פון י. 1253 האָט דערדאָזיקער שטייער באַטראָפן דעם 11־טן טייל פון פאַרקויפטע יידישע סחורות, בהמות און אז. וו. דאָס איינמאָנען די פאַרמעגנס־שטייערן פלעגן די קעניגן איבערלאָזן אין רשות פון די קהילות, מיט וועלכע זיי פלעגן דורכקומען וועגן דער הויך און וועגן די טערמינען, אין וועלכע די שטייערן האָבן געדאַרפט איינגעצאָלט ווערן. פונם י. 1290 זענען אונז פאַרבליבן גענויע שטייער־רשימות, וועלכע גיבן אונז א גענוי בילד פון דער יידישער שטייער־לאַסט. מיר דערוויסן זיך פון זיי, אז די יידן האָבן געצאָלט דעם קעניג צוויי נאָרמאַלע שטייערן: 1) איינער א פאַרמעגנס־שטייער, וואָס האָט פון אלע יידישע קהילות אין קאסטיליע באַטראָפן צוזאַמען א סומע פון 2.564.855 מאַראַוועדי און 2) א צווייטער שטייער מיטן נאָמען „serbicio", וואָס האָט צוזאַמען אויסגעמאַכט 236.495 מאַראַוועדי. דער לעצטער שטייער איז געווען א שטייער צום צייכן פון אונטערטעניקייט און ער האָט באַטראָפן צו 3 מאַראַוועדי פון יעדן יידן, וואָס האָט געציילט איבער 20 יאָר. אויסער דידאָזיקע נאָרמאַלע צוויי שטייערן, האָבן די קאסטילישע יידן געהאַט נאָך צו צאָלן פאַר דעם קעניג אויסערגעוויינלעכע שטייערן, ווי דער „קרוינונגס־שטייער" און ספּעציעלע שטייערן פון אומבאַוועגלעכן באַזיץ. סך־הכל האָבן אינם יאָר 1290 עקזיסטירט אין קאסטיליע 120

שטייער-צאָלנדיקע קהילות. אויפן סמך פון די דערמאָנטע שטייער־רשימות האָבן גרעץ און איזידאָר לעב געפרואווט צו בארעכענען די צאָל פון דער קאסטילישער יידישער קהילה אינם י. 1290, זיי זענען אָבער געקומען צו דורכאויס פאלשע רעזולטאטן, מחמת זיי האָבן פאלש אויסגעפאסט דעם פארמעגנס-שטייער פון די רשימות אלס א קאָפּ-שטייער, בעת די נייערע פאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אז אין קריסטלעכן שפאניע האָבן די יידן בכלל נישט געצאָלט קיין קאָפּ-שטייערן (פ. בער).

ביישפילן פון איבערגעוויינלעכע אויספרעסונגען, מיט וועלכע עס איז פול די מיטלאלטערלעכע געשיכטע פון די יידן אין אנדערע לענדער, לאָזן זיך אין שפאניע בעת דער באהאנדלטער תקופה נישט פעסטשטעלן.

דער פינאנציעלער ווערט, וועלכן די קאסטילישע יידן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט פאר די קעניגן, ווערט אונז אילוסטרירט דורך אייניקע ציפערן און ידיעות, וואָס ווערן אונז געבראכט פון 13-טן און 14-טן י"ה. אזוי, א שטייגער, ווערט אונז איבערגעגעבן פון די צייטן, אין וועלכע עס האָבן רעגירט די קעניגן א ל פ אָ נ ס ד ע ר 10-טער און ס א נ כ אָ ד ע ר 4-ט ע ר (1252 — 1295), אז די ט ע ג ל ע כ ע הכנסות, וועלכע די קעניגן האָבן געהאט פון די יידן, זאָלן האָבן באטראָפן 6 טויזנט מאראוועדי—ובכן לערך 2.190.000 מאראוועדי א יאָר. מיט אזעלכע בארעכענונגען זענען דאמאָלסט ארויסגעטראָטן די „קאָרטעס". ווי ס'איז אָבער ארויסצודרינגען פון די שטייער-רשימות, וואָס זענען אונז פארבליבן פונם י. 1290, זענען די קעניגלעכע הכנסות פון די יידן געווען א סך גרעסער, וואָרים זיי האָבן באטראָפן 2.801.345 מאראוועדי א יאָר. אין דעמזעלבן צוזאמענהאנג איז אויך כדאי צו ברענגען א ידיעה פון א קאסטילישער כראָניק אין יאָר 1280, לויט וועלכער דער קעניג אלפאָנס דער 10-טער זאָל דעמאָלט האָבן דורך די מאסן-ארעסטן געצוואונגען די יידן, צו צאָלן אים 12.000 מאראוועדי א טאָג, וואָס דאָס וואָלט אויסגעמאכט קנאפע 4 מיט א האלבן מיליאָן מאראוועדיי יערלעך. פון יאָר 1337 ברענגט אונז די בארימטע כראָניק „שבט יהודה" א נאָטיץ, אז די אָנהענגער פון ג אָ נ ז א ל אָ מ א ר ט י נ ע ז, וואָס איז דעמאָלט געשטאנען בראש פון דער העצערישער באוועגונג קעגן יידן, זאָלן האָבן דעם קעניג פאָרגעלייגט 8 מיליאָן גאָלדשטיק פאר ארויסטרייבן די יידן פון לאנד: 4 מיליאָן אלס אנטשעדיקונג פון זיי הכנסות פון די יידן און 4 מיליאָן אלס אָפּצאָל פאר די יידישע פארמעגנס, וואָס האָבן געזאָלט קאָנפיסקירט ווערן לטובת די יידן-העצערס. דער פאָרשלאָג איז אָבער אָפּגעוואָרפן געוואָרן און דער קעניגלעכער בעל-יועץ, דער בישאָף ד אָ נ ג י ל זאָל האָבן אָפּגעענטפערט מארטינעזן: „די יידן

זענען אַן אוצר פאַרן קעניג, אַן אמתער אוצר, און דו ווילסט זיי גאָר פאַרטיליקן... ביסטו טאַקע נישט קיין קלענערער שונא פון די יידן, ווי פון דעם קעניג"...

צום פונקט ב) און ג): דער נייער כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דער יידן־פּאָליטיק פון די קאַסטילישע מאַכטהאָבערס, וואָס זיי זענען געווען גיכער גרייט נאָכצוגעבן דעם דרוק פון די „קאָרטעס" אויף דער סאָציאַלער פלאַך, איידער אויף דער ווירטשאַפטלעכער — דערדאָזיקער שטריך אַנטפּלעקט זיך שוין אין דער ערשטער גרויסער קאַסטילישער קאָדיפיקאַציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דעם באַרימטן קעניג אַלפאָנס דעם צענטן (1252 — 1281) און וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען „das siete Partidas" מיר געפינען דאָ א ריי שטרענגע באַשטימונגען וועגן די יידן, וואָס טראָגן א קלעריקאַלן כאַראַקטער און וואָס שאַפן פאַר זיי א שווערע סאָציאַלע לאַגע. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט די יידן פאַרווערט צו פאַרנעמען שטעלעס אין דער מלוכה, צו האַלטן קריסטלעכע משרתים אין שטוב, צו באַשעפטיקן קריסטלעכע שקלאַפן אין דער לאַנדווירטשאַפט, צו באַווייזן זיך אין גאַס אָן א שאַנד-צייכן און אַז. וו. כאַראַקטעריסטיש איז דערביי, אַז בנוגע די קריסטלעכע דינער־אַרבעטער ווערט גלייכצייטיק באַשטימט, אַז זיי מעגן אַרבעטן ביי די יידן אויפן פ ע ל ד און באַגלייטן זייערע יידישע באַלעבאַטים בעת זייערע נסיעות. דערמיט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער שאַרף פונם אַלגעמיינעם פאַרבאָט, צו באַנוצן קריסטלעכע אַרבעטער דורך יידן, וואָס חזרט זיך כסדר איבער אין דער געזעצגעבונג פון דער קירכע און אין די באַשלוסן פון די „קאָרטעס". נאָך כאַראַקטעריסטישער איז דאָס, וואָס עס פעלט אין דער קעניגלעכער קאָדיפיקאַציע.. און פעלן פעלט דאָ יעטוועדע באַשטימונג, וואָס זאָל באַשרענקען די יידישע קרעדיט-אָפּעראַציעס! כאַראַקטעריסטיש איז דאָס צוליב דעם, וואָס די „קאָרטעס" האָבן זיך אין דערזעלבער צייט זייער שטאַרק באַשעפטיקט מיט דער יידישער וואוכעריי און זיי האָבן געזוכט פאַרשיידענע מיטלען, אום צו באַגרענעצן די יידישע קרעדיט-געשעפטן. ווי א שווערער ווירטשאַפטלעכער קלאַפּ האָט געקאָנט ווירקן די באַשטימונג פון דער קעניגלעכער קאָדיפיקאַציע וועגן דעם אויסשליסן די יידן פון וועלכע ס'איז מלוכה־אַמטן. עס זענען אָבער פאַראַן אָן א שיעור באַווייזן, אַז דידאָזיקע באַשטימונג איז געבליבן אויפן פּאַפּיר און אַז דער קעניג — דער קאָדיפיקאַטאָר גופא פלעגט יידן אָנגעטרויען זייער הויכע מלוכה-שטעלעס.

אין דערדאָזיקער ווירטשאַפטס-פּאָליטיק פון די קאַסטילישע קעניגן לגבי די יידן מערקט זיך אָן ענדערונג ערשט זינט דעם 14-טן י"ה.

א דערשיינונג, וואָס איז פאַרוואָרצלט, פון איין זייט, אין דעם פאַר־
שטאַרקטן דרוק מצד די קאָרטעס און, פון דער צווייטער זייט, אין די פי־
נאַנציעלע שוועריקייטן פונם קעניגלעכן הויף.

נאָך אין י. 1307, ווען די קאַסטילישע גלחים האָבן אויף א סינאָד
אין טאָלעדאָ געהאַט אָנגענומען באַשלוסן קעגן דער יידישער וואוכעריי,
האָט דער קעניג באַלד דערויף אַרויסגעגעבן א פאַראָרדענונג, וואָס פאַר־
ווערט צו מאַכן די יידן וועלכע ס'איז שוועריקייטן אין זייער ווירטשאַפט־
לעכער טעטיקייט. די יידן — ווערט געזאָגט אין דערדאָזיקער פאַראָר־
דענונג — באַלאַנגען צום קעניג, ווען זיי צאָלן שטייערן און דעריבער
קאָן נישט דערלאָזט ווערן וועלכע ס'איז באַשרענקונג פון זייער ווירט־
שאַפטס-לעבן, וואָרים אַנדערש וואָלט דער מלוכה-אוצר דערפון געהאַט
א שאָדן. פונקט אַזוי האָט זיך דער קעניג אויך אַנטקעגן-געשטעלט די
פאָדערונגען פון די „קאָרטעס" וועגן באַזייטיקן די יידן, וואָס זענען דאַ־
מאָלסט געווען באַשעפטיקט אין דער פינאַנץ-פאַרוואַלטונג פונם לאַנד.
אַזוי איז נאָך געווען די לאַגע ביים סאַמע אָנהויב פונם 14־טן י"ה, ווען
עס האָט רעגירט דער קעניג פערדינאַנד דער 4-טער (1295 — 1312).
אָבער שוין דער נאָכפאָלגער זיינער, אַלפאָנס דער 11-טער איז נישט גע־
ווען מער אימשטאַנד, איינצוהאַלטן די ליניע פון דער ווירטשאַפטס-פאָ־
ליטיק, וואָס איז געווען אָנגעצייכנט פון זיינע פאָרגענגער. ער האָט גע־
מוזט גיין אויף קאָנצעסיעס לגבי די „קאָרטעס" און וואָס ווייטער, אַלץ
טיפער איז געזונקען די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די קאַסטילישע
יידן. די קאָנצעסיעס האָבן באַלאַנגט צו צוויי געביטן פון דער יידישער
ווירטשאַפט: צו דער יידישער וואוכעריי און צו דער טעטיקייט פון די יידן
אַלס-שטייער־אַרענדאַרן און שטייער-איינמאָנער. וואָס שייך דער יידישער
וואוכעריי, גיט אַרויס דער שוין דערמאָנטער קעניג אַלפאָנס דער
11-טער א פאַראָרדענונג, וועלכע באַשטימט פאַר יידישע קרעדיט-גע־
שעפטן 33 פראָצ. וואָס דאָס איז געווען אין הסכם מיט
אַן אַלטן קעניגלעכן דעקרעט נאָך פון י. 1253. אין י. 1348 פאַרווערט
דערזעלבער קעניג בכלל די יידישע וואוכעריי און ער פירט דורך א ר ע־
ד ו ק צ י ע פ ו ן י י ד י ש ע ת ב י ע ו ת, צווינגענדיק די יידן, אַז זיי
זאָלן מוחל זיין א פערטל פון זייערע געלט-פאָדערונגען.

מיט נאָך שאַרפערע פאַראָרדענונגען טרעט אַרויס דער קעניג ה יי נ־
ר י ך דער II־טער (1369 — 1379), וועלכער רעדוצירט אין י.
1371 די יידישע תביעות מיט איין דריטל און וועלכער גיט גלייכצייטיק
אַרויס א ריי באַשטימונגען מיט א סאָציאַלן און געזעלשאַפטלעכן שאַרף
קעגן די יידן, ווי, א שטייגער, אַז די יידן מוזן טראָגן דעם שאַנד-צייכן,

אז זיי מאָרן זיך נישט באַנוצן מיט קריסטלעכע נעמען און אז. וו. פון דעמזעלבן קעניג שטאַמט אויך דער ערשטער פייערלעכער צוזאָג, נישט צו באַנוצן אויף להבא קיין יידן אלס שטייער-איינמאָנער און אָרענ־דאַרן (1385).

אונטערצייענדיק דעם סך-הכל, קאָן וועגן די דערמאָנטע באַגרענע־צונגען געזאָגט ווערן, אז ווי שווער זיי זאָלן נישט האָבן געווירקט אויף דעם יידישן ווירטשאַפטס-לעבן, זענען זיי פונדעסטוועגן נאָך זייער ווייט פון יענער שטרענגקייט, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אוים אין דערזעל־בער צייט די געזעצגעבונג פון, לאָמיר זאָגן, די פראַנצויזישע אָדער דייטשע מאַכטהאָבער. עס איז אויך כדאי אונטערצושטרייכן, אז זיי האָבן באַפרידיקט קוים אייניקע פונקטן פון דעם עקסטערמינאַציע-פראָ־גראַם, מיט וועלכן עס זענען אין משך פון 14-טן י"ה ארויסגעטראָטן די קאַסטילישע „קאָרטעס" קעגן די יידן, א פאַקט, וואָס וועט אונז קלאָר ווערן אין די ווייטערדיקע אויספירן.

24 § די עקסטערמינאַציע-פּאָליטיק פון די קאַסטילישע „קאָרטעס".

אירע ערשטע שפּורן לאָזן זיך דאָקומענטאַליש פעסטשטעלן ערשט אין 13-טן י"ה. וואָס ווייטער, אלץ ברייטער ווערט זי אויסגעבויט, אלץ מער יידנפיינטלעכע פאָדערונגען וואַקסן אוים און אלץ שטאַרקער ווערט דער דרוק אויף די קעניגן.

אין דער צווייטער העלפט פון 13-טן י"ה שטעלן ארוים די „קאָר־טעס" לגבי די יידן פאָלגנדיקע 3 פאָדערונגען: 1) די רעגולירונג פון די יידישע קרעדיט-אָפּעראַציעס און די באַגרענעצונג פונם פראָצענט, וועלכן עס נעמען יידישע באַנקירן; 2) דאָס פאַרווערן די יידן, צו האָבן אין רשות ירושהדיקן ערד-באַזיץ; 3) א רעפאָרם פון דער פינאַנץ-פאַרוואַלטונג, וואָס דאַרף באַזייטיקן די יידישע שטייער-איינמאָנער און אָרענדאַרן.

וואָס שייך דער ערשטער פאָדערונג, נעמען אָן די „קאָרטעס" אין י. 1268 באַשלוסן, אז א הלוואה קאָן ביי די יידן אויפגענומען ווערן נישט מער, ווי אויף 25 פראָצ. און אז די צדדים זענען מחויב צו לאָזן פאַר־שרייבן אין די שטאָט-ביכער סיי דעם הלוואה-אָפּמאַך און סיי די שפּעט־טערדיקע געלט-אָפּצאָלונגען, אין דער קעגנוואַרט פון קריסטלעכע און יידישע עדות. אויך ווערט באַשטימט, אז בלויז דער אָרטיקער שופט איז באַרעכטיקט איבערצוגעבן דעם יידן דעם באַוועגלעכן און אומבאַוועגלעכן באַזיץ פונם בעל-חוב, אויב דער לעצטער האָט צו דער צייט נישט אָפּ־געצאָלט דעם חוב.

מיט דער צווייטער פאָדערונג זענען ארויסגעטראָטן די „קאָרטעס"

אין די יאָרן 1293 און 1297 און זיי זענען מיט איר אויסן געווען, אז די יידן זאָלן נישט בלייבן די באלעבאטים איבער ירושהדיקע לאנד־שטחים, וואָס זענען ביי זיי פארמשכונט געוואָרן דורך די קריסטן. לויט די באַטרעפנדיקע באשלוסן, האָבן געזאָלט די יידן געצוואונגען ווערן, צו פאַרקויפן אזא אומבאוועגלעכן משכון אין משך פון איין יאָר, זינט דאָס געריכט האָט זיי צוגעפסקנט דעם משכון פון דעם בעל־חוב.

מיט דער דריטער פאָדערונג טרעטן ארויס די „קאָרטעס", אין די יאָרן 1295 און 1301 און ווי ס'איז לייכט משער צו זיין, איז די פאָדערונג ארויסגערוקט געוואָרן דערעיקרשט פון דעם שטאָטישן עלעמענט, וואָס איז געווען פארטראָטען אין די „קאָרטעס". לויט דער פארלאנגטער רעפאָרם האָט געזאָלט דאָס שטייער־איינמאָנען אין די שטעט איבערגעגעבן ווערן אויסשליסלעך צו געקליבענע שטאָטישע פארטרעטער, צו די אזויגערופענע „גוטע מענער" (boni viri) און די יידישע שטייער־ארענדארן האָבן געזאָלט אינגאנצן באזייטיקט ווערן.

אין משך פון דעם 14־טן י"ה ווערן די דערמאָנטע דריי פאָדערונגען מיט א וואקסנדיקן דרוק אונטערגעהאלטן און עס קומט נאָך צו א דריי נייע פונקטן אין דעם עקסטערמינאציע־פראָגראם. די „קאָרטעס" מערקן, אז דער קעניג האָט די יידן דערלויבט אויסצובויען א ברייטע אויטאָנאָמיע און אז די אויטאָנאָמיע ווערט פון אים אויסגענוצט ווי א מין באנק־אינסטיטוציע, ביי וועלכער ער קאָן באקומען גרויסע הלוואות. ביי די יידישע קהילות, וואָס האָבן געהאט דאָס רעכט פון צעטיילן די קעניגלעכע שטייערן און אָפצאָלונגען צווישן זייערע מיטגלידער און פון איינמאָנען די שטייערן, פלעגט, נעמלעך, דער קעניג אין אן עת־צרה באָרגן גרעסערע געלטער אין דער פאָרם פון אן אוואנס אויף די שטייערן, וואָס האָבן אין א צייט ארום געזאָלט איינגעמאָנט ווערן. אזוי ארום האָט די יידישע אויטאָנאָמיע געשפילט די ראָלע פון א קעניגלעכן באנק, וועמענס תביעות ס'האָבן געהאט א דעקונג אין די קעניגלעכע שטייערן. דערדאָזיקער פינאנציעלער צוזאמענהאנג, וואָס האָט געשטיצט דעם קעניג אויף דעם וועג פון בלערליי קאָנצעסיעס פאר יידן, ווערט פאר די „קאָרטעס" אין משך פון 14־טן י"ה אלץ קלאָרער און דריבער שטרעבן זיי, אין זייער קאמף קעגן די יידן, אונטערצוזיבדן דעם יידישן אויטאָנאָמען בנין, אום אזוי ארום אויך צו צעשטערן די „יידישע באנק", וואָס האָט אין א גרויסער מאָס גורם געווען צו דער יידנפיינדלעכער פאָליטיק מצד דעם קעניג. זייער אינטערעסאנט און כאראקטעריסטיש זענען אינם דאָזיקן פרט די באשלוסן, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן פון די „קאָרטעס" אין סאָריא אין י. 1380 און אין וואלאדאָליד אין י. 1385

און וואָס פאָדערן פון קעניג, ער זאָל ביי די יידישע אויטאָנאָנע געריכטן צוגעעמען דאָס רעכט צו משפטן אין ציוויל-פראָצעסן, ווי אויך דאָס רעכט ארויסצוטראָגן אין קרימינעלע פראָצעסן א טויט-אורטייל. גלייכציייטיק פארלאנגען אויך די קאָרטעס, אז די יידישע ריכטער זאָלן נישט זיין קיין געקליבענע דורך די יידן אליין, נייערט נ אָ מ י נ י ר ט ע.

די אטענטאטן אויף דער יידישער אויטאָנאָמיע זענען געווען, ווי שוין דערמאָנט, א שפּאָגל-נייער פונקט, וועלכן די קאָרטעס רוקן ארויס ערשט אין משך פון 14-טן י"ה.

זי איז אויך די פאָדערונג, מיט וועלכער ס'זענען ארויס די „קאָרטעס" אין י. 1385, ווען זיי האָבן פארלאנגט, אז מען זאָל די יידן פארשליסן אין אָפּגעזונדערטע ג ע ט אָ ס. דעמזעלבן כאראקטער טראָגט סוף-כל-סוף אויך דער באשלוס פון די „קאָרטעס", וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין דעמזעלבן יאָר און וואָס פארלאנגט, אז די לאנד-געריכטן זאָלן נישט געבן די יידן קיין שום הילף ביים איינמאָנען זייערע געלט-תביעות פון די קריסטן.

פארגלייכט מען מיט דידאָזיקע נייע און אלטע פאָדערונגען, וועלכע די קאָרטעס האָבן ארויסגעשטעלט אין משך פון 13--טן און 14-טן י"ה, — די פאָדערונגען, וועלכע די קעניגן האָבן אין דערזעלבער צייט ארויסגעגעבן בנוגע די יידן, זעט מען, אז די קעניגן האָבן אין משך פון דער גאנצער צייט נאָכגעגעבן בלויז אין איין פונקט, דהיינו, אין דער פראגע פון „דער יידישער וואוכעריי" און דאָס אויך נאָר אין א באשרענקטער מאָס. דאָס בושעווען פון די „קאָרטעס" קעגן די יידישע שטייער-בעאמטע און ארענדארן, האָט זיך אין י. 1385 געענדיקט נישט מער, ווי מיט... א צוזאָג מצד דעם קעניג, אז ער וועט זיך מיט זיי נישט באנוצן. אלע איבעריקע ווירטשאפטלעכע פאָדערונגען פון די „קאָרטעס" זענען פון די קעניגן אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

נאָכגיביקער האָבן זיך די קעניגן ארויסגעוויזן בלויז ביים באהאנדלען פּאָסטולאטן, וועלכע די „קאָרטעס" האָבן ארויסגערוקט בנוגע דער געזעלשאפטלעכער לאגע פון די יידן. אָבער אויך אין דעם פרט פלעגן די קעניגן איינהאלטן א געוויסע מאָס, בעת די „קאָרטעס" פלעגן זיין ראדיקאל ביז גאָר. אזוי, א שטייגער, האָבן די קעניגן אָפּגעוואָרפן דעם פארלאנג פון די „קאָרטעס", אז מען זאָל די יידן איינשליסן אין געטאָס. — אין דער פראגע, ווידער, פון דעם שאנדצייכן האָבן די קעניגן געמאכט אן אויסנאם פאר יענע יידן, וואָס געפינען זיך אין וועג אויף האנדלס-נסיעות און זיי האָבן זיי פון דעם שאנדצייכן באפרייט, הגם די „קאָרטעס" האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען אזא אויסנאם. סוף-כל-סוף איז אויך כדאי צו

דערמאָנען, אז עס האָבן נישט באקומען קיין קעניגלעכע סאנקציע אזעלכע באשלוסן פון די „קאָרטעס", ווי, למשל, די באשלוסן פון י. 1315, אז דאָס עדות-זאָגן פון א יידישן עדות זאָל נישט האָבן קיין פולן ווערט אָדער אז די יידן זאָל פארווערט זיין צו טראָגן טייערע מלבושים און דאָסגלייכן.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך באקענט מיט דער שטעלונג פון די פּאָליטישע פאקטאָרן אין קאסטיליע בנוגע דער יידן-פראגע, וועלן מיר איצט באטראכטן דאָס יידישע ווירטשאפטס-בילד אינם לאנד, וועלכעס ווערט אונז אנטפּלעקט דורך די קוועלן פון דער באהאנדלטער תקופה.

§ 25 דאָס ווירטשאפטס-בילד.

אין פארגלייך מיט דעם יידישן ווירטשאפטס-לעבן, וועלכעס מיר באגעגענען אין משך פון דער באהאנדלטער תקופה אין אזעלכע אייראָפּעישע צענטערס, ווי ענגלאנד, פראנקרייך אָדער דייטשלאנד, שטעלט מיט זיך פאָר דאָס יידישע ווירטשאפטס-לעבן פון די קאסטילישע יידן א ספעציפישן כאראקטער. מיר באגעגענען דאָ יידן אויף אלע געביטן פון ווירטשאפטלעכער טעטיקייט, אינם האנדל און אינדוסטריע, אינם קרעדיט און אויף מלוכה-שטעלעס, אין דער לאנדווירטשאפט און אין דער מלאכה. לויט דער ראָלע און באדייטונג אינם ווירטשאפטס-לעבן פונם לאנד, פארנעמט צווישן די קאסטילישע יידן דעם אויבנאָן א פארהעלטנישמעסיק צאָלרייכע שיכט פון יידישע מלוכה-אָנגעשטעלטע, הויפישע באנקירן, שטייער-ארענדארן, קעניגלעכע ליפעראנטן וכדומה. זיי זענען א וויכטיקער כלי-זיין אין דער אויסערלעכער און אינערלעכער פּאָליטיק פון די קעניגן. אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק צייכענען זיי זיך אויס אלס דיפּלאָמאטן, קאָמענדאנטן פון פעסטונגען, קריגס-ליפעראנטן און אז. וו. אין דער אינערלעכער פּאָליטיק בילדן זיי פאר די קעניגן א קעגנגעוויכט קעגן די „קאָרטעס". די קאסטילישע קעניגן, שטרעבנדיק צו באפעסטיקן דעם מאָנארכיסטישן פרינציפ אינם לאנד, האָבן זיך נישט געדן באנוצט מיט מענטשן פונם פעאָדאלן אדל אָדער פונם בירגערטום אלס מלוכה-אָנגעשטעלטע. זיי זענען געווען פאראינטערעסירט, נישט צו דערלאָזן, אז דער אדעליקער און שטאָטישער עלעמענט זאָל פארכאפּן דעם פינאנץ-אפּאראט פון דער מלוכה, וואָרים דאָס וואָלט פארשטארקט די מאכט פון די „קאָרטעס", וואָס זענען געשטאנען אויף דער וואך פון די אדעליקע און שטאָטישע „פרייהייטן". אינם דינאסטישן אינטערעס פון די קעניגן איז געלעגן, צו באגרענעצן דידאָזיקע „פרייהייטן" ביז גאָר און דעריבער האָבן זיי געשטרעבט צו דערווייטערן די שיכטן, וואָס זענען

געווען רעפּרעזענטירט אין די „קאָרטעס“, פון יענע צווייגן פון דער מלוכה־פאַרוואַלטונג, וואו ס׳קאָן געשאַפן ווערן דער עמפּינדלעכסטער פּאָליטישער דרוק, און דאָס זענען תמיד געווען די פינאַנציעלע פאַרצווייגונגען פון דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע. אין די „גייערע“ ציימן, ווי אין 16־טן י״ה און אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער, פלעגן די אַבסאָלוטיסטישע דינאַסטיעס באַנוצן אַלס אָנגעשטעלטע אין דער מלוכה־פאַרוואַלטונג גע־לערנטע יוריסטן־ביוראָקראַטן און אויף אַזאַ אופן אויסמיידן דעם אדל. אין דעם פּרט האָבן די קאַסטילישע קעניגן געשאַפן אין א געוויסן זין א מוסטער נאָך מיט אייניקע יאָרהונדערטער פריער. דער אונטערשייד באַשטייט בלויז דערין, וואָס די קאַסטילישע קעניגן האָבן זיך מיטן אָנגעמערקטן מעטאָד באַנוצט אויף א באַגרענעצטן געביט פון דער מלוכה־פאַרוואַלטונג (דערעיקרשט אויף דעם געביט פון דער פינאַנץ־פאַרוואַלטונג) און האָבן מיט פאָרליבע אָנגענומען אַלס אַזעלכע ספּעציאַליסטן־ביוראָקראַטן — פאַרמעגלעכע יידן.

שוין אין דער צייט פון קעניג אַלפאָנס דעם VI־טן (11־טעם י״ה) באַגעגענען מיר דעם ייד אַמרם איבן שאַלביב, וועלכער פאַרנעמט אין זיינע הענט די שטעלעס פון א היפּדאָקטאָר, א דיפּלאָמאַט און א שטייער־אַרענדאַר. אין הויף פון דעמזעלבן קעניג ווירקט אויך דער ייד ציִדעלוס, וואָס׳מאַכט זיך א שם אַלס מעדיצין־דאָקטאָר. פונם 12־טן י״ה זענען אונז באַוואוסט פון זייער פּאָליטישער טעטיקייט אַלס הויכע מלוכה־אָנגעשטעלטע די יידן: יהודה איבן עזרא, דער פינאַנציעלער בעל־יועץ פונם קעניג אַלפאָנס VII און גלייכצייטיק אויך א פעסטונגס־קאָמענדאַנט, יוסף איבן שושן פון טאָלעדאָ, דער פינאַנציעלער בעל־יועץ פון קעניג אַלפאָנס VIII, אברהם איבן אַלפאַכאַר, א דיפּלאָמאַט און הויפּבאַנקיר פון דעמזעלבן קעניג. באַזונדערס צאָלרייך זענען געווען די יידישע מלוכה־אָנגעשטעלטע אין דער צייט פון דעם באַרימטן קעניג אַלפאָנס דעם X־טן (1252 — 1281) און זיעם קעניג סאַנכאָ דעם IV־טן (1281—1295). די דאָקומענטן פון יענער צייט ברענגען אונז א גרויסע צאָל ידיעות וועגן דער טעטי־קייט פון א רייי ערשטראַנגיקע יידישע פינאַנץ־מאַגנאַטן און הויכגע־שטעלטע מלוכה־באַאַמטע, ווי די מיטגלידער פון די משפּחות מאַלעא, הונען, אבולפיה, באַרכילאָן און אַנדערע.

דער ייד דאָן מאיר דע מאַלעא פאַרנעמט אין קעניגלעכן הויף פון אַלפאָנס דעם X־טן די שטעלע פון א שאַצמייסטער, זיינע זין, דאָן זאַג (יצחק) און דאָן יוסף זענען אָנגעזעענע באַנקירן און אַרענדאַרן פון קעניגלעכע הכנסות; דאָסזעלבע אויך דער איידעם פון דאָן

מאיר, דאָן אברהם הוגעז. פון די יאָרן 1276—1277 זענען אינז פארבליבן אייניקע אָפּמאכן, וואָס גיבן אונז א באגריף וועגן דער גרויס פון די געשעפטן, וועלכע עס האָבן געמאכט די־דאָזיקע יידישע גראנדן. די אָפּמאכן זענען נוגע ארענדעס פון כלערליי קעניגלעכע הכנסות, ווי מלחמה־שטייערן, „בקשה־שטייערן", שטייערן פון בהמות וכדומה. די ארענדע געלטער, וועלכע די דערמאָנטע גרויס־יידן צאָלן דעם קעניג, דערגרייכן די הויך פון 70.000 ביז 500.000 מאראוועדי. ביי אזעלכע גרויס־קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען זענען די פארמעגנס פון די ארענדאַרן געוואקסן אין א שנעלן טעמפּאָ, בפרט ווען מען נעמט אין אכט, אז די ארענדארן האָבן לויט די ארענדע־אָפּמאכן געהאט דאָס רעכט צוצונעמען ביים שטייער־צאָלער, וואָס איז אנטלאָפן צוליב דער שטייער־לאסט, דאָס גאנצע פארמעגן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין לאנד, זיינע פעלדער, סטאדעס, שקלאַפן וכדומה.

ניט קלענער איז געווען דער געשעפטלעכער פארנעם פון דאָן אברהם על בארכילאָן, וועלכער נעמט אין י. 1284 אין ארענדע פארשיידענע קעניגלעכע אָפּצאָלונגען — פאר אן ארענדע־פּרייז פון 1.400.000 מאראוועדי.

פון דער משפחה אבולפיה זענען אונז דעם 13־טן י"ה באוואוסט דריי מענער, אלע מיט דעם נאָמען טודרוס, וואָס האָבן געשפּילט א באדייטנדיקע ראָלע אלס הויפישע באאמטע. דעם ערשטן פון זיי באגעגענען מיר ארום י. 1224: ער שטייט דעמאָלט אין באציונגען מיט דעם קאסטילישן הויף און ווערט כאראקטעריזירט אלס מאן, וואָס האָט געשמט מיט זיינע גייסטיקע און מאטעריעלע אוצרות. דער צווייטער איז דער זון פון ר' יוסף אבולפיה און ער ווירקט אין קעניגלעכן הויף אלס אָפיציעלער פארטרעטער פונם קאסטילישן יידנטום. דער דריטער טרעט ארויס אין די יאָרן 1247—1306 אלס קעניגלעכער אָנגע־שטעלטער און ער ווערט באצייכנט אלס „שר", וואָס געוועלטיקט מיט די קעניגלעכע פינאנסן.

אין ענלעכער בילד געפינען מיר אויך אין 14־טן י"ה: בעת דער רעגירונגס־צייט פון קעניג פערדינאנד IV (1295—1312) ווירקן אין הויף די יידן: דאָן שמואל און ר' יהודה אברבנאל פון סעווילא. דער ערשטער פארנעמט די שטעלע פון א שאצמייסטער, דער צווייטער — די שטעלע פון א הויף־באנקיר און ארענדאר פון קעניגלעכע אָפּצאָלונגען. ווען דער קעניג האָט אין י. 1310 אויפגענומען א גרעסערע הלוואה, איז ר' יהודה אברבנאל געווען איינער פון די, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די גאראנטיע, אז דער קעניג וועט דאָס געלט פּינקטלעך

אָפּדעקן. אונטער אַלפאָנס דעם XI־טן (1312—1350) באַגעגענען מיר בראַש פון דער פינאַנץ־פאַרוואַלטונג די יידן: יוסף בענוועניסטע און שמואל איבן וואַקאַר. דער ערשטער פאַרנעמט די שטעלע פון א שאַצמייסטער, דער צווייטער האַלט אין אָרדענונג די קעניגלעכע מינץ און די צאָל־אָפּצאָלונגען, וואָס ווערן גענומען פון די סחורות, וועלכע מען אימפּאָרטירט פון דעם אַראַבישן קעניגרייך גראַנאַדאַ. אין דער כראָניק „שבט יהודה", קאָן מען וועגן ר' יוסף בענווענישטע לייענען אַזאַ אינטערעסאַנטע שילדערונג: „ער איז געווען פון גאָט באַשאָנקען מיט גייסטיקע אוצרות און ער האָט א דאַנק דעם געהאַט א צוטריט צום הויף. דער קעניג האָט אים אָנגעטרויט דאָס איינמאָנען פון די שטייערן. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געווען אָנגעשטעלט ביים קעניג, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ערלעכקייט און מיט זיין גוטן קאָפּ. ער האָט פאַרשטאַנען מוזיק, זיין אויסערלעכקייט איז געווען זייער שיין און גאָט איז געווען מיט אים. דער קעניג האָט אים, א דאַנק דער פריי־שאַפט זיינער, געשטעלט בראַש פון דער מלוכה... און ער איז געווען דער צווייטער נאָך דעם קעניג און דער ערשטער צווישן די יידן. יוסף האָט געהאַט פינפציקער דינער, זיי האָבן געגעסן ביי זיין טיש. ער האָט געהאַט זיינע אייגענע וועגן און פערד און 50 ריטערס, וואָס האָבן אים באַגלייט." וועגן שמואל וואַקאַר לייענען מיר אין דערזעלבער קוועלע, אַז ער האָט געשמט „אַלס גרויסער געלערנטער, קעניגלעכער בעל־יועץ און אַסטראָנאָם" און „אַז זיינע אויפטוען זענען פאַרשריבן אין די היסטאָרישע ביכער פון די קאַסטילישע קעניגן."

זייער טראַגיש איז געווען דער סוף פון ביידע גרויסע יידן. די „קאָרטעס", וואָס האָבן — ווי עס איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן — געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף קעגן די הויכגעשטעלטע יידן, האָבן אין י. 1337 אַרויסגעטראָגן דעמדאָזיקן קאַמף אין גאַס. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן א גאַנצע העצע קעגן יוסף בענווענישטע און שמואל איבן וואַקאַר, וועלכע מען האָט באַשולדיקט, אַז זיי שאַפן אַן אומ־דערטרעגלעכן שטייער־דרוק און אַז זיי ברענגען אין אומלויף מינדער־ווערטיק געלט, וואָס דאָס רופט אַרויס א יקרות אין לאַנד. מיט דער העצע האָט אָנגעפירט א געוויסער גאָנזאַלאָ מאַרטינעז, א געוועזענער דינער ביי יוסף בענווענישטע. סוף־כל־סוף זענען ביידע אָנגע־זעענע יידן איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה, וואו זיי זענען אין א קורצער צייט אַרום געשטאָרבן. זייערע פאַרמעגנס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן דורכן קעניג. ביי שמואל איבן וואַקאַר האָט דער קעניג, לויט דעם

באריכט פון „שבט יהודה", געפונען „א סך זילבער און גאָלד און א גרויסן אוצר"...

נישט געקוקט אויף דער פארשטארקטער אקציע מצד די „קאָרטעס", באנוגענען מיר יידן אויף הויכע שטעלעס פון דער פינאנץ־פארוואלטונג אויך בעת דער צווייטער העלפט פון 14־טן י"ה. אונטער פעדראָ דעם ־טן (1350—1369) שפילט א גרויסע ראָלע אין דער אלגעמיינער פאָליטיק פונם לאנד דער ייד שמואל בן מאיר אבולפיה, וועלכער פארנעמט די שטעלע פון א קעניגלעכן שאצמייסטער. אין י. 1360 ווערט ער צוליב הויפישע אינטריגעס ארייננעוואָרפן אין תפיסה און דער קעניג קאָנפיסקירט זיין גרויס פארמעגן, וואָס האָט, לויט א באריכט פון יענער צייט, באטראָפן 230.000 דובלאָנען (לערך א מיליאָן און א פערטל דאָלאר).

אונטער הייגריך דעם II־טן (1309—1379) פירן אָן מיט וויכטיקע צווייגן פון דער מלוכהשער פינאנץ־פארוואלטונג די יידן: יוסף פיכאָן פון סעווילא און שמואל אביבאליה. דער ערשטער איז געווען אן ארענדאר פון קעניגלעכע שטייערן און ער האָט אלס איינמאָנער פון די יידישע שטייערן געהאנדלט קעגן די אינטערעסן פון דער יידישער אויטאָנאָמיע. אזוי ווייט, אז דאָס יידישע אויטאָנאָמע געריכט האָט אים פערמשפט צום טויט (1379). שמואל אביבאליה איז ארום י. 1374 געווען קעניגלעכער שאצמייסטער און בעל־יועץ.

ווייניקער געטרוי, ווי איבער דער ווירטשאפטלעכער טעטיקייט פון די הויפישע יידן, ווערן מיר דורך די קוועלן אינפאָרמירט אין באצוג צו די יידן, וואָס האָבן זיך נישט דערשלאָגן צו קיין מלוכה־שטעלעס און וואָס פון זיי איז באשטאנען דער רוב בנין און מנין פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קאסטיליע. דאָ ווייטער ברענגען מיר א ריי פון יענער צייט פארבליבענע ידיעות, וואָס אילוסטרירן אונז אין אלגעמיינע שטריכן זייער ווירטשאפטס־לעבן.

מיר הויבן אָן פון דעם יידישן ערד־באזיץ. גענויערע ידיעות באזיצן מיר וועגן אים ערשט פונם אָנהויב פון 13־טן י"ה. לויט א קוועלע, וואָס שטאמט פאר דער צייט פון קעניג פערדינאנד III (1230—1252), האָבן די יידישע ערד־באזיצער געמוזט צאָלן למובת דער קירך א ספעציעלן ערד־שטייער, וואָס האָט באטראָפן א זעקסטל גאָלדשטיק פון יעדן פארהייראטן, ווי אויך פון יעדן אומפארהייראטן יידן, וואָס האָט געציילט מער, ווי 20 יאָר. אויפן יידישן באָדן האָבן איינאיינעם מיט יידן געארבעט קריסטלעכע ארבעטער און שקלאפן. דאָס באנוצן קריסטלעכע שקלאפן פלעגט מצד דער קירך און די „קאָרטעס" ארויסרופן נסדרדיקע

פּראָטעסטן, און דאָס האָט גורם געווען דערצו, אז אין דער באריממער קאָדיפיקאציע „Siete partidas“ וואָס איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרן אונטער די קעניגן פערדינאַנד III און אלפאָנס X (1252—1282), איז אריינגעשטעלט געוואָרן א באשטימונג, לויט וועלכער ס'ווערט פארווערט די יידן צו באשעפטיקן קריסטלעכע שקלאפן סיי ביי פעלד־ארבעטן, סיי אין דער שטוב. דערדאָזיקער פארבאָט איז אָבער אריין אין קראפט ערשט אין י. 1348, וואָרים ערשט דעמאָלט האָט די דערמאָנטע קאָדי־פיקאציע באקומען די געהעריקע סאנקציע. אין משך פון 13-טן י״ה פּרואוון די „קאָרטעס“ און די קירך אויך אויף אנדערע אופנים צו באַ־שווערן דעם יידישן ערד־באזיץ, אָבער דאָס גיט זיך זיי נישט איין א דאנק דער יידן־פריינטלעכער שטעלונג פון די קעניגן (פארגלייך די באשלוסן פון די „קאָרטעס“ אין די יאָרן 1293 און 1297, ביי וועלכע מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דעם אָפּשניט וועגן דער עקסטערמינאציע-פּאָליטיק פון די „קאָרטעס“). דער יידישער ערד־באזיץ האָט זיך אין קאסטיליע כסדר פארמערט. אין א גרויסער מאָס האָבן דערצו גורם געווען די יידישע קרעדיט־געשעפטן אויף היפּאָטעקן, וואָרים דאָס אומבאוועגלעכע פארמעגן פון די קריסטן, וועלכע האָבן צו דער צייט נישט באצאָלט די יידישע תביעות, פלעגן אריבערגיין אין רשות פון די יידישע קרעדיט־געבער. אן אָפּשפּיגלונג פון דידאָזיקע פארהעלטענישן געפינען מיר אין די וויכוחים, וואָס האָבן זיך געפירט צווישן די יידן און קריסטן אונטער אלפאָנס דעם XI (1312—1350). אין איינעם פון דידאָזיקע וויכוחים, וואָס ווערן געבראכט אין „שבט יהודה“, ווארפן פאָר די קירכלעכע פאָר־שטייער די יידן, אז זיי זענען געוואָרן גרויסע עשירים, א דאנק די וואוכעריי־געשעפטן, צוגעמענדיק ביי די קריסטן אויפן חשבון פון די שולדיקע צינזן „פעלדער, אָקסן און אנדערע בהמות“. דער יידישער ערד־באזיץ האָט געצאָלט, לויט דיזעלבע טענות, ארומגענומען „דריי חלקים פון אלע פעלדער און נחלאות אין גאנץ שפּאניע“. ווי איבערגעטריבן עס זאָלן נישט זיין דידאָזיקע תביעות, לאָזן זיי פונדעסטוועגן משער זיין, אז דער יידישער ערד־באזיץ האָט אין יענער צייט געמוזט זיין זייער אן אָנזעעוודיקער. צו זיין פארגרעסערונג האָט, א חוץ די שוין דערמאָנטע קרעדיט־געשעפטן, אויך מיטגעהאָלפן דער חסד פון די קעניגן, וועלכע פלעגן נאָך יעדער נצחון איבער די מאכמעדאנער צעטיילן צווישן די פּראָטע־זשירטע יידן שטיקער פונם צוריק־געוואונענעם באָדן. אזוי, א שטייגער, ווערט אונז איבערגעגעבן, אז אלפאָנס דער X-טער האָט נאָך דער דערא־בערונג פון כערעס דע לא פראָנטערא אין י. 1266 געשטעלט אין רשות פון די יידן גרעסערע שטחים באָדן. צווישן די מיט באָדן באַ־

שאַנקעגע ייִדן האָט זיך דעמאָלט געפֿינען אַ מיטגליד פֿון דער פּראָמי־נענטער משפּחה אבולפיה, מיטן נאָמען יוסף, וועלכער האָט אַ חוץ דעם נאָך געהאַט פּלעצער און גערטנער אין סעווילא. נישט געקוקט אויף דעם פֿאַרשטאַרקטן דרוק, מיט וועלכן עס טרעטן אַרויס די „קאָרטעס" אין משך פֿון 14־טן י"ה, זענען די ייִדן געבליבן אומגעשטערט ביי זייער ערד־באַזיץ אויך אין פֿאַרלייף פֿונם דאָזיקן יאָרהונדערט. באַזונדערס העפֿטיק איז געווען דער אָנגריף פֿון די „קאָרטעס" אויף דעם ייִדישן ערד־באַזיץ אין יאָר 1348, אָבער דער קעניג האָט נישט בלויז נישט נאָכגעגעבן די פֿאָדערונגען פֿון די ייִדן־פֿיינט, נאָר ער האָט אפילו באַוויליקט די ייִדן, צו פֿאַרגרעסערן זייערע ערד־באַזיצונגען אויף ביידע ברעגן פֿונם טייך דוערא ביז צום ווערט פֿון 50.000 מאַראַוועדי. אַן אַנטשיידנדיקע ווענדונג באַווייזט זיך אין דידאָזיקע פֿאַרהעלטענישן ערשט ביים אָנהויב פֿון 15־טן י"ה. דאָס גייט אָבער שוין נישט אַריין אין די ראַמען פֿון אונזערע איצטיקע באַטראַכטונגען.

ווי ס'ווייזט אויס, האָט ביי די קאַסטילישע ייִדן געבליט אויך די האַנטווערקערייי צוגלייך מיט דער לאַנדווירטשאַפֿט. אמת, מיר פֿאַרמאָגן ווענן דער האַנטווערקעריי ווייניק ידיעות, אָבער דאָס לאָזט זיך בלויז דערמיט דערקלערן, וואָס זי האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ באַשעפֿטיקונגס־צווייג, וואָס האָט נישט אַרויסגערופֿן קיין אָפּאָזיציע — און דעריבער איז זעלטן ווען געווען אַ געלעגנהייט, אַז די קוועלן, ווי, אַ שטייגער, די כראָניקער אָדער די באַשלוסן פֿון די „קאָרטעס" זאָלן זיך פֿאַרהאַלטן ביי איר. פֿון אַ פֿאַראָרדענונג, וועלכע די שטאָט סעווילא האָט אַרויסגעגעבן אין 13־טן י"ה, דערוויסן מיר זיך, אַז די ייִדישע האַנטווערקער פֿלעגן האַלטן אייגענע פֿאַרקויף־שטעלעס אין דעם שטאָטישן „באַזאַר" און פֿאַרקויפֿן דאָרט זייערע אויסאַרבעטונגען. דעם אויבנאָן האָבן צווישן די ייִדישע האַנטווערקער פֿאַרנומען, ווי ס'ווייזט אויס, די גאָלד־שמידן און שניידער. ייִדישע גאָלד־שמידן ווערן אין אַ קאַסטילישן דאָקומענט דערמאָנט שוין אין י. 1100. בעת די וויכּוחים מיט די ייִדן־פֿיינט זענען אין קאַסטיליע אַרויסגעטרעטן, לויט די באַריכטן פֿון „שבט יהודה", אויך ייִדישע שניידער און גאָלדשמידן. אַ ראיה, אַז צווישן זיי פֿלעגן טרעפֿן לומדים און געניטע דיספּוטאַנטן. ווענן איינעם אַ ייִדישן האַנטווערקער, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ שם אַלס געלערנטער און אַלס אויטאָריטעט אין זיין פֿאַך, זענען אונז פֿאַרבליבן אייניקע אינטערעסאַנטע ידיעות פֿונם 13־טן י"ה. ער האָט געהייסן שמואל הלוי אבולפיה און האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט מעכאַניק. לויט אַן אויפֿטראַג פֿונם קעניג אַלפֿאָנס דעם X־טן, האָט ער אין

מאַלעדאָ קאָנסטרואירט א וואונדערפולן וואסער־זייגער און האָט אויך, אויף דער באשטעלונג פונם קעניג, איבערגעזעצט פון אראביש אויף שפאניש א ווערק וועגן מעכאניק. ער האָט אויך אליין אָנגעשריבן אייניקע אָפּהאנדלונגען וועגן מעכנישע ענינים און האָט מיטגעווירקט ביים איבערזעצן אראבישע ווערק וועגן אסטראָנאָמיע.

פונקט ווי די יידישע האנטווערקעריי, האָט אויך דער יידישער האנדל זעלטן ווען געגעבן א גרונט צו דער אָפּאָזיציע מצד דער קאַסטילישער באפעלקערונג. בכלל האָט דער האנדל אין קאסטיליע געשפילט בעת דער באהאנדלטער תקופה א קליינע ראָלע: דאָס לאנד האָט זיך דערעיקרשט געשטיצט אויף דער אגראר־ווירטשאפט, און די אנטוויקלונג פון שטאָטישן לעבן איז דאָ געווען שטארק באשווערט צוליב דעם דרוק פון די קעניגלעכע שטייערן און כלערליי אָפּצאָלונגען. די שטעט זענען אין קאסטיליע נאָך ביים אָנהויב פון 14־טן י״ה געווען קליינע און זייער באפעלקערונג האָט ס׳רוב געלעבט פון לאנדווירטשאפט, ווי גערטנעריי, פי־צוכט וכדומה. די אנטוויקלונג פונם האנדל איז אין קאסטיליע אין א גרויסער מאָס געשטערט געוואָרן, א חוץ די שוין דערמאָנטע סיבות, אויך צוליב דער געאָגראפישער לאגע פונם לאנד. קאסטיליע האָט געפעלט א באַריר מיטן ים און דעריבער האָט זיך דאָ דער האנדל געקאָנט אנטוויקלען בלויז אין די גרענעצן פון דער מלוכה. פאר אן אויסלענדישן האנדל האָבן דאָ געפעלט די נויטיקע פאָרבאדינגונגען.

וואָס שייך דעם האנדל פון די קאסטילישע יידן, לאָזט זיך וועגן אים בלויז אזוי פיל זאָגן, אז ער האָט אויך זיך געטראָגן דעם שטעמפּל פון די געשילדערטע אלגעמיינע באדינגונגען. להיפוך צו די אראגאָנישע יידן באגעגענען מיר די קאסטילישע יידן אינגאנצן נישט אין אויסלענדישן האנדל. זיי האנדלען און וואנדלען כמעט אויסשליסלעך אין די ראמען פון דער מלוכה און זיי געניסן דערביי פונם קעניגלעכן שוץ. זייער האנדלס־פרייהייט איז אומבאגרענעצט און אין די האנדלס־פריווילעגיעס, וואָס גייען ארויס פון דער קעניגלעכער קאנצעלאריע, ווערן זיי געשטעלט אין איין ריי מיט די קריסטן און מאָריסקער. לויט א פריווילעגיע פונם קעניג אלפאָנס דעם X־טן (צווייטע העלפט פונם 13־טן י״ה) ווערט די יידן, וואָס באטייליקן זיך אין די ירידים אין סעווילא, געזיכערט דיזעלבע באוועגונגס־פרייהייט „אויפן וואסער און אויף דעם לאנד", ווי די קריסטן און מאָריסקער. „א יעדער, וואָס וועט זיך דערוועגן ארויסצוטרעטן קעגן זיי מיט געוואלד און אומרעכט, וועט באשטראָפט ווערן מיט א געלטשטראָף פון 1000 מאראוועדי". פון א קעניגלעכער פאָראָרדענונג פונם י. 1253 דערוויסן מיר זיך, אז די יידן פון באדאכאָז

Badajoz און פון דער ארומיקער געגנט האָבן געהאנדלט מיט „שטאָפן, בהמות און אנדערע זאכן" און אז זיי האָבן דערפון געצאָלט לטובת דעם קעניג א פארמעגנס־שטייער, וואָס האָט באטראָפן דעם 11־טן טייל פון די פארקויפטע סחורות. לויט א סטאטוט פון י. 1297, וואָס איז חל געווען אויף דער שטאָט וואלאדאָליד, האָבן דאָרט די יידן אינאיינעם מיט אנדערע סוחרים געצאָלט א שטייער פאר ארייננפירן אין שטאָט אריין אזעלכע געברויכס־ארטיקלען, ווי אייער, וויין, מאָסט (יינגער וויין) וכדומה.

אָן אן ערך בעסער, ווי וועגן דעם האנדל, ווערן מיר דורך די קוועלן אינפאָרמירט וועגן די קרעדיט־אָפּעראציעס פון די קאסטילישע יידן. און דאָס איז אויך קיין חידוש נישט, ווען מען נעמט אין אכט, אז דאָס יידישע קרעדיט־געשעפט איז געווען איינס פון די וויכטיקסטע שטריים־פונקטן, מיט וועלכע די „קארטעס" פלעגן ארויסטרעטן אין זייער קאמף קעגן די יידן.

פון די ידיעות, וואָס זענען אונז פארבליבן וועגן דער יידישער „וואוכעריי" אין קאסטיליע, לאָזט זיך ארויסדרינגען, אז דער יידישער קרעדיט האָט דאָ לגמרי נישט געהאט יענעם בלוט־זויגערישן, דעספּרוקטיוון כאראקטער, וועלכן ער האָט, א שטייגער, באקומען אין ענגלאנד, פראנקרייך אָדער דייטשלאנד, וואו זיין לעצטער ציל איז געווען וואָס מער צו באַרייכערן... דעם שוצהאר. אדרבה, עס לאָזט זיך פעסטשטעלן, אז די יידישע קרעדיט־געשעפטן פלעגן ווייניק אויסגענוצט ווערן דורך די קאסטילישע קעניגן פאר רויב־צוועקן און אז זיי האָבן זיך דעריבער געקאָנט פארוואנדלען אין א נוצלעכער און נאָרמאלער ווירטשאפטלעכער פונקציע. אין קעגנזאץ צו אנדערע לענדער, וואו דער דערלויבטער פּראָצענט פון יידישע הלוואות איז געווען אן אומגעהויער גרויסער (פון 50 ביז 300% און מער), האָט די נאָרמע אין קאסטיליע באטראָפן 33 און א דריטל פּראָצענט. אזא הויך פונם געזעצלעכן פּראָצענט האָט פאָרגעשריבן די יידישע קרעדיט־אָפּעראציעס א קעניגלעכער דעקרעט פון י. 1253. די „קאָרטעס" האָבן דעם פּראָצענט געפרואווט אראָפּצודריקן אויף 25 פּראָצענט (די באשלוסן פון י. 1268), אָבער דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן און עס איז „געבליבן ביזן אָנהויב פון דעם 14־טן י"ה ביי 33 און א דריטל פּראָצענט. א צווייטע נאָרמע, וואָס האָט גורם געווען דערצו, אז דאָס יידישע קרעדיט־געשעפט זאָל אין קאסטיליע נישט פארווילדערט ווערן, איז באשטימט געוואָרן דורך דעם קעניג סאנכאָ V אין י. 1293. לויט דערדאָזיקער נאָרמע האָבן די יידן געמוזט אָפּנעמען ביי די בעלי־חובות זייערע תביעות און פּראָצענטן שפּעטסטנס

אין משך פון 6 יאָר, אנישט זענען די תביעות און פּראָצענטן פאַר־פאַלן געוואָרן. דערמיט איז געשאפן געוואָרן א גרענעץ פאר דעם אָנוואוקס פון פּראָצענטן און עס איז אָפּגעטעמפּט געוואָרן דער שאַרף, וועלכן עס קאָנען האָבן פאר דעם ווירטשאפטס־לעבן לאַנג־יאָריקע חובות מיט כסדר וואקסנדיקע ציגזן. אויך אינם דאָזיקן פּרט האָבן די „קאָרטעס" געשטרעבט צו הנחות און זיי האָבן, א שטייגער, אין י. 1299 פארלאנגט, אז מען זאָל דעם טערמין אראָפּרוקן ביז 4 יאָר אנשטאט ביז 6 יאָר, אָבער דאָס האָט זיך זיי פּונקט אזוי וויניק איינגעגעבן, ווי דאָס שטרעבן צו א פארקלענערונג פונם ציגז־פוס.

דער אלגעמיינער איינדרוק, וועלכער באקומט זיך פון די פאַרבלי־בענע ידיעות וועגן די יידישע קרעדיט־אָפּעראַציעס אין קאסטיליע, איז דער, אז דער יידישער קרעדיט האָט דאָ געדינט בדרך כלל פאר פּראָ ד ו ק ט י ו ו ע צ ו ו ע ק ן און ער האָט אין א גרויסער מאָס געהאָלפן אויסצובויען די קאסטילישע לאנדווירטשאפט, מחמת מיט אים פלעגן זיך דערעיקרשט באנוצן פּריצים און פּויערים.

אמת, עס פלעגן אויך פאָרקומען פאלן פון לייכטזיניקן קאָנסום־קרעדיט, זיי זענען אָבער געווען א זעלטנהייט. די לייכטזיניקע בעלי־חובות האָבן זיך רעקרוטירט געוויינלעך פון דעם אדל־קלאס, וועלכע־פלעגט דאן אויסאיבן א דרוק אויף דעם קעניג, אז ער זאָל בכלל פאר־ביטן די יידישע וואוכעריי און סקאסירן די יידישע תביעות.

די ערשטע דערפאָלגן דערגרייכט דער אדל אינם דאָזיקן פּרט ערשט אין 14־טן י"ה. אין יאָר 1329 רעדוצירט דער קעניג אלפאָנס דער IX־טער דעם יידישן ציגזן־פוס אויף 25% און אנולירט א פערטל פון אלע יידישע תביעות און ציגזן. דאָס אז געווען דער ערשטער פאָרשטוים קעגן דער יידישער וואוכעריי. דער צווייטער קומט אין י. 1348 און ער דערפירט צו אן אלגעמיינעם פארבאָט פון וואוכעריי, וואָס איז חל געווען נישט בלויז אויף יידן, נאָר אויך אויף די וואוכערער פון קריסטלעכן און מאכמעדאנישן גלויבן. דער פארבאָט האָט ארויסגערופן גרויסע שוועריקייטן אין דער ווירטשאפט, מחמת דער יידישער פּראָדוקטיווער קרעדיט האָט זיך ארויסגעוויזן אלס א לעבנס־נויטווענדיקייט פארן לאנד. אלס א באוויז קאָן אונז דינען די פּאָלעמישע ליטעראטור צווישן די יידן און קריסטן, וואָס האָט אויפגעבליט אין צוזאמענהאנג מיט דעם דער־מאָנטן וואוכעריי־פארבאָט פון י. 1348. די קריסטן ווארפן אין איר פאָר די יידן, אז זיי האָבן צוגענומען מיטן כוח פון וואוכעריי־געשעפטן ביי א סך מענטשן זייערע פעלדער און בהמות. ענטפערן דערויף די יידן, אז זינט דעם וואוכעריי־פארבאָט פארנעמען זיי זיך בכלל נישט מיט דער־

דאָזיקער פּרנסה. אמת איז בלויז, „אז מיט א קורצער צייט צוריק זענען זיי געצוואונגען געוואָרן דורך פאַרשידענע מענטשן, צו באָרגן זיי געלט אויף ציגזן, ווארים אגישט וואָלטן דידאָזיקע מענטשן נישט געהאט מיט וואָס צו פאַרזייען די פעלדער" („שבט יהודה"). אין דעם קרימישן י. 1348 איז אויך ארויסגעגעבן געוואָרן פונם קעניג א פאַראָרדענונג וועגן אַנולירן א פערטל פון אלע יידישע תביעות און ציגזן. א ווייטערע רע־דוקציע פון יידישע תביעות און ציגזן קומט פאָר אין י. 1371 און זי נעמט ארום א דריטל פון די אויסגעבאָרגטע געלטער און פּראָצענטן. דאָס איז גלייכצייטיק די לעצטע רעדוקציע, וואָס איז אונז באוואוסט פון דער באהאנדלטער תקופה.

וואָס שייך דער פּאָרם, אין וועלכער ס'פּלעגן פאָרקומען די יידישע הלוואה־אָפּמאכן, לאָזט זיך פון די קוועלן ארויסדרינגען, אז די קאסטי־לישע יידן האָבן געבאָרגט ס'רוב אויף היפּאָטעקן און שולד־בריוו, דאקעגן אין א קלענערער מאָס אויף באוועגלעכע משכנות.

ווי א זייער כאראקטעריסטישער שטריך דאַרף סוף־כל־סוף אונטער־געשטראָכן ווערן א פּרט, וואָס חזרט זיך איבער אין א ריי קעניגלעכע דעקרעטן און באשטימונגען פון די „קאָרטעס", דהיינו, אז די יידישע וואוכערער ווערן דאָ דערמאָנט לעבן די וואוכערער־קריסטן און מאָרים־קער, א ראיה, אז די וואוכעריי איז אין קאסטיליע לגמרי נישט געווען קיין מאָנאָפּאָל פון די יידן!

קאַפּיטל בײַן

דער סאָציאַלער און ווירטשאַפטלעכער מצב פון די שפּאַנישע יידן אין דער צייט פון 11-טן יאָרהונדערט ביז דעם יאָר 1391

(המשך)

§ 26 **די יידישע באַפעלקערונג אין אַראַגאָניע: איר גרויס און צוזאַמענשטעל.**

די צווייטע גרויסע מלוכה, וואָס איז אויפן שפּאַנישן האַלבאינזל אנטשטאַנען נאָכן צוזאַמענבראָך פון דער מאַכמעדאַנישער ממשלה, איז געווען דאָס קעניגרייך אַראַגאָניע, לעבן שפּאַניע, לכתּחילה אַ קליינע גראַפשאַפט אין די צפון-בערג פון שפּאַניע, הויבט אָן אַראַגאָניע איר גרויסע „רעקאָנקוויסטאַ" (צוריק-דעראָבערונג) אין משך פון 11-טן י"ה און דערגרייכט די גרעסטע עקספּאַנסיע ביים סוף פון 13-טן י"ה. די וויכטיקסטע עטאַפּן פון דער אַראַגאָנישער עקספּאַנסיע זענען אין אונזער תּקופה געווען: די **פאַראייניקונג** פון אַראַגאָניע מיט דער **גראַפשאַפט באַרצעלאָנע**, וואָס קומט פאָר אין יאָר 1157; די **דעראָבערונג** פון די **באַלעאַרן-אינזלען** אין די י"י 1224—1233; די **דעראָבערונג** פון **וואַלענציאַ** אין יאָר 1238; די **דעראָבערונג** פון **כאַטיוואַ** (Xatiwa) אין דרום-זייט פון **וואַלענציאַ** אין יאָר 1244; די **דעראָבערונג** פון **סיציליע** אין יאָר 1282.

אין אונזערע ווייטערדיקע אויספירן וועלן מיר נעמען אין באַטראַכט די יידישע ישובים אין די אַראַגאָנישע באַזיצונגען אויפן שפּאַנישן האַלבאינזל, ווי אויך די אַראַגאָנישע אינזלען אַ חוץ **סיציליע**. ביי וועלכער מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אין אַן אַנדערן צוזאַמענהאַנג.

די אָנגעמערקטע עטאַפּן פון דער אַראַגאָנישער עקספּאַנסיע באַציי-כענען איגאַיינעם די אַנטוויקלונגס-פּעריאָדן פון דער יידישער באַפעלקע-רונג אונטער ד'ער אַראַגאָנישער ממשלה לויט איר גרויס און פאַרשפּריי-טונג. מיט יעדן שטיק דעראָבערטן שטח, קומען צו נייע יידישע ישובים,

וואָס האָבן דאָרט עקזיסטירט פון פריער. א חוץ דעם ווירקט אויך אויף דער פארגרעסערונג פון דער יידישער באפעלקערונג אין אראגאָניע די איינוואנדערונגס-באוועגונג פון די יידן אויס צפון-אפריקע און פראנקרייך, וואָס לאָזט זיך דאָ פעסטשטעלן ביים אָנהויב פון 13-טן און ביים אָנהויב פון 14-טן י״ה. אזוי, א שטייגער, איז באוואוסט, אז דער אראגאָנישער קעניג יאקאָב I (1213—1276) האָט נאָך דער דעראָבערונג פון וואלענציא (1238) ארייננגעבראכט אין זיין מלוכה א סך יידן פון פעז און מאראָקאָ. פונקט אזוי איז אויך באוואוסט, אז דער קעניג יאקאָב II האָט אין י. 1306 אויפגענומען אין אראגאָניע א גרויסן טייל פון די יידן, וואָס זענען דעמאָלט ארויסגעטריבן געוואָרן פון פראנקרייך. דעם גרעסטן אויפבלי דערגרייכט די יידישע באפעלקערונג אין אראגאָניע אין דער צווייטער העלפט פון דעם 13-טן און ביים אָנהויב פון 14-טן י״ה. אין שטייער-רשימות און אנדערע דאָקומענטן, וואָס זענען פארבליבן פון אָט דער צייט, ווערן דערמאָנט לערך 160 יידישע קהילות אין אראגאָניע (א חוץ סיציליע). דערפון האָבן עקזיסטירט:

1) אין די צפונדיקע פראָווינצן רוסילאָן, צערדין		
(Cerdagne) און קאטאלאָניע	75	קהילות
2) אין דער פראָווינץ אראגאָניע	45	„
3) אין דער דרומדיקער פראָווינץ וואלענציא	28	„
4) אויף די באלעארן-אינזלען	9	„
צוזאמען:	157	„

די צאָלרייכסטע יידישע באפעלקערונג האָט געלעבט אין די צפון-טיילן פון דער מלוכה (בפרט אין קאטאלאָניע) ווי אויך אויף די באלעארן-אינזלען; דאָ האָבן אויך עקזיסטירט די פארמענלעכסטע קהילות, ווי בארצעלאָנא, געראָנא, פערפיגנאָן, מאלארקא. אמשוואכסטן איז געווען באוואוינט דורך יידן די דרומדיקע פראָווינץ וואלענציא, וואָס איז אויך צום לענגסטן געווען אונטער דער אראבישער הערשאפט (ביז 1238—1244); צו די גרעסטע קהילות האָבן אין דערדאָזיקער פראָווינץ באלאנגט אלבאידא, כאטיווא, גאנדיא און וואלענציא. אין דער מיטלער פראָווינץ אראגאָניע איז די יידישע באפעלקערונג געווען באדייטנדיק גרעסער (און רייכער), ווי אין דער פראָווינץ וואלענציא, הגם נישט אזוי צאָלרייך (און פארמעגלעך), ווי אין דעם צפונדיקן קאטאלאָניע און אויף די באלעארן-אינזלען. צו די גרעסטע

קהילות אין דער פּראָווינץ אראַגאָניע האָבן באַלאַנגט: סאַראַגאָסאַ, קאַלאַטאַיוּד, הועסקאַ, באַרבאַסטראַ און טאַראַזאָנאַ.

וואָס שייך דער גרויס פון די קהילות, זענען אונז א ביסל ציפערן פאַרבליבן בלויז לגבי אייניקע יידישע ישובים אין די צפונדיקע פּראָווינצן און אויף די באַלעאַרן־אינזלען: אזוי, א שטייגער, איז באַוואוּסט, אז די קהילה אין באַרצעלאָנאַ, וואָס האָט אין י. 1079 געציילט קוים 40 משפחות, האָט פאַרמאָגט אין 14־טן י"ה א יידישע באַפעלקערונג פון לערך 1000 משפחות, וואָס ז'אָס האָט באַטראָפן עטוואָס ווייניקער ווי א זיבעטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין דער שטאָט. אין מאַנ־רעזא האָבן געלעבט אין י. 1359 — לערך 90 יידישע משפחות (א פינפטל פון דער באַפעלקערונג אין דער שטאָדט); אין טאַרעגאַ האָבן אין דערזעלבער צייט געוואוינט 70 יידישע משפחות (א דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין דער שטאָדט); אין אַמער 80 יידישע משפחות און אז. וו. די קהילה אין מאַלאָרקאַ האָט געציילט ביים סוף פון 14־טן י"ה איבער 1000 משפחות.

מאַנכע געלערנטע האָבן געפּרוּווט צו באַרעכענען די גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער אראַגאָנישער מלוכה אויפן סמך פון די אויפגעהיטע שטייער־רשימות פון 13־טן און 14־טן י"ה. זיי זענען אָבער דערגאַנגען צו גאַנץ פאַלשע רעזולטאַטן, מחמת די רשימות באַלאַנגען נישט צו קאָפּ־שטייערן, וואָס וואָלטן געקאָנט דינען אלס באַזע פאַר באַרעכענונגען (א קאָפּ־שטייער איז אין 13־טן י"ה געווען איינגעפירט בלויז פאַר די קהילות אויף די באַלעאַרן־אינזלען און פאַר מאַלאָרקאַ. אין אַלע איבעריקע פּראָווינצן זענען די יידן געווען באַשטייערט מיט כלערליי פאַרמעגנס־שטייערן, וואָס קאָנען אָבער פאַר סטאַטיסטישע צוועקן ווייניק וואָס אויסגענוצט ווערן).

פון די צופעליק פאַרבליבענע ידיעות וועגן דער גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מאַנכע אראַגאָנישע שטעט איז ארויסצודרינגען, אז זי האָט אין די גרויסע שטעט פאַרגעשטעלט מיט זיך א זיבעטל אָדער א פינפטל פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג, בעת ווען אין די קלענערע שטעט האָט דאָס פאַרהעלטעניש אויסגעמאַכט פון א פערטל ביז א דריטל. דאָסזעלבע דרינגט אויך ארויס, ווען מען פאַרגלייכט די רשימות פון די שטייערן, וועלכע די קעניגן האָבן איינגענומען ביי די יידן און קריסטן בעת דעם 13־טן און 14־טן י"ה.

§ 27 די פּאָליטיק פון די אראגאָנישע קעניגן לגבי די יידן.

דידאָזיקע פּאָליטיק איז געווען אזא, ווי אין קאסטיליע, רערעיקרשט סטימולירט דורך דעם פינאנציעלן מאָמענט און הגם זי האָט אין אלגעמיין געהאט עטוואָס שארפערע פאָרמען, ווי אין קאסטיליע, איז זי פונדעסטוועגן געווען אָן א פארגלייך מילדער, ווי די רויב־פּאָליטיק, וועלכע עס האָבן געפירט לגבי די יידן די קעניגן פון ענגלאנד און פראנקרייך. דעם פּרינציפּ פון קאמער־קנעכטשאפט באגעגענען מיר אין אראגאָניע צום פריסטן אויסגעדריקט אין א געזעץ פון י. 1176. ביי דער פּראקטישער אויספירונג פון דעם פּרינציפּ האָבן די קעניגן מער געהאט אין זינען דעם דינאסטישן אינטערעס, איידער די אינטערעסן פון די שיכטן, וואָס זענען געווען פארטראָטן אין די „קאָרטעס“. אלס קאמער־קנעכט צאָלן די יידן לטובת די קעניגן כלערליי רעגולערע און אויסערגעוויינלעכע פארמעגנס־שטייערן, וואָס ווערן איינגעמאָנט אין דער פאָרם פון דירעקטע פארמעגנס־שטייערן אָדער אין דער פאָרם פון קאָנסום־שטייערן. בלויז פאר די יידן אין מאלאָרקא און אויף די באלעארן־אינזלען איז — ווי שוין פריער דערמאָנט — באשטאנען דער חוב צו צאָלן א חוץ די פארמעגנס־שטייערן נאָך א קאָפּ־שטייער. די רעגולערע פארמעגנס־שטייער, גערופן „puestia“, אָדער tributum, האָט אין 13־טן י״ה באטראָפן נאָרמאל 3% פונם יידישן באוועגלעכן באזיץ און אנדערטהאלבן פּראָצענט פונם ווערט, וועלכן עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער יידישער אומבאוועגלעכער באזיץ. צוליב אויסערגעוויינלעכע סיבות פלעגט דער קעניג העכערן דעם יידישן „טריבוט“ אזוי, אז דערדאָזיקער שטייער פלעגט אין מאנכע יאָרן באטרעפן ביז 12 און א האלב פּראָצענט פון אלע יידישע הכנסות. אזא פאל ווערט נאָטירט פונם י. 1285 און עס ווערט דערביי אויך איבערגעגעבן, אז די יידן האָבן זיך דעמאָלט צוליב דעם גרויסן שטייער־אָפּצאָל געמוזט שטארק פארשולדיקן ביי די קריסטן.

לויט פראגמענטארישע שטייער־רשימות פון די יאָרן 1315—1257 האָט דער יידישער „טריבּיט“ בלויז פון אזעלכע גרויסע קהילות, ווי בארצעלאָנא, נעראָנא, פערפּיגנאן, אלבאידא און סאראנאָסא אויסגעמאכט מער, ווי 8.000 סאָלידי א יאָר, ז׳ערגרייכנדיק אין מאנכע פון זיי (ווי, א שטייגער, אין געראָנא און בארצעלאָנא) פון 20.000 ביז 42.500 סאָלידי. פון 3.000 ביז 8000 סאָלידי האָבן געצאָלט אינגאנצן 7 קהילות (מאלאָרקא, קאלאטאיוד, הועסקא, בארבאסטראָ, טאראזאָנא, וואלענציא און גאנדיא), אלע איבעריקע הילות האָבן געצאָלט אונטער 3.000 סאָלידי.

אויסער די פארמעגנס־שטייערן ציט דער קעניג פון די יידן הכנסות אין דער פאָרם פון ליב־צאָל, שטראָף־געלטער און נאָמור־לייסטונגען (ווי, א שטייגער, די פליכט פון די יידן, אויסצוהאלטן די קעניגלעכע מענאזשעריע, צו געבן קוואטיר און באַשפּייזונג פאר דער קעניגלעכער סוויטע, בעת זי ווײַלט אין א קהילה און אז. וו.).

באזונדערס שטארק האָבן געדריקט די אויסערגעוויינלעכע שטייערן, וועלכע די קעניגן פלעגן ארויפוואַרפן אויף די יידן ביי אזעלכע געלעגנהייטן, ווי די קרוינונג אָדער די צוגרייטונג צו א מלחמה. פאר מלחמה־צוועקן האָט דער קעניג יאקאָב I אין י. 1269 איינגעמאָנט ביי 4 יידישע שטייער־קרייזן (באַרצעלאָנא, געראָנא, וואלענציא און סאראגאָסא) 80.000 סאָלידי; די סומע שטעלט מיט זיך פאָר א קליינעם טייל פון דעם גאנצן קריגס־שטייער, וועלכן די יידן האָבן ד'עמאָלט געמוזט איינצאָלן, וואָרים בלויז אין דער פּראָווינץ אראגאָניע זענען אין יענער צייט געווען 16 יידישע שטייער־קרייזן. וועגן אויסערגעוויינלעכע יידישע קריגס־שטייערן זענען אונז אויך פארבליבן באריכטן פון די יאָרן 1280 און 1282. אין י. 1302 צאָלן די יידן 40.000 סאָלידי פאר א לאָקאלן קריג, וועלכן דער קעניג פירט מיט דעם גראף פון קארדאָנא. אין יאָר 1323 בויען די יידן פון טאַרטאָזא צוזאמען מיט די קריסטלעכע שטאָט־לייט א קריגס־שיף, וואָס האָט געדארפט דינען פאר דער מלחמה מיט סארדיניע. אין יאָר 1330 נעמט דער קעניג ביי די יידן א קריגס־שטייער אין דער הויך פון 390.000 סאָלידי (340.000 פון די קהילות אין קאטאלאניע און אראַגאָניע און 50,000 פון די קהילות אין דער פּראָווינץ וואלענציא), אום צו דעקן די הוצאות פון דער מלחמה קעגן די אראבער אין גראנאדא.

דעם העכסטן פונקט דערגרייכט דער שטייער־דרוק אין דער צווייטער העלפט פון 14־טן י"ה אונטער דעם קעניג פּעדראָ דעם V־טן. אין יאָר 1372 האָט דערדאָזיקער קעניג ארויפגעלייגט אזעלכע געוואַלדיקע שטייערן אויף די יידן, אז אפילו אזא רייכע קהילה, ווי די קהילה אין באַרצעלאָנא האָט זיך געמוזט פארשולדיקן ביי אויסלענדישע יידן און ביי קריסטן, אום צו קאָנען באצאָלן די סומע, וועלכע דער קעניג האָט פון איר געמאָנט. דערזעלבער קעניג האָט זיך אויך באנוצט מיט דעם אויסגעפּרואוטן ענגליש־פראנצויזישן מעטאָד, אויסצופּרעסן ביי די יידן גרויסע געלטער מיט דער הילף פון דער דראָונג, אז ער וועט זיי פארטרייבן פונם לאנד, אויב זיי וועלן דאָס געלט נישט איינצאָלן.

צוליב פיסקאלישע טעמים האָבן די קעניגן געלייגט א סך געוויכט דערויף, אז די יידן זאָלן זיך פון זייערע טעריטאָריעס נישט אריבער־

טראָגען אין די פריוואטע נחלאות פון די פריצים, און אויב עס זענען וויען פאָרגעקומען אזעלכע פאלן, פלעגן זיי אויף די קהילות, צו וועלכע ס'האָבן באלאנגט די אויסגעוואנדערטע יידן, ארויפלייגן דעם שטייער־סכום, וועלכן די אויסוואנדערער האָבן פריער געצאָלט לטובת דער קעניגלעכער קאסע. דידאָזיקע פאָליטיק האָט דערפירט דערצו, אז די אראגאָנישע יידן זענען ס'רוב געווען „קעניגלעכע" יידן און נאָר ווייניק פון זיי האָבן באלאנגט צו די פריצים. להיפוך צו די פארהעלטענישן אין קאסטיליע, וואו די קעניגן פלעגן זיך אין שטייער־ענינים קאָמוניקירן מיט די קהילות מיט דער הילף פון יידישע שטייער־ארענדארן, האָבן די אראגאָנישע קעניגן אונטערגעהאלטן א דירעקטן פיסקאלישן קאָנטאקט מיט דער יידישער אויטאָנאָמיע און זיי פלעגן זיך צוליב פיסקאלישע פעמים ארײַנמישן אפילו אין אזעלכע אינערלעכע פראגן, ווי קהילה־וואלן, פאמיליע־ענינים וכדומה. אזוי, א שטייגער, זענען פון דער 15־יעריקער רעגירונגס־צייט פון פעדראָ III און אלפאָנס III (1276—1291) פארבליבן לערך 2000 קעניגלעכע דאָקומענטן וועגן יידן, וואָס צום גרעסטן טייל שטעלן זיי מיט זיך פאָר אָפּמאכן וועגן שטייער־ענינים, וועלכע די קעניגן האָבן דירעקט געשלאָסן מיט די קהילות.

זייענדיק באשטרעבט צו האָבן אין די יידן א געהעריקן געלט־קוואל פאר זיך, האָבן אָבער אויך די אראגאָנישע קעניגן ווי געהעריק געזאָרגט פאר דער אנטוויקלונג פון דער יידישער ווירטשאפט. זיי האָבן געשאפן פאר די יידן ברייטע מעגלעכקייטן פון ווירטשאפטלעכער טעטיקייט; זיי פלעגן די יידן באגינסטיקן אין ערד־ארבייט, האנדל און מלאכה, צולאָזן זיי צו עפנטלעכע אמטן, באשענקען זיי מיט ערד־באזיץ אין די ניי־דעראָבערטע שטחים און אז. וו. בעת די אומפארמיידלעכע קאָנפליקטן צווישן די קריסטלעכע קאָנקורענטן אָדער בעלי־חובות און די יידן פלעגן די קעניגן געשיקט לאַווירן און פארגלעטן אויף ווי ווייט מעגלעך די רייבונגען, אז עס זאָלן נישט צעשטערט ווערן די יידישע פרנסות. צום בולטסטן וועט דידאָזיקע ווירטשאפטס־פאָליטיק פון די קעניגן ארויסטרעטן, ווען מיר וועלן באטראכטן דעם אופן, אויף וועלכן די קעניגן האָבן רעאגירט אויף די פּאָסטולאַטן פון די „קאָרטעס", וואָס זענען געווען געווענדעט קעגן די יידן.

§ 28 די אראגאָנישע „קאָרטעס" און זייער אנטי־יידישער פראָגראם.

די ערשטע ארויסטרעטונגען פון די אראגאָנישע „קאָרטעס" אין דער יידן־פראגע זענען באוואוסט פון יאָר 1228. אין משך פון 13־טן י"ה

ווערן פאָרמולירט זייערע עיקרדיקסטע פּאָסטולאַטן בנוגע די יידן, און דאָס זענען זיי:

1) אונטערן איינפלוס פון דער קירך ווערט פאַרלאַנגט, אַז די יידן זאָלן טראָגן א שאַנד־צייכן (1228); 2) אַז זיי זאָלן נישט צוגעלאָזט ווערן צו קיין שום עפנטלעכע אַמטן (1228, 1283, 1286, 1289); 3) ווייטער פאַרלאַנגען די „קאָרטעס" א גענויעריקע רעגולירונג פון די יידישע וואוכער־געשעפטן און בפרט א פאַרקלענערונג פון דעם יידישן צינז־פוס (1228, 1240, 1283, 1286). א חוץ דיזאָזיקע פאָדערונגען פון די „קאָרטעס" קומען פאַרן 13־טן י"ה אין באַטראַכט נאָך פּאָלגנדיקע אַרויסטרעטונגען פון דער קירך:

4) אַרום י. 1277 פאַרלאַנגט די קירך, אַז די יידן זאָל פאַרווערט ווערן צו האַלטן מאַכמעדאַנישע שקלאַפן, וואָס זענען גרייט אָנצונעמען דאָס קריסטנטום—א פאָדערונג, וואָס האָט געשאַפן א סכנה פאַר דעם יידישן ערד־באַזיץ! 5) אין י. 1278 באַמיט זיך די קירך, אַז דער קעניג זאָל באַפרייען פון די יידישע תביעות אַלע קריסטן, וואָס וועלן זיך באַטייליקן אין דעם קרייץ־צוג, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן צו יענער צייט קעגן די מאַכמעדאַנער אין אָריענט. 6) ביים סוף פון 13־טן י"ה הויבט־אָן די קירך אָנצווענדן די אינקוויזיציע קעגן די יידן.

אין משך פון 14־טן י"ה באַרייכערט זיך דער אָנגעמערקטער אַנטי־יידישער פּראָגראַם נאָך מיט אַנדערע צוויי פּאָסטולאַטן, וואָס פאַרדינען פאַרצייכנט צו ווערן:

7) אונטער דער השפעה פון דער קירך ווערט פאַרלאַנגט פון דעם קעניג, אַז ער זאָל די יידן איינשליסן אין באַזונדערע קוואַרטאַלן (אַרום דער העלפט פון 14־טן י"ה). 8) דער קעניג דאַרף אויך פאַרווערן די יידישע סוחרים, אויפצוהאַלטן זיך אין אַזעלכע אַכסניות, אין וועלכע ס'פאַרקערן קריסטלעכע סוחרים (1317).

לאָמיר איצט זען, אויף וויפל די קעניגן האָבן איינגעשטימט צו דיזאָזיקע פאָדערונגען, וואָס זענען אַרויסגערוקט געוואָרן דורך דער קירך און דורך די „קאָרטעס": אין דער פולסטער מאָס האָבן די קעניגן נאָכגעגעבן בלויז לגבי איין איינציקן פּונקט, און דאָס איז דער פּונקט 8).

וואָס שייך די איבעריקע פּונקטן, האָבן די קעניגן ענטוועדער אינגאַנצן נישט איינגעשטימט אָדער זיי האָבן געשאַפן אַזוי פיל אויסנאַמען, אַז די פאָדערונגען האָבן לגמרי פאַרלאָרן זייער שאַרפקייט. ווען מען נעמט אין באַטראַכט די באַטרעפנדיקע קעניגלעכע פאַראָרד־

נונגען און מען באריקזיכטיקט דערביי אויך די פאקט׳שע האנדלונגען פון די קעניגן לגבי די יידן, דאן לאָזט זיך אָט וואָס פעסטשטעלן:

צום פונקט 1): די קעניגן פלעגן באפרייען פונם שאנדצייכן אלע יידישע סוחרים, וואָס האָבן זיך געפונען אויף האנדלס-נסיעות.

צום פונקט 2): די ערשטע קעניגלעכע פאראָרדענונגען וועגן נישט צולאָזן די יידן צו עפנטלעכע אמטן שטאמען ערשט פון י. 1283 און 1289, אָבער זיי ווערן אין דער פראקטיק ווייניק וואָס געגומען אין אכט, ווי דאָס וועט זיך ארויסווייזן פון אונזערע שפּעטערדיקע אויספירונגען וועגן די יידישע באאמטע און שטייער-ארענדאָרן אין אראגאָניע.

צום פונקט 3): די פאָסטולאטן פון די „קאָרטעס" בנוגע דער יידישער וואוכעריי ווערן דורך די קעניגן אין פרינציפ באשטעטיקט (פאַרגלייך די קעניגלעכע געזעצן פון די יאָרן 1228, 1235, 1241, 1283, 1292, 1300, 1307, 1311, 1348), אָבער ווען עס מרעפט, אז דער שארף פון די געזעצן דראָט חרוב צו מאכן די יידן פון א באשטימטער געגנט, וואו די קרעדיט-געשעפטן בילדן זייער הויפּט-פרנסה, מאכן די קעניגן פאר די-דאָזיקע יידן אן אויסנאם. אזוי, א שטייגער, האָט דער קעניג פעדראָ III (1276—1285) געמאכט אן אויסנאם פאר די יידן אינם קרייז באַרצעלאָנאַ, און ער האָט זיי דערלויבט צו נעמען ציגזן פון נישט באצאָלטע ציגזן, הגם דאָס איז געווען פארבאָטן דורך געזעצן פון די פריערדיקע צייטן. דעמדאָזיקן אויסנאם האָט שפּעטער באשטעטיקט אויך דער נאָכפאָלגער פון פעדראָ, דער קעניג אלפאָנס III.

צום פונקט 4): דער קעניג פעדראָ III, צו וועלכן די קירך האָט זיך געווענדעט מיט דער פאָדערונג וועגן צונעמען די שקלאפן ביי די יידישע ערד-באזיצער, האָט די זאך געלאָזט אויספאָרשן דורך א ספּעציעלער קאָמיסיע און ער האָט פאראָרדנט, אז אזא מאכמעדאנישער שקלאָף, „וואָס איז נאָך נישט קיין פולער קריסט", מעג צוגענומען ווערן ביי זיין יידישן באלעבאָס בלויז דעמאָלט, ווען דער לעצטער באקומט פאר אים אויסלייז-געלט אין דער הויך פון 12 גאָלדענע מאראוועדי.

צום פונקט 5): דער קעניג האָט אויף דער פאָדערונג נישט איינגעשטימט און ער האָט זיך אין א בריוו צו דעם בישאָף פון טאַראַגאָנאַ פארענטפערט, אז א סך פרייוויליקע מעלדן זיך צו דער ארמעע „נישט אזוי ווייט, אום צו פאָרן איבערן ים (קיין ארץ ישראל), ווי באפרייט צו ווערן פון די חובות." און דעריבער מוז ער, דער קעניג, דורכאויס פאָדערן, אז זיי זאָלן פּינקטלעך באצאָלן, וויפל זיי זענען שולדיק די יידן.

צום פונקט 6): די קעניגן האָבן זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט דעם פּרינציפּ, אַז די אינקוויזיציע זאָל אויך חל זיין אויף די יידן, אָבער זיי האָבן אין משך פון 14-טן י״ה געשיצט די יידן קעגן די צו האַרטע משפּטים און זיי האָבן פאַרלאַנגט פון דער אינקוויזיציע, אַז זי זאָל זיך מיט זיי פאַרשטענדיקן אין פּראָצעסן קעגן יידן. עס זענען אויך פון דער ערשטער העלפט פון 14-טן י״ה באַוואוסט פאַקטן, אַז די קעניגן האָבן סקאַסירט משפּטים פון דער אינקוויזיציע וועגן צונעמען ביי די פאַראורטיילטע יידן די פאַרמעגנס.

צום פונקט 7): די קעניגן שטעלן זיך נישט אַנטקעגן דעם פאַרלאַנג פון די שטעט מכוח באַזונדערע יידישע קוואַרטאַלן, וואָרים מיט אַן ענלעכן פאַרלאַנג פלעגן אין אַראַגאָניע אַרויסטרעטן די יידן גופא. די יידן האָבן זיך נעמלעך געפילט אַ סך זיכערער קעגן עקסצעסן מצד דעם המון אין אַ געטאָ, וואָס איז געווען געשיצט דורך מויערן, איידער אין גאַסן, וואו זיי האָבן געוואוינט צוזאַמען מיט קריסטן.

די קעגנזעצלעכע פאַראינטערעסירונגען, וועלכע עס האָבן אַרויסגעוויזן אין דער יידן-פראַגע פון איין זייט דער קעניג און פון דער אַנדערער זייט די אין די „קאָרטעס" רעפּרעזענטירטע שיכטן און בפרט די קירך — דערפירן צו ערנסטערע קאָנפליקטן ערשט ביים סוף פון 13-טן י״ה, ווען די צייט פון דער גרויסער „רעקאָנקוויסטאַ" איז שוין געווען אַריבער און די אַראַגאָנישע מלוכה האָט מיט דער דעראָבערונג פון סיציליע (1282) געהאַט דערגרייכט אַ געהעריקע אויסערלעכע עקספּאַנסיע. עס קומט צו אַן אָנטשפּאַנונג אויפן אויסערלעכן פראָנט, פאַר וועלכן די יידן האָבן, אגב, נישט ווייניק אויפגעטון מיט זייערע גרויסע קריגס-שטייערן און ליפערונגען, און עס ווערט פריי די ענערגיע פאַרן אינערלעכן פראָנט, פאַר דעם קאַמף מיט די קעניגלעכע דינאַסטישע שטרעבונגען און מיט די יידן, וואָס זענען אַלס קאַמער-קנעכט געווען די פינאַנציעלע שטיצע פון דער דינאַסטיע. נישט קאָנענדיק דערגרייכן אויפן לעגאַלן, פּאַרלאַמענטאַרישן וועג קיין גרעסערע דערפאָלגן, באַטרעטן די אַדעליקע און שטאָטישע שיכטן אַלץ עפטער דעם וועג פון געוואַלד-טאַטן. עס העלפט זיי דערביי דער המון, וואָס איז צוליב די כסדרדיקע קרייץ-צוגן קעגן די אַראַבער געווען אָנגעפילט מיט אַ פאַנאַטישן האַס קעגן אַלע „נישט-גלויביקע" בכלל. נישט ווייניקער העלפט אויך מיט די קירך, וואָס נוצט אויס די סיטואַציע, בכדי צו מאַכן פון דער אינקוויזיציע אַ כלי-זיין פון יידן-פאַרפאָלגונגען. אַרום י. 1279 איז דער באָדן געווען שוין אַזוי ווייט וואולקאַניזירט דורך די העצערייען קעגן די יידן, אַז עס איז געקומען כמעט אין אַלע ערטער פון דער אַראַגאָנישער און קאַטאַ-

לאנישער פּראָווינץ צו בלוטיקע אנטי־יידישע עקסצעסן. נאָך מיטער זינקט די יידישע לאגע אין משך פון 14־טן י״ה, וועלכעס פארשרייבט זיך אין דער געשיכטע פון דער אראגאָנישער יידנשאפט מיט א ריי פּאָגראָם-כוואַליעס (1320, 1348, 1367, 1370, 1376, 1378) און מיט דעם מוראדיקן פּאָגראָם־אויסברוך אין יאָר 1391, וואָס סיגנאַליזירט דעם פאָרשטייענדיקן אונטערגאנג פון די יידישע ישובים אין דער מלוכה.

§ 29 דאָס ווירטשאפטס־לעבן פון די יידן אין אראגאָניע זינט דעם 11־טן ביז דעם סוף פון 13־טן י״ה.

פונקט אזוי, ווי מיר האָבן ביים באטראכטן דעם כוחות-שפּיל ארום דער יידן-פראגע אין אראגאָניע געצויגן א גרענעץ צווישן דער תקופה ביז לערך דעם סוף פון 13־טן י״ה, און פון דער תקופה זינט לערך דעם אנהויב פון 14־טן י״ה, קומט אויך אויס, ביים באהאנדלען די ווירט־שאפטס-געשיכטע פון די אראגאָנישע יידן, אוועקצושטעלן א מחיצה צווישן דידאָזיקע צוויי תקופות; די ערשטע קאָן מיט רעכט באצייכנט ווערן אלס תקופה פון אויפבלי און גלאנץ, די צווייטע שטעלט מיט זיך פאָר אן איבערברוכס־צייט, אין וועלכער די ווירטשאפטלעכע פּאָזיציעס פון די יידן ווערן כסדר אָפּגעשוואכט און צעשטערט. אין די איצטיקע אויספירן וועלן מיר זיך אָפּשטעלן ביי דער תקופה פון 11־טן ביז דעם סוף פון 13־טן י״ה. די איבערברוכס-תקופה, דהיינו, דאָס 14־טע י״ה וועט אונז באשעפטיקן אין דעם קומענדיקן פאראגראף.

איינער פון די סאמע כאראקטעריסטישעסטע שטריכן אין דעם יידישן ווירטשאפטס-בילד, וועלכעס מיר זעען אין אראגאָניע בעת דער בלי-תקופה ביז דעם סוף פון 13־טן י״ה, איז — פונקט ווי אין קאסטי־ליע — די שטארקע באטייליקונג פון די יידן אין דער פינאנץ־פארוואלטונג פון דער מלוכה און אין די גרויס־קאפּיטאליסטישע ליפערונגען און סתם אונטערנע־מונגען, וואָס זענען געווען פארבונדן מיט די דינאסטישע און קריגע־רישע פּלענער פון די אראגאָנישע קעניגן.

שוין אין 12־טן י״ה באגעגענען מיר אין אראגאָנישן הויף א ריי אָנגעזעענע יידן, וואָס שטייען אין א פערזענלעכער פארבינדונג מיט די קעניגן און וואָס פארנעמען הויכע אמטן, געניסנדיק פון כלערליי פּריווי־לעגיעס. אזוי, א שטייגער, זענען אונז פון דערדאָזיקער צייט באוואוסט: דער ייד אלאזא (אליעזר), וואָס איז דער „רעפּאָזיטאריוס" פון אל־פאָנסאָ על באטאלאדאָר, דער ייד יאפיה, א „באיולוס," דהיינו, א קעניגלעכער פארוואלטער פון דער שטאָט בארצעלאָנא, די יידן

ששת בענוועניסטע פון בארצעלאָנא און דוד אבנאדעאַז, וואָס ווערן פונם קעניג אלפאָנס II באנוצט אלס דיפּלאָמאטן. א קלאָרן באגריף וועגן דער ראָלע, וועלכע די יידישע באאמטע האָבן געשפּילט אינם לעבן פון דער מלוכה, באקומען מיר ערשט אויפן סמך פון די קוועלן פון 13-טן י"ה. פון די יאָרן 1200—1213 זענען אונז באוואוסט: באָנאפאָס, דער „באיולוס" פון לערידא, ר' אשר אבנבנטרעקא, וואָס ווערט געריסט אלס „גוטער און קלוגער הויף-ייד, וועלכער פלעגט אלע שליחותן (פונם הויף) ערלעך און געטריי אויספירן", דער הויף-ייד אלפאקים שלמה אבנדאהועט, דער „רעפּאָזיטאריוס פון אראַגאָניע, א געוויסער אברהם, א „באיולוס" פון סאראגאָסא און דער ייד פערפעקטוס, א „באיולוס" פון בארצעלאָנא. זייער גענויע ידיעות זענען אונז פארבליבן וועגן די יידישע באאמטע אין דער לאנגער רעגירונגס-צייט פונם קעניג יאַקאָב דעם I-טן (1213—1276). לויט די טרעפלעכע ווערטער פון אזא גוטן קענער פון דער יידיש-שפּאנישער געשיכטע, ווי ד"ר פריץ בער, „איז דעמאָלט, ווי ס'ווייזט אויס, נישט געווען קיין איין אָרט אין אראַגאָניע, וואו א ייד זאָל נישט האָבן פארנומען די שטעלע פון א באיולוס אָדער וואו ער זאָל נישט האָבן ארענדירט א טייל פון די קעניגלעכע הכנסות. די סיבה פון דער-דאָזיקער שטארקער פארווענדונג פון יידן אלס קעניגלעכע שטייער-ארענדאַרן לאָזט זיך אין א סך פאלן דערקלערן דערמיט, וואָס די ארענ-דארן זענען, אין תוך גענומען, געווען באנקירן און זיי האָבן די ארענדעס באקומען אלס א משכון, וואָס זאָל פארזיכערן זייערע תביעות צום קעניג. מיט די ארענדעס זענען געווען צונויפגעבונדן נישט בלויז אדמיניסטרא-טיווע, נאָר אויך געריכטלעכע פונקציעס.

פון די יידישע ארענדאַרן, מלוכהשע באאמטע, וואָס האָבן געווירקט אין דער צייט פונם קעניג יאַקאָב I, רוקט זיך ארויס אין פאָדער-גרונט יהודה דע קאוואלעריא. אין י. 1228 באגעגענען מיר אים אלס „באיולוס" פון דער פּראָווינץ וואלענציא; אין י. 1258 ווערט ער „באיולוס" פון סאראגאָסא און אין י. 1260 באקומט ער פונם קע-ניג דאָס רעכט איינצומאָנען די קעניגלעכע הכנסות פון דער גאנצער מלוכה און בכלל צו פירן אלע געשעפטן פונם הויף. די טראנזאקציעס פון יהודה דע קאוואלעריא, וועגן וועלכע ס'זענען פארבליבן אין די קוועלן גענויערע ידיעות, לאָזן משער זיין, אז ער האָט אין יענער צייט באלאנגט צו די גרעסטע געלט-מאגנאטן אין לאנד. ער ארענדירט די זאלצגרובן אין אראגאָניע, ער פירט אָן מיט דער קעניגלעכער מינצערײַ און בא-

שעפּטיקט זיך מיט גראַנדיעזע קריגס־ליפערונגען; גלייכצייטיק איז ער א גרויסער ערד־באַזיצער און פאַרמאָגט גרויסע פּי־סטאַדעס. אין י. 1263 באַרגט ער אוים דעם קעניג א גרויסע געלט־סומע, פאַר וועלכע ס'ווערט אויפגעבויט א פּלאַץ קעגן די אראַבער. אין י. 1276 ליפערט ער פאַר דער אַרמעע, וואָס קעמפט אין דער פּראָווינץ וואַלענציאַ מיט די אראַבער, קריגס־כלי־זיין און באַזאָרגט זי מיט געלט. יהודה אַרבעט מיט דער הילף פון א גאַנצן שטאַב אויפזעער און באַאַמטע. אין די 60־קער יאָרן פון 13־טן י"ה באַשעפטיקט ער ביי זיך דעם ייד בענוועניסטע דע פּאָרטאַ, וועלכן ער גיט איבער די השגחה איבער דער שטייער־פאַרוואַלטונג אין דער גאַנצער קאַטאַלאָנישער פּראָווינץ. אין די 70־קער יאָרן פירט ער זיינע געשעפטן צוזאַמען מיט זיין זון חסדאי און מיט זיינע קרובים שלמה קאוואַלעריא און אברהם קאוואַלעריא.

אין דערזעלבער צייט לערד באַגעגענען מיר א ריי הויכגעשטעלטע יידישע באַאַמטע און אונטערנעמער, וואָס שטאַמען פון די משפחות היקסון, אבנפיה, אבנביוויה, אבנצעברים, ראוויה וכדומה. איינער פון דיזאָזיקע גרויס־יידן, מיטן נאָמען אַסטרוג יעקב היקסון איז אין די 60־קער יאָרן פון 13־טן י"ה א קעניגלעכער באַנקיר און צוגלייך אויך א „באַיולוס" אין טאַראַזאָנאַ. אין י. 1263 באָרגט ער דעם קעניג א סומע פון 20.300 סאָלידי און באַקומט אלס משכון די הכנסות פון דער פעסטונג פעניסקאָלא. ער באַזיצט מילן און באַק־אויוונס אין מאָרעלא און ביי וואַלענציא און איז אויך א גרינדער פון הייל־בעדער.

די פירנדיקע ראָלע צווישן די גרויס־יידן, וועלכע עס האָט געהאַט בעת דער רעגירונגס־צייט פונם קעניג יאַקאָב I די משפחה קאוואַלעריא, גייט אריבער אונטער קעניג פּעדראָ III (1276 — 1285) צו דער יידישער משפחה ראוויה אברבליה, פון וועלכער עס ווערן עפּעטערס דערמאָנט אין די קוועלן דער פאָטער אַסטרוג ראוויה און זיינע צוויי זין יוסף און משה. אין די 70־קער יאָרן באַגעגענען מיר זיי אלס אַרענדאַרן פון קעניגלעכע הכנסות („באַיולי"), וועלכע פליסן איין פון די שטעט געראָנא, בעסאַלו, באַרצעלאָנא, לערידא, מורוויעדראָ און אז. וו. אין י. 1279 ווערט יוסף דער „באַיולוס" פון דער שטאָט סאַראַגאָסא און באַלד דערויף נעמט ער צוזאַמען מיט זיין ברודער משה אין אַרענדע אלע הכנסות, וועלכע דער קעניג באַקומט פון זיינע אונטערטאַנען. דערמיט ווערן ביידע ברידער די העכסטע שטייער־פאַרוואַלטער פון דער מלוכה און זיי האָבן, אלס אַזעלכע, דאָס רעכט, צו

נאָמינירן שטייער־באַאַמטע און צו קאָנטראָלירן זייער טעטיקייט. בעת די אינערלעכע מלחמות, וועלכע עס פירט דער קעניג מיט די אויפשטענדיקע אדל־לייט אין קאַטאַלאָניע, באַזאָרגן די ברידער ראוויה די קעניג־לעכע אַרמעע מיט געלט און באַוואָפענונג. דאָס האָט אָבער דער אדל נישט געקאָנט מוחל זיין די גרויס־יידן, און ווען עס איז מיט א צייט שפּעטער געקומען צו אן אויסגלייך צווישן דעם קעניג און די „קאָרטעס", האָט דער קעניג געמוזט די לעצטע צוזאָגן אין א גענעראַל־פּריווילעגיע (1283), אַז ער וועט קיין יידן מער נישט מאַכן פאַר שטייער־אַרענדאַרן. גלייכצייטיק איז פאַרפירט געוואָרן קעגן די ברידער ראוויה א פּראָצעס וועגן מיסבּרויכן. דער פּראָצעס האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס משה ראוויה איז באַזייטיקט געוואָרן פון זיין הויכער שטעלע. און ביי זיין ברודער יוסף איז קאָנפיסקירט געוואָרן דאָס פאַרמעגן לטובת דעם קעניג.

נישט געקוקט אויף דעם טראַגישן סוף פון די ברידער ראוויה און אויף דער דערמאָנטער גענעראַל־פּריווילעגיע פון י. 1283, באַגעגענען מיר אָבער אויך ווייטער הויכגעשטעלטע יידישע באַאַמטע־אַרענדאַרן. דער באַדייטנדסטער פון זיי איז ביים סוף פון 13־טן י״ה מוסא (משה) דע פּאָרטעלא. אין י. 1285 ווערט ער דער לייטער פונם גאַנצן פינאַנץ־וועזן אין דער מלוכה און ער האָט דאָס רעכט איבערצוגעבן אין אַרענדע אַלע מלוכהשע שטייערן, צאָל־אָפּצאָלונגען, גרובן און אז. וו. אין דער־זעלבער צייט פאַרנעמט ער זיך אויך מיט גרייסע ליפערונגען פאַר דער קעניגלעכער אַרמעע. מוסא האָט געהאַט דעמזעלבן סוף, וואָס די ברידער ראוויה. די „קאָרטעס" האָבן קעגן אים אזוי לאַנג געשטורעמט, ביז דער קעניג האָט אים געמוזט באַזייטיקן פון זיין אמט. געשען איז דאָס אין י. 1286. אין 3 יאָר אַרום מוז דער יונגער קעניג אַלפאָנס III געבן זיין הסכמה צו א געזעץ, וואָס פאַרווערט די יידן צו פאַרנעמען עפנטלעכע אמטן.

די געבּראַכטע ידיעות וועגן די יידישע פינאַנץ־באַאַמטע האָבן אונז געוויזן, אַז מיר האָבן דאָ באַין אופן נישט צו טון מיט קיין געוויינלעכער באַאַמטע־ביוראָקראַטיע, נייערט אַז די באַאַמטע זענען, אין תוך, געוועזן געניטע באַנקירן, סוחרים, אינדוסטריעלע אונטערנעמער וכדומה. מיט איין וואָרט: טרעגער פון א אַנטוויקלטער און ווייט פאַרצווייג־טער געלט־ווירטשאַפט. ס'וועט טאַקע זיין זייער וויכטיק זיך אָפּצו־שטעלן אויף דער ראָלע, וועלכע די יידן האָבן בכלל געשפּילט איינם אַראַ־גאָנישן האַנדל און וואַנדל, וואָרים ערשט דעמאָלט וועלן מיר קענען באַ־שליסן, צי מיר זעען איין אין די יידישע פינאַנץ־באַאַמטע א דערשיינונג

וואָס איז געווען אָרגאַניש פאַרוואָרצלט אין דעםווירטשאַפטס-לעבן פון די אַראַגאָנישע יידן.

כדי זיי געהעריק אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון די יידן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אַראַגאָנישער געלט-ווירטשאַפט, איז ניט גענוג פעסטצושטעלן, — ווי מיר האָבן דאָס שוין געמאַכט, — דעם צוזאַמענהאַנג, וואָס איז באַשטאַנען צווישן די דינאַסטישע און קריגערישע פּלענער פון די אַראַגאָנישע קעניגן און די ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבן פון די יידן, נייערט מען מוז נאָך נעמען אין אַכט דעם פאָלגנדיקן מאָמענט, וואָס איז אויסערסט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַראַגאָנישער ווירטשאַפטס-געשיכטע פון דער באַהאַנדלטער תקופה.

די געאָגראַפישע לאַגע פון אַראַגאָניע איז געווען אַן אַ פאַרגלייך גינסטיקער פאַר דער אַנטוויקלונג פון א שטאַרקער געלט-ווירטשאַפט, ווי די לאַגע פון קאַסטיליע. אַראַגאָניע האָט באַרירט מיט זיין גאַנצן מזרח-ברעג דעם מיטללענדישן ים און דאַדורך זענען אויך זיינע מלוכהשע אויפגאַבן געווען געווענדט ס'רוב אויסערהאַלב די גרענעצן פון דעם איבערישן האַלב-אינזל (ראַקעגן זענען די מלוכהשע אויפגאַבן פון קאַסטיליע, וואָס איז געווען אָפּגערוקט פון ים, געלעגן כמעט אויסשליסלעך אין די ראַמען פון דער מלוכה). די אַראַגאָנישע קעניגן שטרעבן צו מאַכן פון דער מלוכה א וויכטיקן מאַכט-פאַקטאָר אינם לעוואַנטע-האַנדל, וואָס האָט דעמאָלט פאַרבונדן אייראָפּע מיט דעם אַזיאַטישן מזרח און מיט די צפון-ברעגן פון אַפריקע. באַזונדערס שטאַרק טרעטן אַרויס די-דאָזיקע שטרעבונגען אין משך פון 13-טן י"ה, בעת די לאַנג-דויערנדיקע קאַמפן צווישן אַראַגאָניע און די אָנפירנדיקע שטעט אינם לעוואַנטע-האַנדל, ווי פּיזאַ און גענואַ, בעת די מלחמות אַרום סיציליע, סאַרדיניע און אַז. וו. די דערפאָלגן, וואָס ווערן דורך אַראַגאָניע דערגרייכט אין די-דאָזיקע מלחמות, ווערן נאָך אין דעמזעלבן יאָרהונדערט דערגאַנצט דורך א ריי גינסטיקע האַנדלס-טראַקטאַטן מיט מאַראָקאָ, טוניס און פּעז, אַזוי, אַז אַראַגאָניע קאָן זיך דעמאָלט שוין רעכענען פאַר דעם גרעסטן מאַכט-פאַקטאָר אין די מערב-געביטן פונם מיטללענדישן ים.

אחוץ די געשילדערטע געאָגראַפישע און פּאָליטישע מאָמענטן האָבן צו די ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען פון אַראַגאָניע אין א גרויסער מאָס אויך מיטגעהאָלפן די האַנדלס-פאַרבינדונגען און געלט-אָפּעראַציעס, וועלכע די יידן האָבן דורכגעפירט אויף די אַראַגאָנישע שטחים נאָך אין פריען מיטלאַלטער, אין דער תקופה פון דער אַראַבישער ממשלה און פון דעם בליענדיקן „ראַדאַניטן"-האַנדל, אין וועלכן עס האָבן זיך, ווי באַ-

וואוסט, באטייליקט ס'רוב פראנצויזישע און שפאנישע יידן. דידאָזיקע גרויסצוניקע האנדלס-טראדיציע איז ביי די אראגאָנישע יידן לגמרי נישט פארנאכלעסיקט געוואָרן, ווען דאָס לאנד איז אריבער צו קריסטלעכע הערשער. אדרבה, די דערמאָנטע פאָליטישע שטרעבונגען פון די אראגאָנישע קעניגן האָבן פאר דער יידישער האנדלס-און קרעדיט-ווירטשאפט געשאפן נייע אימפולסן און מעגלעכקייטן. מיר ברענגען דאָ וייטער א ביסל קוועלן-ידיעות פון 11-טן ביזן סוף פון 13-טן י"ה, וואָס וועלן אונז אילוסטרירן דידאָזיקע פארהעלטענישן. פון 11-טן י"ה זענען פארבליבן ידיעות וועגן יידישע הענדלער און שיפס-לייט פון באַרצעלאָנאַ און אנדערע אראגאָנישע האפן-שטעט, וואָס רייזן איבערן אדריאַטישן ים ביז צום באָספאָר. אין י. 1105 פאקומען 3 יידישע הענדלער און שיפס-אייגנטימער פונם גראף ראַמאָן בערענגאַר III פון באַרצעלאָנא א מאָנאָפּאָל אויף צו טראנספּאָרטירן אויסגעקויפטע סאראצענישע שקלאפן אין זייערע היימען. פון דעם 11-טן י"ה באזיצן מיר א זאמלונג פון פאָרמולארן, „אפירן", לויט וועלכע די אראגאָנישע יידן פלעגן דעמאָלט צונויפשטעלן זייערע האנדלס-קאָנטראקטן און אנדערע אָפּמאכן („ספר השטרות" פון ר' יהודה בן ברזלי פון באַרצעלאָנאַ). מיר געפינען דאָ „אפירן" פאר טראנזאקציעס צווישן סוחרים און האנטווערקער, פאר אָפּמאכן בנוגע געקויפטע שקלאפן און אז. וו. די האנדלס-פרייהייט פון די אראגאָנישע יידן איז סיי אין 11-טן, סיי אין 12-טן י"ה אומבאגרענעצט און זי ווערט גאראנטירט נישט בלויז דורך קעניגלעכע פאראָרדענונגען, נאָר אויך דורך שטאָטישע געזעצן (אזוי, א שטייגער, דורך דעם שטאָטישן רעכט פון קאַלאַטאַיאוד, פונם יאָר 1134). די יידן פארקויפן זייערע סחורות אין ספּעציעלע באַזארן, וואו דער קעניג פארדינגט זיי פלעצער. די סחורות, וועלכע די יידן באזיצן אין די באזארן, טאָרן נישט פארמשכונט ווערן און זיי שטייען אונטער א באזונדערן שוץ פונם קעניג.

נאָך פארביקער איז דאָס בילד, וואָס אנטפלעקט זיך אין די קוועלן פון 13-טן י"ה.

די אָנפירנדיקע ראָלע אינם אראגאָנישן לעוואנטע-האנדל האָבן דעמאָלט, משמעות, געשפילט די יידן פון מאַלאָרקאַ און בכלל פון די באַלעאַרן-אינזלען. וועגן די יידן אין מאלאָרקא ווערט געזאָגט אין א קוועלע פון 13-טן י"ה, אז זיי ציען זייער יניקה דערעיקרשט פונם אויסלענדישן האנדל און פון טראנספּאָרט-געשעפטן איבערן מיטללענדישן ים. עס זענען אָבער אויך אויפגעהיט געוואָרן ידיעות וועגן די יידן פון דעם אראגאָנישן פעסט-לאנד גופא, אז זיי האָבן געטריבן א האנדל

ווייט איבער דער יבשה. אזוי, א שטייגער, ווערט אין דער ערשטער העלפט פונעם 13־טן י״ה איבערגעגעבן וועגן א שפּעטער באַרימט געוואָרענעם רופא פון טאָרטאָזאַ, אז ער האָט ביז צום 30־סטן יאָר פון זיין לעבן געפירט געשעפטן מיט אקאָ. פאר דער רעגירונגס-צייט פונעם קעניג יאַקאָב I (1213 — 1276) זענען אונז פארבליבן ידיעות וועגן א רייכן אראַגאָנישן ייד, וואָס איז געשטאַנען אין האנדלס-פארבינדונגען מיט אלעקסאנדריע, ווי אויך וועגן אלעקסאנדרישע יידן, וואָס האָבן פונם קעניג באַקומען א פּריווילעגיע, צו האנדלען אין אראַגאָניע. אין ש״ות פון יענער צייט ווערן עפּעטערס דערמאָנט יידן פון באַרצעלאָנא און סעווילא, וואָס האלטן זיך אויף, צוליב האנדלס-געשעפטן, אין פּאַלעסטינע, דמשק, אלעקסאנדריע, ציפּערן וכדומה. פון א בריוו, וועלכן דער קעניג פּעדראָ III האָט געשיקט אין י. 1280 צו זיינע אויסלענדישע פארטרעטער, ד׳ערוויסן מיר זיך, אז אראַגאָנישע יידן האָבן דעמאָלט געהאט לעבהאפטע האנדלס-באַציונגען מיט ירושלים, פּיזא, ווענעדיג און ציפּערן און אז דער קעניג פלעגט זיי שטיצן מיט זיין פּראָטעקציע ביי די אויסלענדישע הארן. פון די ארטיקלען, מיט וועלכע עס האָבן אין 13־טן י״ה געהאנדלט די אראַגאָנישע יידן, ווערט ד׳ערמאָנט: וויין, אייל, שאפראַן, תבואה, פלאקס, וואָל, בהמות. טיילמאָל הערן מיר אויך וועגן יידישע שקלאפן-הענדלער, וואָס טראַנספּאָרטירן אויסגעקויפטע שקלאפן קיין אפריקע. ארום די יידישע הענדלער באַגעגענען מיר יידן-מעקלער. אין באַרצעלאָנא און לערידא געניסן די יידישע מעקלער פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס. זיי ווערן באַטראַכט פאר שטאָטישע אָנגעשטעלטע און מוזן פארן „באַאַמטן" שווערן א שבועה, אז זיי וועלן ערלעך באַזאָרגן זייערע געשעפטן.

אין אן ענגן צוזאמענהאנג מיטן האנדל האָבן זיך אויך אנטוויקלט די קרעדיט-געשעפטן פון די אראַגאָנישע יידן.

שוין אין 11־טן י״ה באַגעגענען מיר אין קאַטאַלאָניע קריסטן וואָס זענען געווען פארשולדיקט ביי יידן. אין משך פון 12־טן י״ה אנטוויקלען זיך די יידישע קרעדיט-געשעפטן מיט אזא פארנעם, אז עס קומט צו א באַוועגונג צווישן די אדל-לייט און שטאָטישע עלעמענטן קעגן דער יידישער וואוכעריי, וואָס דאָס דערפירט ביים אָנהויב פון 13־טן י״ה צו געוויסע באַגרענעצונגען פון די יידישע געלט-אָפּעראַציעס. אין י. 1228 ווערט די יידן דורך א קעניגלעכן געזעץ פארווערט צו נעמען פּראָצענטן פון פּראָצענטן, און עס ווערט גלייכצייטיק באַשטימט, אז דער לעגאַלער צינז-פוס פון די יידישע הלוואות דארף באַטרעפן נישט מער, ווי 20% יערלעך, און נאָך 16% אויב די הלוואה איז נישט צוריקגעצאָלט געוואָרן

אין משך פון איין יאָר. אויך האָבן נישט געטאָרט געפאָדערט ווערן גרע־
סערע פראָצענט־סומעס, ווי די סומע פונם געבאָרגטן קאַפּיטאַל. נישט
געקוקט אָבער אויפן דאָזיקן געזעץ, פלעגט דער קעניג מאַכן אויסנאַמען
פאַר געוויסע קהילות, וואו די יידן האָבן געצויגן זייער יניקה דערעיקרשט
פון געלט־געשעפטן. אזוי, א שטייגער, האָט דער קעניג יאַקאָב I געמאַכט,
קורץ נאָכן ארויסלאָזן דאָס געזעץ, אן אויסנאַם פאַר די יידן פון מ אָ נ־
פ ע ל י ע און פ ע ר פ י נ י א ן, וועלכע ער האָט דערלויבט צו נעמען צינזן
פון צינזן און אין געוויסע פאַלן — מער ווי 20%. דאָסזעלבע האָט דער
קעניג א צייט שפּעטער דערלויבט די יידן פון ג ע ר אָ נ א, ב ע ס א ל ו און
פון דער גראַפשאַפט „ר ו ס י ל אָ ן" צו באַרעכענען און צו פאָדערן אין
געוויסע פאַלן גרעסערע צינז־סומעס, ווי די סומע פונם געבאָרגטן קאַ־
פּיטאַל. אזויאַרום פלעגט דער קעניג אליין אָפּשוואַכן דאָס האַרבע געזעץ,
וואָס די „קאָרטעס" האָבן ביי אים אויסגעפּועלט. די מאָטיוון פון זיין
האַנדלונג זענען קלאָר: די יידישע קאַמער־קנעכט האָבן נישט געטאָרט
אזוי ווייט געדריקט ווערן אין זייערע געלט־געשעפטן, אז עס זאָל דאָדורך
אָפּגעשוואַכט ווערן זייער שטייער־קראַפט, וואָס האָט געשפּילט אזא וויכ־
טיקע ראָלע אין דער דינאַסטישער פּאָליטיק פונם קעניג! ס'פאַרשטייט
זיך, אז די שיכטן, וואָס זענען געווען פאַרטראָטן אין די „קאָרטעס" האָבן
נישט געשוויגן: פון די יאָרן 1235, 1241, 1283, 1292 און 1300 זענען
אונז אויפגעהיט געוואָרן א ריי החלטות פון די „קאָרטעס", וואָס דער
ציל זייערער איז געווען צוריקצושטעלן דעם אין י. 1228 אויסגעפּועלטן
צינז־פוס אין דער הויך פון 20% און צו שאַפן כלערליי גאַראַנטיעס,
אז עס זאָלן נישט איינגעמאָנט ווערן אונטער פאַרשיידענע פאַרשליי־
ערונגען העכערע צינזן, ווי די סומע פונם געבאָרגטן קאַפּיטאַל.

דער קעניג פלעגט דידאָזיקע באַשלוסן געוויינלעך באַשטעטיקן, אָבער
צוליב די פילע אויסנאַמען, וועלכע ער פלעגט דאַן מאַכן פאַר פאַרשיידע־
נע קהילות, האָבן זיי זעלטן ווען געהאַט א פּראַקטישן ווערט אין לעבן.
ווען איין החלטה אָבער האָט דער קעניג יאָ געזאָרגט, אז זי זאָל אָפּגעהיט
ווערן אין לעבן און געווען איז דאָס די החלטה, וואָס איז אָנגענומען גע־
וואָרן דורך די „קאָרטעס" אין י. 1241, אז די יידישע תביעות, וואָס
שטיצן זיך אויף שולד־בריוו (שטרות), זאָלן פאַררעגיסטרירט ווערן דורך
געשוואָרענע נאָטאַריוסן. דער קעניג שטייט אויף דער וואַך פון דערדאָזי־
קער באַשטימונג מער צוליב זיינע אייגענע אינטערעסן, איידער צוליב די
אינטערעסן פון די בעלי־חובות. ער וויל אזויאַרום פאַרשאַפן פאַר זיך אן
עווידענץ איבער די תביעות פון זיינע קאַמער־קנעכט, כדי צו מאַכן דער־
פון אין א נויט־פאַל א רייכע געלט־הכנסה פאַר זיך. אזוי, א שטייגער,

ווערט אונז איבערגעגעבן, אז דער קעניג יאקאָב I האָט אין י. 1257 זיין געלט־נויט אויף אזא אופן באפרידיקט, אז ער האָט פאראָרדנט צו קאָנ־פיסקירן לטובת דעם קעניגלעכן אוצר אלע יידישע תביעות אין דער פראָווינץ אראגאָניע. אלס פועל־יוצא דערפון איז א ריי קהילות פאר־אָרעמט געוואָרן און עס איז אפילו דערגאנגען דערצו, אז א סך יידן האָבן געמוזט אויסוואנדערן. אגב, מוז באטאָנט ווערן, אז די געוואלד־טאט פון י. 1257 איז דער איינציקער פאל פונם דאָזיקן מין, וואָס לאָזט זיך פעסטשטעלן אין פארלויף פון דער באהאנדלטער תקופה.

אין אלגעמיין לאָזט זיך וועגן די קרעדיט־געשעפטן פון די אראגאָ־נישע יידן זאָגן, אז זיי האָבן אין אונזער תקופה נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין איינזייטיקע באשעפטיקונג פון דער יידישער באפעלקערונג. זיי זענען געווען א נאָרמאלע באגלייט־דערשיינונג פון דעם יידישן האנדל און יידישער מלאכה און זיי ווייזן זיך על־פי־רוב אין די פראָווינצן קאטאלאָניע, אראגאָניע און אין די קהילות פון די באלעארן־אינזלען, פון וואנען עס זענען אונז פון דערזעלבער צייט פארבליבן אָן א שיעור ידיעות וועגן יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות.

האָבנדיק זיך באקענט מיט דעם יידישן האנדל און וואנדל אין אראגאָניע ביז דעם סוף פון 13־טן י״ה, וועלן מיר איצט, כדי צו פאר־פולשטענדיקן דאָס בילד, זיך אָפּשטעלן ביי דעם יידישן ערד־באזיץ און ביי דער יידישער מלאכה.

א רייכן ידיעות־קוואל וועגן דעם יידישן ערד־באזיץ פאר־מאָגן מיר פון די סאמע עלטסטע צייטן, אין וועלכע ס׳האָט זיך אָנגע־הויבן די אראגאָנישע „רעקאָנקוויסטא״, דהיינו, די באפרייונג פון דער אראבישער ממשלה. פון 10־טן און 11־טן י״ה איז אונז פארבליבן א ריי אויסערסט אינטערעסאנטע דאָקומענטן וועגן יידישע ערד־באזיצער אין דער דעמאָלטיקער גראפשאפט בארצעלאָנא. מיר לייענען אין זיי וועגן א ייד בענוועניסטע, וואָס האָט ביים אָנהויב פון 11־טן י״ה גע־האט שטחים אקער־פעלד און וויינגערטנער לעבן דער הויפט־שטאָט פון דער גראפשאפט. אין י. 1015 קויפט די יידישע משפחה פרעבאליה אן אקער־פעלד אין דערזעלבער געגנט און פארפלאנצט דאָרט וויינטרויבן. אין צוזאמענהאנג מיט דער לאנדווירטשאפטלעכער באשעפטיקונג פון די יידן ארום בארצעלאָנא, ווערט צו יענער צייט גערופן א בארג ביי דער שטאָט — „דער יידן־בארג״. וועגן א ריי יידישע וויינגערטנער און פעלד־באלעבאטישקייטן ארום בארצעלאָנא און לעאָן דערציילן אונז אויך דאָ־קומענטן פון די יאָרן 1053, 1088, 1092 און 1098. לויט דער מיינונג פון באָפּארול, דעם ארויסגעבער פון די דאָזיקע קוועלן, האָבן די יידן

דעמאָלט געהאט אין זייער באזיץ לערך 1 דריטל פון אלע שטחים ארום בארצעלאָנא. די שאצונג ווייזט אָבער אויס צו זיין איבערגעטריבן.

דער איינדרוק, וועלכער באקומט זיך פון די קוועלן, איז דער, אז מיר האָבן דאָ צו טון ס'רוב מיט קליינע יידישע פעלד־באלעבאטישקייטן, וואָס ארום און ארום האָבן זיי געקאָנט מיט זיך פאָר־שטעלן בלויז א קליינעם שטח פון דער גראפשאפט. ווי שטארק ס'איז פונדעסטוועגן געווען פארטראָטן די לאנדווירטשאפט ביי די קאטאלאָנישע יידן, באווייזט בולט די שטרות-זאמלונג פון ר' יהודה בן ברזלי, וואָס שטאמט פון 11-טן י"ה און וואָס אנטהאלט פארשיידענע „אפירן" פאר קאָנטראקטן בנוגע אקער-פעלדער, נחלאות, שקלאפן וכדומה. די יידן האָבן געמוזט (פונקט ווי די מאָריסקער) פארקויפן זייערע ערד-באזיץ צו קריסטן בלויז מיטן הסכם פונם קעניג אָדער פונם „באיולוס", וואָס האָט אין אזא פאל פארטראָטן דעם קעניג, און זיי האָבן פון דעם פרייז געמוזט אָפּצאָלן 1 דריטל לטובת דעם קעניגלעכן אוצר. דאקעגן, האָבן זיי געמעגט אָן שום באגרענעצונגען קויפן ערד־שטחים ביי קריסטן אָדער פארקויפן צו יידן. א היפשער קוועלן־מאטעריאל וועגן יידישן ערד־באזיץ איז אונז אויפגעהיט געוואָרן פון דער צייט, ווען מאלאָרקא און די דרום־פראָווינץ וואלענציא זענען איינגענומען געוואָרן פון די אראגאָנער.

מיר דערוויסן זיך פונם ד'אָזיקן מאטעריאל וועגן יידישע לאנד־גיטער ארום דער שטאָט פאלמא (אויף די באלעארן), וועגן א רייכן יידישן ערד־באזיצער ביי מאָנטוערי, א געוויסן אסטרוג פון טארטאָזא וועגן זיינע 3 ברידער, וואָס זענען געווען ערד־באזיצער און אז. וו. אין צוזאמענהאנג מיט דער דעראָבערונג פון וואלענציא (1238) האָט דער קעניג א סך איינוואוינער פון דער פראָווינץ רייך באשאָנקען מיט נחלאות, און אָפט געפינען מיר אין די פארבליבענע רעגיסטערס פון דיזאָזיקע מתנות נישט ווייניק נעמען פון יידן, וואָס זענען דעמאָלט געקומען צו נחלאות און הייזער. אין די ש"ות פונם רשב"א, וואָס האָט געלעבט אין בארצעלאָנא אין דער צווייטער העלפט פון 13-טן י"ה, לייענען מיר עפטער וועגן יידן, וואָס ארבעטן אליין אויפן פעלד, פארזייען תבואה אָדער פארפלאנצן ווייַנטרויבן. מיר דערוויסן זיך אויך פון דערזעלבער קוועלע, אז אין א עת־צרה, ווען עס האָט אויסגעפעלט געלט אויף צו באצאָלן די שטייערן, פלעגן יידן, אנשטאָט געלט, אָפּצאָלן די שטייערן מיט ווייַן אָדער ווייץ: א ראיה, אז וויינגערטנערייַ און ערד-ארבעט האָבן דעמאָלט פאָרגעשטעלט מיט זיך א וויכטיקן פרנסה־צווייג פון די אראגאָנישע יידן.

צווישן די באזיץ-אָביעקטן פון די קהילות געפינען מיר אין דער-

דאָזיקער צייט, אחוץ הייזער און פּלעצער, אָפּט אויך פעלדער, וואָס ווערן איבערגעגעבן אין ארענדע. צווישן די יידישע ערד־באזיצער באגעגענען מיר טיילמאָל אזעלכע, וואָס פארנעמען זיך גלייכצייטיק מיט פי־צוכט און באזיצן גרויסע סטאדעס בהמות. אזוי, האָט דער אונז שוין באַוואוסטער אראגאָנישער גביר יהודה דע קאוואלעריא פארמאָגט 1000 שטיק קליין־פי, וועלכע דער קעניג האָט אים דערלויבט צו כאָווען אויף קעניגלעכע לאָנקעס. די פאסטוכער פון די סטאדעס זענען געווען קריסטן. יהודה דע קאוואלעריא באלאנגט צו דעם קלאס פון גרויסע ערד־באזיצער און אונטערנעמער, וואָס האָט צווישן די אראגאָנישע יידן געשפּילט א גרויסע ראָלע. אין אלגעמיין זענען די יידישע ערד־באזיצער אין אראגאָניע געווען קליינע לאנדווירטן, פארמער און גערטנער, וואָס האָבן אליין באארבעט זייערע נחלאות. זיי באלאנגען צו דעם ברייטן שיכט פון יידישע ארבעטס־מענטשן, צו וועלכן ס׳באלאנגען אויך די יידישע בעלי־מלאכות, וואָס וועלן אונז דאָ ווייטער באשעפטיקן.

די יידישע מלאָכה איז געווען אין אראגאָניע בעת דער באַהאנדלטער תקופה אזוי שטארק פארשפּרייט, אז מען באגעגנט יידן כמעט אין אלע אינדוסטריעלע פארצווייגונגען, אָנהויבנדיק פון דער פּרימיטיווסטער ארבעט און אויסלאָזנדיק מיט די פיינסטע, אינדוסטריעלע אויסארבעטונגען. באזונדערס אָפט לייענט מען וועגן יידישע האנדווערקער אין די קוועלן פון 12־טן און 13־טן י״ה, אָבער שוין פארן 11־טן י״ה איז פאראן א וויכטיקע קוועלע, וואָס באווייזט אונז, אז עס האָבן שוין דעמאָלט געמוזט עקזיסטירן גרעסערע יידישע ווארשטאטן, וואָס האָבן געארבעט נישט בלויז אויף אינדיווידועלע באשטעלונגען, נאָר אויך פאר האנדלס־צוועקן לויט באשטעלונגען פון יידישע סוחרים. אזא קוועלע איז דער עפּעס שוין דערמאָנטער „ספר השטרות״ פון ר׳ יהודה בן ברזלי פון בארצעלאָנא, וואו מיר געפינען „אפירן״ פאר קאָנטראקטן צווישן סוחרים און האנטווערקער־כאלופניקעס. אין די קוועלן פון 12־טן און 13־טן י״ה ווערן דערמאָנט יידישע בעקער, קצבים, שניידער, שוסטער, שמידן, פארבער, וועבער, שערער וכדומה. באזונדערס שטארק זענען געווען די אראגאָנישע יידן פארטראָטן אין דער פארבעריי און וועבעריי — א ירושה, וואָס טרעט אויך ארויס אין דער מיטלאלטערלעכער ווירטשאפטס־געשיכטע פון די איטאליענישע און גריכישע יידן! וועגן יידישע צעכן זענען אין די אראגאָנישע קוועלן ביז צום סוף פון 13־טן י״ה נישט פארבליבן קיין שום ידיעות. די עלטסטע קוועלן־ידיעות וועגן זיי שטאמען ערשט פון 14־טן י״ה.

31 § דאָס יידישע ווירטשאפטס-בילד אין אראַגאָניע בעת דעם 14-טן י"ה.

דאָס 14-טע י"ה האָבן מיר שוין פריער כאראקטעריזירט אַלס איבערברוך-תקופה אין דער יידיש-אראגאָנישער ווירטשאפטס־געשיכטע, בעת די ווירטשאפטס־פּאָזיציעס פון די יידן ווערן כסדר אָפּגעשוואכט און צעשטערט. דאָ ווייטער וועלן מיר זיך אָפּשטעלן ביי דעם קוועלן-מאַטעריאַל, וואָס אילוסטרירט אונז די סיבות און די גרויס פון דעם צוזאַמענברוך. צוליב א בעסערער איינטיילונג פון די פאקטן, וועלן מיר איינהאלטן דעמזעלבן סדר, לויט וועלכן מיר האָבן באטראכט די ווירטשאפטלעכע פּאָזיציעס פון די אראגאָנישע יידן אין דער פּאָריקער תקופה. מיר וועלן באשרייבן די ירידה פון יעדן ווירטשאפטס־צווייג באזונדער.

מיר הויבן אָן פון דעם גרויס-קאפּיטאַליסטישן ווירטשאפטס-צווייג, דהיינו, פון דער *מלוכהשער פינאנץ-פארוואלטונג* און פון *די גרויסע מלוכהשע ליפערונגען* און *אונטערנעמונגען*, וואָס האָבן פאר די אראגאָנישע יידן אין דער פּאָריקער תקופה פאָרגעשטעלט אזוא ברייט פעלד פון ווירטשאפטלעכער טעטיקייט און שנעלער באַרייכערונג. שוין ביים סוף פון 13-טן י"ה לאָזט זיך מערקן דער איבערברוך אינם דאָזיקן געביט. דאָס געזעץ פון י. 1289, אין וועלכן דער קעניג *אלפאָנס* III האָט אונטער דעם דרוק פון די „קאָרטעס" פארווערט די יידן צו פארנעמען עפנטלעכע אמטן, האָט געהאט, ווי ס'ווייזט אויס, גרעסערע ווירקונגען אין דער פּראקטיק. אין משך פון 14-טן י"ה באגעגענען מיר א סך זעלטענער יידישע „באיולוס" און הויפישע ליפעראנטן, ווי אין 13-טן י"ה. אויך זענען די יידישע שטייער-ארענדאַרן, וועלכע מען באגעגנט אמאָל אין משך פון 14-טן י"ה, פון א סך א קלענערן פארנעם, ווי, א שטייגער, אזעלכע ווי די פּאָרטאָס, די קאַוואלעריאס, אַבּרבּליהס, וועלכע מיר האָבן געזען אין דער פּאָריקער תקופה. זיי זענען מלוכהשע אָנגעשטעלטע פון א ווייטערן ראנג, און עס איז אונז פון דעם 14-טן י"ה גישט באוואוסט קיין איינציקער פאל, אז א ייד זאָל דעמאָלט האָבן פארנומען א שטעלע אין דער צענטראַלער מלוכהשער פינאנץ-פארוואלטונג.

פאר דער ממשלה פונם קעניג יאקאָב II (1291—1327) זענען אונז באוואוסט סך-הכל איין יידישער „באיולוס" אין *מאנרעזא*, מיטן נאָמען *באָנעטום ווידאַליס* און 4 יידן — קעניגלעכע שטייער-ארענדאַרן אין *מילאס*. דאקעגן באנוצט דער קעניג עפטער יידישע רופאים און יידן-דיפּלאָמאטן (אזוי, א שטייגער, ווערט פון אים געשיקט דער ייד *שמואל אלפאקים* אין א דיפּלאָמאטישער שליחות צו

די אראבישע הערשער פון גראנאדא און מאראָקאָ). דאָסזעלבע בילד זעען מיר אויך אין דער רעגירונגס-צייט פון די קעניגן אלפאָנס IV און פעדראָ IV (1327—1380): מיר באגעגענען אין קעניגלעכן הויף א גרויסע צאָל יידן-רופאים, אסטראָנאָמען, געאָגראפן, איבערזעצער וכדומה. דערפאר אָבער — זייער זעלטן יידן, וואָס זאָלן פארנעמען א שטעלע אין דער פינאנץ-פארוואלטונג. אין די ש"ות פון ר' יצחק בן ששת, וואָס האָט געלעבט אין אראגאָניע און וואָס נעמט ארום לערך מיט זיין ווערק די יאָרן 1370—1410, ווערן דערמאָנט אייניקע יידישע פראָווינציעלע שטייער-ארענדארן אין הועסקא און 2 — 3 יידישע מינץ-מייסטער, וואָס האָבן געהאט אין ארענדע די קעניגלעכע מינצעריי. ר' יצחק בן ששת דערציילט אונז, אז די מינץ-מייסטער זענען (ארום די י"י 1370—1374) אָנגעקלאָגט געוואָרן וועגן מינץ-פעלשונגען און אז דער קעניג (פעדראָ IV) האָט דאָס אויסגענוצט אלס א געלעגנהייט, אויס־צופרעסן פון די יידן א גרויסן אָפּצאָל דערפאר, וואָס ער פארטרייבט זיי נישט פונם לאנד צוליב די פארברעכנס פון די מינץ-ארענדארן. קורץ פאר דער קאטאסטראָפע, אינם י. 1391, באגעגענען מיר אונטערן קעניג כואן I צוויי יידן פון כאטיווא, וואָס פארנעמען הויכע שטעלעס און דעם ייד אלאצאר (אליעזר) גאָלאט, וואָס ווערט פון דער קעניגין באנוצט אלס איר פריוואטער שאץ-מייסטער.

א שטארקער צוריקגאנג מערקט זיך אויך אויף דעם געביט פון די יידישע קרעדיט-געשעפטן. דער קעניג יאקאָב II גיט נאָך דעם רצון פון די „קאָרטעס", און באמיט זיך, עס זאָל אָפּגעהיט ווערן אין דער פראקטיק די אונז שוין באוואוסטע געזעצן וועגן דער יידישער וואוּ־כער־ריי פון די יאָרן 1228, 1235, 1241 און 1283 און ער פארשארפט נאָך דידאָזיקע אזוי אויך געגוג שטרענגע געזעצן דורך נייע באשטימונגען אין די יאָרן 1292 און 1300. בכדי צו האָבן די פולע זיכערקייט, אז די „וואוכער-געזעצן" וועלן נישט איבערגעטרעטן ווערן, פאראָרדנט דער קעניג אין י. 1307, אז די קהילה-פאָרשטייער זענען מחוייב יעדעס יאָר אין דער אָנוועזנהייט פון דעם „באיולוס" און פון נאָך צוויי קריסטן צו פארמסרן יענע יידן, וואָס האָבן נישט אָפּגעהיט די געזעצן און ארייננצו־לייגן זיי אין חרם. די קהילות האָבן זיך ביים נאָכפאָלגער פון קעניג יאקאָב II משתדל געווען וועגן אראָפּנעמען פון זיי דידאָזיקע שווערע השגחה איבער די יידישע פראָצענטניקעס, אָבער דער קעניג האָט דער־פאר פארלאנגט פון יעדער קהילה אזעלכע גרויסע „אויסקויף-געלטער", אז עס זענען געווען אומשטאנד זיך „אויסצוקויפן פונם געזעץ" בלויז די דריי רייכסטע קהילות אין אראגאָניע, דהיינו, בארצעלאָנא, סא־

ר א ג אָ ס א און ט א ר א ג אָ נ א. אין אַלע איבעריקע קיהלות האָט דאָס קרע־דיט־געשעפט פאַרלאָרן די פריערדיקע באַדייטונג אלס יניקה־קוואַל, מחמת דער צינז־פוס פון 16%—20%, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך די „וואוכער־געזעצן, איז געווען בײַ די פאַרהעלטענישן פון יענע צײַטן אַזוי נידעריק, אַז עס האָט פשוט נישט געלוינט צו וואוכערן. די ירידה פון די קרעדיט־אָפּעראַציעס לאָזט זיך אָבער אויך דערקלערן דערמיט, וואָס די קאַפּיטאַל־קראַפט פון די אַראַגאָנישע ייִדן איז שוין אין דער ערשטער העלפט פון 14־טן י״ה געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט. אלס באַווײַז קאָן אונז דינען דער פאַקט, וואָס די אַראַגאָנישע קעניגן פלעגן זיך דעמאָלט ווענדן נאָך גרעסערע געלט־הלוואות צו די רײַכע ייִדן אויסערהאַלב דער אַראַגאָנישער מלוכה, נישט קאָנענדיק, אפּנים, צונויפקלאַפּן די נויטיקע געלטער בײַ זייערע אייגענע ייִדן. אַזוי, א שטייגער, איז קעניג פּעדראָ IV (1336—1387) געשטאַנען אין געשעפטס־פאַרבינדונגען מיט דעם רײַכן ייִדישן באַנק־הויז א ב ל י ט א ס פון ט ו ד ע ל א (וואָס האָט באַלאַנגט צו דער זעלבסטשטענדיקער מלוכה נ א וו א ר א) און ער איז אַרום י. 1342 שולדיק געווען דעם פאַרשטייער פון דערמאָנטן באַנק־הויז, ד אָ ן ע צ מ ע ל (אסמעיל אָדער אסמאעיל) נישט ווייניקער, ווי 60.000 סועלדאָס און 3.000 ליוור. שטאַרק פאַרשולדיקט בײַ דאָן עצמעל זענען אויך געווען די פאָרגענגער פון פּעדראָ IV, די קעניגן יאַקאָב II און אַלפאָנס IV.

אין דער צווייטער העלפט פון 14־טן י״ה זענען די אַראַגאָנישע ייִדן, צוליב די פּאָגראָמען אין די יאָרן 1348, 1370, 1375 און 1378, ווי אויך צוליב די גרויסע געלט־אויספּרעסונגען אין דער פאָרם פון שטייערן און בלערליי אָפּצאָלונגען, נאָך מער פאַראָרעמט געוואָרן. די פאַראָרעמונג איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז די קהילות האָבן זיך געמוזט פאַרשולדיקן בײַ די קריסטן, אום צו קאָנען באַצאָלן די שטייערן. מיר געפינען וועגן דעם א ריי ידיעות אין די ש״ות פון ר׳ יצחק בן ששת און דיזאָזיקע ידיעות ווערן אויך באַשטעטיקט פון אַנדערע קוועלן. אַזוי, א שטייגער, ווערט אונז איבערגעגעבן פון די יאָרן 1350—1351, אַז די קהילות האָבן זיך דעמאָלט משתדל געווען בײַם קעניג פּעדראָ IV וועגן א „מאָראַטאָר־יום פאַר זייערע חובות, אַז די געלטער, וועלכע זיי זענען שולדיק פּרי־וואַטע מענטשן, זאָלן זיי נישט דאַרפן אָפּצאָלן אין א צײַט, ווען עס ווערן פעליק די טערמינען פון די קעניגלעכע שטייערן. דער קעניג האָט באַ־וויליקט אויפן מאָראַטאָריום, אָבער ער האָט די באַוויליקונג געמוזט באַלד צוריקציִען, מחמת די „קאָרטעס", וואָס זענען זיך דעמאָלט צונויפגעקו־

מען אין פערפיגנאן, האָבן אויפגעהויבן א שטורעם קעגן דער פאַר־לייכטערונג, וועלכע דער קעניג האָט געגעבן די יידן.

צום ווייניקסטן מערקט זיך די ירידה אויף די געביטן פון האנדל, מלאכה און לאַנדווירטשאַפט. ווי אין דער פריִקער תקופה, איז דער אויסלענדישער האנדל געווען קאָנצענטרירט אויך אין משך פון 14-טן י״ה דערעיקרשט ביי די יידן פון די באַלעאַרן־אינזלען און פון די האַפן־שטעט: פערפיגנאן און בארצעלאָנא. פון די יאָרן 1316 און 1326 זענען אונז פאַרבליבן ידיעות וועגן יידן פון מאַלאָרקא, וואָס פירן א האנדל מיט צפון־אפריקע. אין י. 1359 זענען זיך די יידן פון די באַלעאַרן־אינזלען משתדל ביים קעניג פעדראָ IV, ער זאָל פאַרווערן זיי קהילות פונם אראַגאָנישן פעסט־לאַנד צו נעמען ביי זיי שטייערן, מחמת זיי האַלטן זיך דאָרט אויף בלויז צייטווייליק צוליב האנדלס־צוועקן. דער מאַסן־אַרטיקל, וועלכן די יידן פון די באַלעאַרן־אינזלען פלעגן עקספּאָרטירן קיין אראַגאָניע, איז געווען געפּעקלט שעפּסן־פלייש. פון דיערזעלבער צייט ווערט אונז איבערגעגעבן דורך א העברעישער קוועלע (ש״ות פון ר׳ ניסם אויס בארצעלאָנא), אז די יידן פון בארצעלאָנא פירן א האנדל מיט די מזרח־לענדער און אז זיי מאַכן האַנדלס־נסיעות קיין פּאַלעסטינע, סיריע, אַלעקסאַנדריע און ציפּערן. אין א דאָקומענט פונם י. 1341 ווערן דערמאָנט 2 יידישע שקלאַפן־הענדלער פון בארצע־לאָנא. אין י. 1365 באַקומען די יידן פון דער צפונדיקער האַפן־שטאָט פערפיגנאַן א קעניגלעכע פּריווילעגיע אויף צו פירן א האנדל מיט דעם שכנותדיקן פראַנקרייך און זיי מאַכן דאָרט האנדלס נסיעות.

פון די יאָרן 1370—1410 זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן מערערע ידיעות וועגן דעם האנדל פון די אראַגאָנישע יידן, א דאַנק די ש״ות פון ר׳ יצחק בן ששת. עס ווערט דאָ דערציילט, אז די יידן פון מאַלאָרקא ציען זייער יניקה הויפּטזעכלעך פונם אויסלענדישן האנדל און טראַנס־פּאָרט. ווייטער ווערן ז׳אָ דערמאָנט יידישע וואָל־ און וויין־הענדלער פון די פּראָווינצן קאַטאַלאָניע און וואַלענציע. וועגן דעם יידישן וויין־האנדל אין דער שטאָט כאַטיוואַ (פּראָווינץ וואַלענציא) באַמערקט בן ששת, אז ער איז רעגולירט געוואָרן דורך די קהילה־פאַריפן, וואָס האָבן פעסטגע־שטעלט די פרייזן. אין אַנדערע אראַגאָנישע קוועלן פון דערזעלבער צייט ווערן דערמאָנט יידישע פערד־סוחרים, תבואה־עקספּאָרטערן, מעקלער און אַז. וו.

באַדייטנדיק איז אויך געווען אין משך פון דער פּאַהאַנדלטער תקופה די באַטייליקונג פון די אראַגאָנישע יידן אין דער מלאכה. אין די אראַ־גאָנישע קוועלן פון 14-טן י״ה ווערן דערמאָנט יידן בעלי־מלאכות, ווי

וועבער, שניידער, שוסטער, טעפער, גאָלדשמידער, זייגערמאכער, אייג־בינדער און אז. וו. אין דער שטאָט סאראגאָסא איז אין י. 1336 אָר־גאַניזירט געוואָרן א יידישער שוסטער־צעך. אין דערזעלבער שטאָט האָבן דעמאָלט אויך געשטמט יידישע פארבער. אין דער שטאָט הועסקא (אושקא) האָט אין 14־טן י״ה עקזיסטירט א ייִדישער וועבער־צעך. דאָסזעלבע ווערט אונז אויך איבערגעגעבן וועגן דער שטאָט קאטאלא־יוד.

דער צעך פון די ייִדישע וועבער האָט דאָ פארמאָגט אן אייגענע שול (ש״ות פון ר׳ יצחק בן ששת). לסוף זאָל נאָך דערמאָנט ווערן דער יידישער שניידער־צעך אין דער שטאָט פערפיגנאן, וועגן וועלכן ס׳דערציילן די קוועלן פון 14־טן י״ה, אז ער האָט פאר זיינע מיט־גלידער אויפגעבויט אן אייגענם שפיטאָל.

וואָס שייך דער באטייליקונג פון די אראגאָנישע יידן אין דער לאנדווירטשאפט, לאָזט זיך נישט מערקן קיין גרעסערע פארענ־דערונג אין פארגלייך מיט די פארהעלטענישן בעת דער פאָריקער תקופה. מען קאָן בלויז משער זיין, אז צוליב דער ירידה פון די יידישע קרעדיט־אָפעראציעס פלעגט אלץ זעלטענער געשען, אז יידן זאָלן קומען צום ערד־באזיץ א דאנק דעם היפאָטעק־קרעדיט. מען דארף אוודאי אָננעמען, אז צו יענער צייט זענען אויך קלענער געוואָרן די רייען פון די יידישע גרויסע ערד־באזיצער,וועלכע מיר פלעגן באגעגענען אין דער פאָריקער תקופה. אין דעם ביסל ידיעות, וואָס מיר געפינען וועגן יידישע ערד־באזיצער אין די אראגאָנישע קוועלן פון 14־טן י״ה, רעדט זיך כמעט אויסשליסלעך וועגן קליינע נחלאות. אזוי, א שטייגער, ווערן אין די ש״ות פון ר׳ יצחק בן ששת אָפט דערמאָנט פעלדער, וויין־גערטנער און אייל־פלאנצונ־גען, וואָס ווערן באארבעט דורך יידישע באזיצער און ארבעטער. אין געוויסע ש״ות ווערט דערציילט וועגן יידן, וואָס באטייליקן זיך אין דער שניט־ארבעט און וואָס פירען די געשניטענע תבואה אין די שייערס. אין א ש״ות פון ר׳ שלמה בן אדרט פון בארצעלאָנא (ביים סוף פון 13־טן און אָנהויב 14־טן י״ה) רעדט זיך וועגן א ייד, וואָס פירט אָן מיט דער ארבעט פון זיין זונס ערד־באזיץ, ער אקערט און זייט אליין א. ד. גל.

רעזומירנדיק די געבראכטע פרטים וועגן דער ווירטשאפטלעכער טעטיקייט פון די אראגאָנישע יידן אין משך פון 14־טן י״ה, קאָנען מיר פעסטשטעלן, אז די יידן ווערן אין דעדאָזיקער צייט פארטריבן פון די רייכסטע יניקה־קוואלן, ווי מלוכה־שטעלעס, שטייער־ארענדעס און קרעדיט־אָפעראציעס,

און אז דעם שווער־פונקט פון דער יידישער ווירטשאַפט אין אראַגאָניע שטעלן דעמאָלט פּאַר אַזעלכע ווירטשאַפטס־צווייגן, ווי האַנדל, מלאָכה און קליינער ערד־באַזיץ. די צווייטע דערשיינונג, וואָס לאָזט זיך פאַ־דערזעלבער צייט פעסטשטעלן, איז די אַלגעמיינע פאַראָרעמונג פון דער יידישער באַפעלקערונג — א דערשיינונג, וואָס מערקט זיך שוין אין דער ערשטער העלפט פונם 14-טן י"ה און וואָס ווערט אָבער באַזונדערס בולט ערשט נאָך דעם פּאָגראָם־יאָר 1348.

קאפיטל צען

דער סאָציאַלער אוןווירטשאַפטלעכער מצב פון די שפּאַנישע יידן אין דער צייט פון 11-טן יאָרהונדערט ביז דעם יאָר 1391

המשך.

§ 32 **די סאָציאַלע און ווירטשאַפטס-געשיכטע פון די יידן אין פּאָרטוגאַל** שטעלט מיט זיך פאָר אין אירע הויפּטשטריכן דאָסזעלבע בילד, וועלכעס מיר האָבן געזען אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע. די קעניגן טרייבן אין פּאָרטוגאַל דיזעלבע יידן-פּאָליטיק און לאַווירן פּונקט אַזוי ווי אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע צווישן זייערע אייגענע אינטערעסן און די אינטערעסן פון דעם אדל, פון דער קירכע און פון די קריסטלעכע שטאָט-לייט. ווי אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע, זענען אויך אין פּאָרטוגאַל די אינטערעסן פון די קעניגן געווען ענג צונויפגעבונדן מיט דעם וואוקס פון דעם יידישן הכנסה-קוואל, און היות, ווי די אדל-לייט, די קירכלעכע און שטאָטישע שיכטן האָבן געשטרעבט צו מאכט-פּאָזיציעס אויפן חשבון פון די קעניגלעכע בארעכטיקונגען און אינטערעסן, איז זייער פּאָליטיק במילא אויך געווען געווענדעט קעגן די „קעניגלעכע קאַמער-קנעכט" — די יידן.

דער איינציקער אונטערשייד, וואָס לאָזט זיך פעסטשטעלן אין פאַרגלייך מיט די פאַרהעלטענישן אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע, איז בלויז דער, וואָס די פּאָרטוגעזישע קעניגן האָבן זיך לענגער געראַנגלט מיט דער יידן-פיינטלעכער פּאָליטיק פון די „קאָרטעס", אַזוי, אַז דער איבערברוך קומט פאָר אין פּאָרטוגאַל כמעט מיט אַ גאַנץ יאָרהונדערט שפּעטער: אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע מערקן זיך די ערשטע סימנים פון איבערברוך שוין אין 13-טן י"ה און די קאַטאַסטראָפע הויבט זיך אָן אַרום דער העלפט פון 14-טן י"ה. אָבער דער שטורעם פון די פּאָרטוגעזישע „קאָרטעס" קעגן די יידן ווערט אַלץ העפטיקער ערשט אין דער

צווייטער העלפט פון 14-טן י"ה און די קאטאסטראָפע גרייט זיך צו
ערשט אין משך פון 15-טן י"ה. די סיבה פונם דאָזיקן „פארשפעטיקטן"
פּראָצעס אין פּאָרטוגאַל דערקלערט זיך, חוץ דעם דערמאָנטן אינערלעך-
פּאָליטישן מאָמענט, אויך דערמיט, וואָס פּאָרטוגאַל איז געווען ווירט-
שאפטלעך הינטערשטעליק אין פארגלייך מיט קאסטיליע און אראַגאָניע
און וואָס צוליב דעם האָט מען זיך אין פּאָרטוגאַל לענגער גענויטיקט אין
די יידישע ווירטשאפטס-פאקטאָרן.

גייען מיר איבער פון די אָנגעוואָרפענע אלגעמיינע באמערקונגען צו
די פּרטים, באקומען מיר פון דעם קוועלן-מאטעריאַל אזא מין בילד:
פּאָרטוגאַל אָרגאניזירט זיך ווי א זעלבסטשטענדיקע מלוכה אונטער
קריסטלעכע מאכט-האָבער ערשט ביים סוף פון 11-טן י"ה, און זינט דע-
מאָלט הויבט זיך אויך אָן זיי אייגנטלעכע געשיכטע פון די פּאָרטוגעזי-
שע יידן. לויט די עלטסטע ידיעות, וואָס זענען אונז פארבליבן וועגן דער
ווירטשאפטלעכער טעטיקייט פון די יידן אין פּאָרטוגאַל, האָבן זיי זיך
פארנומען דערעיקרשט מיט האנדל און קרעדיט-געשעפטן.
אזוי, א שטייגער, באשטימט די עלטסטע קאָנסטיטוציע פון דער שטאָט
אבראנטעס, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין י. 1179, אז די
יידישע סוחרים, וואָס באזוכן די ירידים אין דער שטאָט, זענען גלייכבא-
רעכטיקט מיט די קריסטלעכע האנדלס-לייט. די פרייהייטס-בריוו, גע-
רופן „Foros“ אָדער „Foraes“, וואָס זענען אין 12-טן י"ה דערלאַנגט גע-
וואָרן די שטעט סאנטארעם און בעכא (Beja) פארנעמען זיך
צווישן אנדערן אויך מיט דער רעגולירונג פון די יידישע קרעדיט-גע-
שעפטן און באשטימען, אז כּדי אויסצומיידן עווענטועלע קאָנפליקטן,
דארפן די חובות צוריק געצאָלט ווערן די יידישע געלט-געבער אין דער אָנ-
וועזנהייט פון א שטאָטישן פאָרשטייער.

א סך רייכער איז דער קוועלן-מאטעריאַל פון 13-טן י"ה. ער בא-
קענט אונז קודם-כל מיט דער דערשיינונג, וועלכע מיר האָבן געקאָנט ווי
א זייער כאראקטעריסטישן שטריך באאָבאכטן אין קאסטיליע און אראַ-
גאָניע, דהיינו, מיט דער צוציונג פון פּראָמינענטע יידישע באנקירן און
אונטערנעמער צו מלוכהשע שטעלעס און שטייער-ארענ-
דעס. פון דער צייט פונם קעניג סאנכאָ II (1223—1248) איז אונז
פארבליבן א קול-קורא פונם פּויפּסט גרעגאָר IX צו די פּאָרטוגעזישע
גלחים, וואו עס ווערט שארף געטאדלט די האנדלונג פונם קעניג, אז ער
באנוצט זיך מיט יידישע פינאנץ-לייט, וועלכע ער געטרויט אָן פארשי-
דענע אמטן. ארום דער העלפט פון 13-טן י"ה פארקלאָגן די גלחים דעם
קעניג אלפאָנס III פאר דעם פּויפּסט, אז ער באשעפטיקט יידן, פונקט

ווי סאנכאָ II, אויף מלוכה-שטעלעס. די פּראָטעסטן און אָנקלאָגן מצד דער קירכע האָבן אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן און מיר באגעגענען הויכ־געשטעלטע יידישע באאמטע אויך אונטער דעם קעניג דיניץ ביים סוף פון 13־טן י"ה. אלס שאַץ-מייסטער פונם דאָזיקן קעניג האָט געווירקט דער ייד ר' יהודה כהון, וואָס איז גלייכצייטיק געווען Arabi Moor des Judaes — דער העכסטער רב פון די פּאָרטוגעזישע יידן. דער זון פון ר' יהודה, מיטן נאָמען גדליה, איז אין דערזעלבער צייט געווען דער שאַץ-מייסטער פון דער קעניגין-מוטער און דער ארענדאַר פון די שטייערן פאר כשר פלייש, וואָס זענען געגאנגען לטובת דעם קעניג. די סומע, וועלכע ר' גדליה האָט געצאָלט דעם קעניג פאר דערדאָזיקער ארענדע, האָט באטראָפן יערלעך 5.000 גאָלד-גילדן. די קוואַליפיקאציעס צו די־דאָזיקע הויכע שטעלעס האָבן זיך סיי ר' יהודה, סיי ר' גדליה (וואָס איז, אגב, נאָכן טויט פון זיין פאָטער געוואָרן דער אויבער-רב פון די יידן אין פּאָרטוגאל) דערוואָרבן אלס געניטע באנקירן. זיי האָבן געטריבן קרעדיט-געשעפטן דערעיקרשט מיט דעם אדל און די קאפּיטאלן, וועלכע זיי פלעגן אויסבאָרגן, האָבן טיילמאָל דערגרייכט הויכע סומען. אזוי, א שטייגער, איז איינער אן אדלמאַן שולדיק געווען ר' יהודהן א קיילעכיקע סומע פון 6.000 ליוור. די קרעדיט-געשעפטן מיט די אדל-לייט פלעגן פארזיכערט ווערן מיט דער הילף פון אומבאַוועגלעכע משכנות, האָט דער בעל-חוב נישט באצאָלט דעם חוב, איז דער יידישער געלט-געבער געווען בארעכטיקט איבערצונעמען אין זיין רשות דעם פארמשכונטן ערד-שטח און צו באלעבאַטעווען מיט אים, ווי מיט זיין אייגנטום. עס האָבן אָבער אין משך פון 13־טן י"ה געטראָפן פאלן, אז די אדל-לייט האָבן דעם פארמשכונטן באָדן פארקויפט צו קריסטן, איידער זיי האָבן אָפּגעצאָלט די חובות די יידישע געלט-פארלייער. בכדי צו מאכן א סוף צו אזעלכע אומריינע אָפּעראציעס, האָט דער קעניג אלפאָנס III (1279—1248) פארווערט דורך א ספּעציעלער פאראָרדענונג צו פארקויפן צו קריסטן ערד־שטחים, וואָס זענען געווען פארמשכונט ביי יידן. גלייכצייטיק האָט דער קעניג אויך באשטימט, אז די יידן איז נישט דערלויבט צו נעמען מער פּראָצענטן, ווי עס באטרעפט דער אנטליענער קאפּיטאל.

א צווייטער וויכטיקער יניקה-קוואל איז געווען פאר די פּאָרטוגעזי־שע יידן אין משך פון 13־טן י"ה — דער אומבאַוועגלעכער באַזיץ. דער קעניג אלפאָנס III האָט נישט בלויז נישט געשטערט די יידן צו קויפן באָדן-שטחים ביי קריסטן און מאכמעדאנער, נאָר ער האָט זיי אפילו שטארק געשטיצט דערביי, באפרייענדיק, למשל, דעם באָדן, וואָס איז איבערגעגאנגען צו יידן, פון די אָפּצאָלונגען לטובת דער

קירכע, הגם דערדאָזיקער באָדן איז פריער, איידער ער האָט באַלאַנגט צו נישט-יידן, געווען באַשטייערט מיט א קירכע-שטייער. עס האָבן איז דעם פרט נישט געהאָלפן די פראָטעסטן פון די קירכע-פאָרשטייער, פונקט ווי עס האָבן אויך נישט געהאָלפן די פראָטעסטן זייערע קעגן דעם, וואָס יידן באַשעפטיקן אויף זייערע פעלדער מאָכמעדאַנישע שקלאַפן, הגם די לעצטע זענען אריבער צום קריסטנטום. דער קעניג איז געווען צוליב פי־נאַנציעלע טעמים פאַראינטערעסירט, אז די יידישע קאַמער-קנעכט זיינע זאָלן וואָס מער אריינגעצויגן ווערן אין אומבאַוועגלעכן באַזיץ, און ער האָט זיי אפילו דורך א ספּעציעל צוגעטראַכטן פינאַנץ-סיסטעם גע־צוואונגען, יעדעס יאָר צו פאַרגרעסערן זייער באָדן-באַזיץ. אזוי, א שטייער, ווערט אונז פון 13-טן י"ה איבערגעגעבן וועגן די יידן אין בראַגאַנץ, אז א קעניגלעכע פאַראָרדענונג האָט אויף זיי ארויפגעלייגט דעם חוב, יעדעס יאָר אויסצוקויפן פאַר 2.000 מאַראַוועדי קעניגלעכע ווייג־גערטנער און פאַר 1000 מאַראַוועדי קעניגלעכע אקער-פעלדער.

א דאנק די גרויסע ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן, וואָס זענען פאַר די יידן געשאַפן געוואָרן דורך דער קעניגלעכער פּראָטעקציע, האָט פּאָר־טוגאַל צוגעצויגן אלץ מער יידן, אזוי, אז מיר באַגעגענען ארום דער העלפט פונם 14-טן י"ה אין דעמדאָזיקן קליינעם לאַנד לערך 40 אָרגאַני־זירטע קהילות. דער קעניג האָט נישט בלויז געזאָרגט דערפאַר, אז די יידישע איינוואַנדערער זאָלן אויפגענומען ווערן אין דער מלוכה אָן שום שטערונגען, נאָר ער איז גלייכצייטיק אויך געווען פאַראינטערעסירט, צו שטערן די אויסוואַנדערונג פון די רייכע יידן. אזוי, א שטייגער, איז אונז פון י. 1352 באַוואוסט א קעניגלעכע פאַראָרדענונג, וואָס פאַרווערט יענע יידן, וועלכע האָבן מער, ווי 500 ליוור זייער אייגנס, אויסצוואַנדערן פון דער מדינה אָן א ספּעציעלער דערלויבעניש פון דעם קעניג. אין דעמ־זעלבן צוזאַמענהאַנג זאָל אויך דערמאָנט ווערן א קעניגלעכע פאַראָרדע־נונג לטובת די קאַסטילישע און אראַגאָנישע יידן, וואָס האָבן, צוליב די מוראַדיקע פּאָגראָמען אין י. 1391, געזוכט און געפונען א מקום מנוחה אין פּאָרטוגאַל: דידאָזיקע איינוואַנדערער, — זאָגט די פאַראָרדע־נונג — שטייען אונטערן קעניגלעכן שוץ און זייער איינוואַנדערונג טאָר פון קיינעם נישט געשטערט ווערן. ס'פאַרשטייט זיך, אז דער שוץ האָט די יידן אָפּגעקאָסט נישט ווייניק.

א בליק אין דער פינאַנץ-געשיכטע פון פּאָרטוגאַל קאָן אונז לייכט איבערציינגן ווי אומגעהויער גרויס עס איז געווען דער פינאַנציעלער נוצן, וועלכן דער קעניג האָט געצויגן פון זיינע אַלטע און נייע קאַמער-קנעכט. לויט ווי ס'דערציילן אונז די קוועלן, האָבן די דירעקטע פאַרמעגנס-שטיי־

ערן, וועלכע די יידן האָבן געצאָלט דעם קעניג אלפאָנס IV (1325 — 1357), פאַרגעשטעלט מיט זיך א הכנסה-קוואַל, וואָס האָט דעם קעניג יערלעך געגעבן א סומע פון 50,000 ליוור. חוצדעם אָבער האָבן די יידן געצאָלט לטובת דעם קעניג כלערליי קאָנסום-שטייערן פון כשר פלייש, פון וויין וכדומה, ווי אויך אזעלכע שטייערן, ווי דער לייב-צאָל פון יעדן יידן, וואָס האָט באטראָטן א שטאָט, אָדער דער אזויגערופענער Arabiado-שטייער, דהיינו, אן אָפּצאָל פון די רבנים און דיינים. חוץ דידאָזיקע נאָרמאלע הכנסות פון די יידן, קומט לסוף צו א ריי אויסערגעוויינלעכע באשטייערונגען, ווי דער קרוינונגס-שטייער, פלאָט-שטייער, קריגס-שטייער (אין פאל פון א מלחמה האָט יעדער ייד געמוזט צושטעלן פערד און וואָפן) און אנד.

נישט געקוקט אויף די דערמאָנטע גרויסע באלאסטונגען פון די פּאָרטוגעזישע יידן, איז זייער סאָציאלע אוןווירטשאפטלעכע לאגע נאָך אין משך פונם גאנצן 14-טן י״ה געווען א גינסטיקע, אָן יענע טיפע דערשיטערונגען, וואָס האָבן צעשטערט די יידישע בנינים אינם שכנותדיקן קאַסטיליע און אראַגאָניע.

אין אָנהויב פון 14-טן י״ה, אין י. 1309, באקלאָגט זיך די פּאָרטוגעזישע קירכע פארן פויפסט, אז אין פּאָרטוגאל „זענען נישטאָ אזעלכע מלוכה-ענינים, וואָס זאָלן נישט דורכגיין דורך יידישע הענט״. יידן האָבן נישט בלויז פארנומען הויכע שטעלעס אין קעניגלעכן הויף, נאָר אויך די פריצים גופא פלעגן באנוצן די יידן אלס פארוואלטער פון זייערע מאַיאָנטקעס, אלס וואלד־היטער, קאנצעלאריע-אָנגעשטעלטע, שרייבער וכדומה. אונטער דעם קעניג פערנאנדאָ (1367 — 1383) איז א ייד, מיטן נאָמען יהודה געווען דער פארוואלטער פון דער קעניגלעכער מינצעריי און ער האָט דעם קעניג געהאָלפן זיך ארויסצופלאָנטערן פון א געלט-נויט דורך ארויסלאָזן מינדערווערטיקע מטבעות. אין דערזעלבער צייט איז אן אנדערער ייד געווען דער איינמאָנער פון די צאָל־אָפּצאָלונגען אין דער הויפט־שטאָט ליסאבאָן. עס האָבן צוליב דעם נישט ווייניק געטומלט די פּאָרשטייער פון די שטעט, און עס איז אפילו באלד נאָכן טויט פונם קעניג געקומען צו דער באזייטיקונג פון די דערמאָנטע צוויי יידן פון זייערע שטעלעס. אין תוך אריין איז דאָס אָבער געווען נישט מער, ווי אן אומבאַדייטנדיקער עפּיזאָד, וואָס ענדערט נישט דעם אלגעמיינעם כאַראקטער פונם יידישן ווירטשאפטס-בילד. נאָך ביים אָנהויב פון 15-טן י״ה באקומט דער קעניג אָנצוהערן פון דער קירכע, אז ער באשעפטיקט א כּך יידן אלס שטייער־איינמאָנער, און ער ענטפערט דערויף, אז דאָס-

זעלבע טוען אויך די פריצים, הגם זיי האָבן ווייניקער רעכט דערצו, ווי דער קעניג (1427).

די שטעלעס אין דער פינאַנץ-פאַרוואַלטונג האָבן די יידן פאַרנומען נאָר א דאַנק זייער השפעה אויף דעם קרעדיט און האנדל, א השפעה, וואָס איז אין משך פון 14-טן י"ה נישט געווען קיין קלענערע, ווי אין די פריערדיקע צייטן. אונטער דעם קעניג אלפאָנס IV (1325 — 1357) איז אַרויס א „וואוכער-געזעץ", לויט וועלכן ס'איז פאַרווערט געוואָרן די יידן צו נעמען גרעסערע ציגזן, ווי 33 און א דריטל פּראָצענט. דאָסזעלבע געזעץ האָט זיי אויך פאַרווערט, צו נעמען פּראָצענטן פון פּראָצענטן, אָבער, ווי ס'ווייזט אויס, זענען ביידע באַשטימונגען געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר, וואָרים נאָך אין י. 1361 באַקלאָגן זיך די „קאָרטעס", וואָס זענען זיך דעמאָלט צונויפגעקומען אין עלוואַס, אז יידן פירן א וואוכעריי, וואָס לייגט זיך ווי א שווערע משא אויף דער באַפעלקערונג. זייערע פּראָ־צענטן האָבן אָבער געהאַט א קנאַפּע ווירקונג אויף דעם קעניג און זיינע מקרובים, וואָס האָבן כסדר געהאַט צו טון מיט יידישע באַנקירן, געניטענ־דיק מיט פולע הענט פונם יידישן קרעדיט. אזוי, א שטייגער, איז דער דערמאָנטער דאָן פערנאַנדאָ, א ברודער פון קעניג דוּאַרטע, געווען פאַרשולדיקט ביי יידן אויף א סומע פון 130.507 רייס און הוצאות, האָט ער נאָך געהאַט צו באַצאָלן א יידישן באַנקיר א חוב פון 506.600 רייס. אזא סומע האָט ביי אים געמאָנט ר' יהודה אַבּרבּנאַל, וואָס איז נאָך דעם אומגליקס-יאָר 1391 אַוועק פון קאַסטיליע און געוואָרן אַן איינוואוינער אין ליסאַבאָן.

וואָס שייך דעם סחורות-האַנדל פון די פּאָרטוגעזישע יידן אין משך פון 14־טן י"ה, איז אונז וועגן אים נאָר אזוי פיל באַוואוסט, אז די יידי־שע גרויס-הענדלער האָבן נישט געהאַט קיין שום שוועריקייטן, דערפאַר אָבער האָט מען געשטרעבט צו באַגרענעצן די רעכט פון די יידישע דעטאַיל-הענדלער, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט עסנוואַרג, ווי אויך צו שטערן דעם האַנדל פון די יידישע פּעדלער, וואָס האָבן זיך אַרומגעטריבן אין די בערג צווישן דער דאָרפישער באַפעלקערונג און וואָס האָבן גע־האַנדלט מיט האָניק, וואַקס, אייל, פעל וכדומה.

דאָס ווירטשאַפטס־לעבן פון די פּאָרטוגעזישע יידן האָט אין משך פון 14־טן י"ה אַרומגענומען, אחוץ די שוין געשילדערטע געביטן, אויך אזעלכע ווירטשאַפטס-צווייגן, ווי לאַנדווירטשאַפט און מלאכה.

צווישן די יידישע לאַנדווירטן באַגעגענען מיר אין פּאָרטוגאַל בעת דער באַהאַנדלטער צייט ס'רוב קליינע ערד-באַזיצער. זיי פאַרנעמען זיך על־פּי־רוב מיט גערטנעריי און וויין-פלאַנצונגען. ביים קויפן, פאַר־

קויפן אָדער אדערדירן אומבאוועגלעכע גיטער זענען די יידן, לויט א גע־זעץ פון קעניג פעדראָ I (1357 — 1367), געווען מחויב, צו שליסן דעם אָפּמאך פארן אָרטיקן ריכטער אָדער פאר 2 נאָטאריוסן אין דער אָנוועזנהייט פון צוויי־דריי קריסטן אלס עדות. ווי ס'ווייזט אויס, איז די־דאָזיקע באשטימונג נישט געווען קיין שטער פאר דער אַנטוויקלונג פונם יידישן באָדן־באזיץ, ווארים ביים סוף פון 14־טן און אָנהויב 15־טן י"ה באווייזן זיך אייניקע קוועלן־ידיעות, וועלכע לאָזן משער זיין, אז דער יידישער לאנד־באזיץ איז דעמאָלט געווען א וויכטיקע פּאָזיציע אין דער יידישער עקאָנאָמיק. אזוי, א שטייגער, איז באוואוסט, אז דאָס ווייב פונם יידישן פּרעפעקט און אויבער־רב ר' משה פון סאנטארעם, דאָנא סאלוואַ האָט ארום יענער צייט פארמאָגט א גרויס גוט ביי ליסאבאָן. אינטערעסאנט איז אויך אין דעמזעלבן צוזאמענהאנג א קעניגלעכע פאר־אָרדענונג ביים אָנהויב פון 15־טן י"ה, וואו עס ווערן דערמאָנט קריסט־לעכע פעלד־ארבעטער און פּאסטוכער, וואָס זענען באשעפטיקט ביי יידישע גוט־באזיצער. פון דערזעלבער צייט איז נאָך באוואוסט א פאראָרדענונג, לויט וועלכער ס'איז ארויפגעלייגט געוואָרן א ספּעציעלער וויין־שטייער אויף יידן, וואָס די גרויס זייגע איז באשטימט געוואָרן לויט דער פּרוכט־בארקייט פון די יידישע וויינבערג.

אין א צוזאמענהאנג מיט דער יידישער לאנדווירטשאפט דאַרפן צו־לעצט אויך אויסגעטייטשט ווערן אייניקע ידיעות וועגן דעם יידישן שקלאפן־האנדל, וואָס זענען פארבליבן אין די פּאָרטוגעזישע קוועלן פון 14־טן י"ה. לויט א קעניגלעכער פאראָרדענונג האָבן די מאַכמעדאַנישע שקלאפן, וואָס האָבן אָנגענומען דאָס קריסטנטום, געמוזט באפרייט ווערן פון זייערע יידישע באלעבאטים אין משך פון 2 חדשים פאר א באשטימטן אָפּצאָל, אנישט זענען זיי געוואָרן אן אייגנטום פונם קעניג.

מיר פארענדיקן די שילדערונג פון דעם ווירטשאפטס־בילד מיט אייניקע פּרטים וועגן דער יידישער מלאכה. אין די קוועלן פון 14־טן י"ה ווערן עפּטער דערמאָנט פּאָרטוגעזישע יידן, וואָס באשעפטיקן זיך מיט אזעלכע מלאכות, ווי שוסטעריי, שניידעריי, טישלעריי וכדומה. מיר באגעגענען אויך יידן מוליארעס און שמידן. א חוץ יידישע האנטווערקער, וואָס האָבן געהאט זייערע ווארשטאטן אין די שטעט, זענען אויך געווען וואנדערנדיקע יידישע בעלי־מלאכות, וואָס פלעגן, פּונקט ווי די יידישע פעדלער, וואנדערן איבער די דערפער און זוכן דאָרט פרנסה. לויט א קע־ניגלעכער פאראָרדענונג, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אויפן פארלאנג פון דער קירכע, האָט א יידישער האנטווערקער געמעגט ארבעטן אין

א קריסטלעכער שטוב בלויז דעמאָלט, ווען ער איז אריינגעקומען אין דער באגלייטונג פון צוויי קריסטלעכע מענער אָדער פרויען.

§ 33 די סאָציאַלע און ווירטשאַפטס-געשיכטע פון די יידן אין נאַווארא.

דאָס מדינהלע נאַווארא, די פערטע זעלבשטענדיקע מלוכה, וואָס איז אנטשטאַנען אויף די חורבות פון דער אראַבישער הערשאַפט אין שפּאַניע, איז ביז דעם י. 1284 געפירט געוואָרן דורך זיינע אייגענע קעניגן, פונם נאַווארישן שטאַם. אָבער פון י. 1284 ביזן י. 1328 באַלאַנגט נאַווארא צו פראַנצויזישע הערשער; אין די י"י 1328 — 1425 איז עס געווען צוריק א זעלבשטענדיקע מלוכה; ערשט אין י. 1425 ווערט עס פאַרייניקט מיט אראַגאָניע. דיזאָזיקע פּאָליטישע ענדערונגען אין דער מיטלאַלטערלעכער געשיכטע פון נאַווארא האָבן געהאַט אן אנטשיידנדיקע באַדייטונג פאַר דער סאָציאַלער און ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון די נאַווארישע יידן.

מיט דעם איבערגאַנג צו די פראַנצויזישע שוץ-הארן ווערט אין נאַווארא אָנגעווענדט לגבי די יידן דער טרויעריק-באַרימטער פראַנצויזישער מוסטער פון צוואַנג-עקספּלאָאַטאַציע, און עס קומט דערצו, אז דער שווערפּונקט פון דער יידישער ווירטשאַפט טראָגט זיך אריבער אלץ מער אויף קרעדיט-אָפּעראַציעס, וואָרים בלויז מיט דער הילף פון וואוכערייגעשעפטן האָט מען געקאָנט ווי עס איז שאַפן די גרויסע שטייערן און שוץ-געלטער, וועלכע די מאַכטהאָבער האָבן געצאַפּט פון „זייערע יידן".

לאָמיר אָבער איבערגיין צו די פרטים.

ביז לערך דער העלפט פון 13-טן י"ה איז געווען דער מצב פון די יידן אין נאַווארא נישט ערגער, ווי אין דעם שכנותדיקן קאַסטיליע און אראַגאָניע. דער קאַמער-קנעכטשאַפטלעכער פרינציפּ קומט אין נאַווארא צום אויסדרוק שוין אין א דאָקומענט פון י. 1063, אין וועלכן עס ווערט דורכן קעניג סאַנכאָ פאַרשאָנקען „זיינער" א ייד צום בישאָף פון אלאַווא. די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די נאַווארישע יידן ווייזט ארויס ביז לערך דער העלפט פון 13-טן י"ה דיזעלבע פילפאַרביקייט, וואָס אין די איבעריקע שפּאַנישע מלוכות. יידן באַזיצן אקער-פעלדער און וויינגערטנער. דער אומבאַוועגלעכער פאַזיץ פון די יידן איז באַפרייט פון אָפּצאָלונגען לטובת דער קירכע. נישט זעלטן קומט פאָר, אז דער קעניג באַלוינט זיינע הויף-יידן מיט מתנות אין דער פאָרם פון אומבאַוועגלעכע גיטער. אזוי, א שטייגער, באַקומט דער הויף-דאָקטאָר שלמה וארום י. 1193 אלס מתנה פונם קעניג אלאָנסאָ באַטאַלאָדאָר 7 מאָרג אקער-פעלד און א גרעסערן שטח וויינגערטנער.

נאָך אין י. 1256 ווערט דער קעניג פון נאווארא אויפגעפאָדערט דורך דעם פויפסט, אז ער זאָל באזייטיקן די יידן פונם אומבאוועגלעכן באזיץ. א ראיה, אז די יידן האָבן ביז צו יענער צייט אומגעשטערט געפירט זייערע אומבאוועגלעכע גיטער! חוץ יידישע ערד־באזיצער באגעגענען מיר אין נאווארא אין דער באהאנדלטער צייט אויך יידן, וואָס ציען זייער יניקה פון האנדל און געלט־אָפעראציעס. זיי ווערן אויף דידאָזיקע געביטן לגמרי נישט געשטערט דורך וועלכע ס'איז אקציעס מצד די שטאָטישע עלעמענטן. כאראקטעריסטיש פאר דעם צוזאמענלעבן צווישן די שטאָטישע עלעמענטן מיט די יידן איז א דאָקומענט פון י. 1237, אין וועלכן די שטאָט טודעלא פארלאנגט פונם קעניג, אז די קריסטלעכע האנדלס־קאָרפּאָראציעס זאָלן מעגן פירן א פרייען האנדל מיט די יידן. וואָס שייך די יידישע געלט־געשעפטן, זענען זיי ביז דעם אָנהויב פון 14־טן י"ה נישט געווען רעגולירט דורך קיין שום צינז־טאריפן: די יידן האָבן געמעגט נעמען אומבאגרענעצטע פראָצענטן, ווי אויך צינזן פון צינזן. לויט פועראָס (געזעצן) פון קאלאטאיוד און עסטעלא, וואָס זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן פון 12־טן י"ה (1131 און 1164), האָבן די הלוואה־אָפּמאכן צווישן יידן געמוזט צונויפגעשטעלט ווערן דורך א קריסטלעכן אָדער דורך א יידישן נאָטאריוס: דורך א קריסטלעכן, ווען דער קריסט איז געווען דער געלט־נעמער, און דורך א יידישן, ווען דער ייד איז געווען דער בעל־חוב. דאָסזעלבע האָט זיך אויך געפירט לויט דעם אזויגערופענעם פועראָ גענעראל (12 י"ה) בנוגע אנדערע אָפּמאכן צווישן קריסטן און יידן, ווי, א שטייגער, ירושה־אקטן, קויף־און פארקויף־קאָנטראקטן וכדומה.

די ערשטע איבערברוכס־סימנים אין דער געשילדערטער, גינסטיקער סיטואציע לאָזן זיך מערקן אין דער צייט פונם קעניג טעאָבאלד II (1253 — 1268), וואָס איז געווען אן איידעם פונם פראנצויזישן מאכטהאבער און וואָס האָט גענומען איינפירן לגבי די יידן דעם פראנצויזישן מוסטער. אין י. 1268 לאָזט דער קעניג, לויטן פראנצויזישן נוסח, ארעמפירן אלע יידן אין לאנד, כדי אזויארום אויסצופרעסן פון זיי גרויסע געלטער. נאָך שארפער דריקט זיך אויס דער פראנצויזישער נוסח אונטער פיליפ דעם שיינעם, וואָס האָט אין י. 1276 איבערגענומען די ממשלה אין נאווארא, כדי צו פארייניקן דאָס לאנד (1284) מיט זיינע פראנצויזישע נחלאות. און טאקע באלד ביים איבערנעמען די ממשלה אין נאווארא, לייגט פיליפ ארויף אויף די יידן א קרוינונגס־שטייער אין דער הויך פון 20.000 ליוור. אינגיכן פירט ער דורך א רעדוקציע פון די יידישע תביעות און ער באפרייט א ריי שטעט פון דער

התחייבות צו באצאָלן די יידן די צינזן, וואָס זענען אָנגעוואקסן פון די נאָך נישט צוריקגעצאָלטע קאפיטאלן, וועלכע די שטאָט-לייט האָבן גע־האט געבאָרגט ביי די יידישע פראָצענטניקעס. גלייכצייטיק פארווערט דער קעניג די יידן צו נעמען צינזן פון צינזן; דאָס איז, נאטירלעך, א פאראָרדע־נונג, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן פון די באוואוסטע „וואוכער־גע־זעצן", וועלכע עס האָט ארויסגעגעבן דער פראנצויזישער קעניג לודוויג דער הייליקער.

ביי אזא באציונג פון די „שוץ-הארן" צו די יידן איז נישט קיין חידוש, וואָס די לאגע פון די יידישע קאמער-קנעכט איז געוואָרן אלץ ערגער. שוין אין דער צייט פון פיליפ דעם שיינעם באקלאָגן זיך די יידן פון עסטעלא און טודעלא, אז זיי זענען נישט אימשטאנד צו דעקן די איסערגעוויינלעכע שטייערן, וואָס ווערן ארויסגעפרעסט פון זיי דורכן קעניג. די פראקטיק פון דעם שוץ-האר האָט זיך אָבער לגמרי נישט גע־ביטן און זי איז אויך געבליבן דיזעלבע בעת דער ממשלה פון זיינע נאָכ־פאָלגער. אזוי, א שטייגער, איז אונז אויפגעהיט געוואָרן א ידיעה (1326), אז די יידן פון עסטעלא האָבן זיך פאר א קעניגלעכער דעלעגאציע בימער באקלאָגט אויף דער שטייער-באלאסטונג און אויף די מיסברויכן מצד די קריסטלעכע שטייער-עקזעקוטאָרן און אז זיי האָבן געבעטן, אז מען זאָל זיי דערלויבן צו קלויבן אייגענע שטייער-ארענדארן, אזוי ווי דאָס איז אמאָל געווען דער מנהג. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט די פראנ־צויזישע ממשלה גענומען א סוף, און נאווארא איז צוריק געוואָרן א זעלבשטענדיקע מלוכה. בעת די באפרייונגס-קאמפן זענען פאָרגעקומען מוראדיקע פאָגראָמען אויף יידן, בעת וועלכע עס זענען אומגעקומען לערך ביז 10.000 נפשות.

די סאָציאלע אוןווירטשאפטלעכע לאגע פון די יידן, וואָס איז אראָפּ־געדריקט געוואָרן צו א שווערן מצב בעת דעם פראנצויזישן רעזשים, איז אויך ווייטער געבליבן אן אומגינסטיקע. דאָס פראנצויזישע סיסטעם, איינמאָל איינגעפירט אין נאווארא, האָט שוין נישט אויפגעהערט צוווירקן ביז צום י. 1425, ווען דאָס לאנד איז אריבער צו ארעגאָניע.

אין י. 1330 גיט ארויס דער קעניג פיליפ III א געזעץ וועגן דער יידישער וואוכעריי, וואָס באשווערט געוואלדיק די יידישע געלט-געשעפטן. דאָס געזעץ באשטימט דעם דערלויבטן יידישן צינז-פוס אויף 20%, עס פארווערט צינזן פון צינזן און אנולירט אלע יידישע תביעות, וואָס זענען נישט איינגעמאָנט געוואָרן אין פארלויף פון 5 יאָר. חוצדעם דערקלערט דאָס געזעץ פאר אומגילטיק אלע אָפּמאכן, וואָס זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך יידישע נאָטאריוסן. אויף די רבנים איז ארויפגעלייגט גע־

וואָרן דער חוב, דורכצולייענען דאָס געזעץ איינמאָל אין יאָר אין די שולן, אז דער עולם זאָל עס האָבן גוט אין זכרון. נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז דורכן געזעץ אונטערגעהאקט געוואָרן דער יסוד פון דעם וויכ־טיקסטן יידישן פרנסה־קוואַל אין יענער צייט, הערן דאָך נישט אויף די גרויסע שטייער־פאָדערונגען מצד דעם קעניג, אזוי, אז די לאַגע פון די יידן ווערט אין דער צווייטער העלפט פונם 14־טן י״ה א קאטאסטראָפאַ־לע. א חוץ דעם אויסבייטונגס־סיסטעם פון די שוץ־הארן האָט דערצו אויך גורם געווען דאָס מוראדיקע מגיפה־יאָר 1348/9, אין וועלכן עס האָט זיך איבער נאוואַרא צעגאָסן א כוואַליע פון פּאָגראָמען און אויספּלינדע־רונגען פון יידישע פארמעגנס. ווען עס איז אריבער די מגיפה־צייט, האָט דאָס יידישע לעבן אין דעם לאַנד פאָרגעשטעלט מיט זיך א פולשטענדיקע חורבה. אין דער גאַנצער מלוכה האָבן — לויט אן אויפגעהיטן חשבון פון י. 1366 — געלעבט נישט מער, ווי לערך 800 יידישע משפחות. די יידישע באפעלקערונג איז געווען פארטיילט אין העכער 12 שטעט, די גרעסטע קהילות זענען געווען אין טודעלא (270 משפחות), פּאמ־פּלאָנא (220 משפחות) און עסטעלא (85 משפחות). וועגן דער גרויס פון דעם חורבן גיט אונז א באגריף די קהילה פון טודעלא, וואו עס האָבן פריער געלעבט 500 יידישע משפחות. נאָך דעם מגיפה־יאָר אָבער זענען דאָרט פארבליבן קוים 270 משפחות, וואָס פון זיי זענען 67 געווען אזוי בלוט־אָרעם, אז מען האָט זיי אינגאנצן געמוזט באפרייען פון שטייערן.

די גאָרמאלע שטייערן, וועלכע דער קעניג האָט בעת דער צווייטער העלפט פון 14־טן י״ה אויסגעפּרעסט פון דעם קליינעם יידישן ישוב, האָט באטראָפן 12.000 ליוור א יאָר, נישט אריינגערעכנט דעם אזויגע־רופענעם „פעפער־שטייער", וואָס זיין סכום ווערט נישט אָנגעגעבן אין די קוועלן. א חוץ די נאָרמאלע שטייערן האָבן אָבער די יידן געהאט צו צאָלן אויך אויסערגעוויינלעכע שטייערן, ווי, א שטייגער, דעם קרוינונגס־שטייער, וואָס האָט באטראָפן די גאָר גרויסע סומעס פון 15.000 — 22.000 ליוור. צולעצט דארפן דערמאָנט ווערן די פון צייט צו צייט דורכ־געפירטע מאסן־ארעסטן, וואָס דער ציל זייערער איז געווען, אויסצופּרעסן ביי די ארעסטירטע יידן גרויסע אויסקויף־געלטער. וועגן אייגער אזא מין „טראנזאקציע", וואָס האָט דעם קעניג אריינגעבראכט גרעסערע הכנסות, ווערט אונז איבערגעגעבן פון י. 1401. צוליב דעמדאָזיקן געוואַל־דיקן שטייער־דרוק און בכלל צוליב דער אלגעמיינער פאראָרעמונג הויבט זיך אָן ארום י. 1380 א שטארקע אויסוואנדערונג פון די יידן, וועלכע גייט קיין קאסטיליע און אראגאָניע. וועגן דער קהילה אין טודעלא ווערט

פון דערדאָזיקער צייט איבערגעגעבן, אַז עס האָבן פון איר אויסגעוואַנ־דערט לערך 300 משפחות און פאַרבליבן זענען אין איר בלויז די באַמט־אָרעמסטע יידן. ווער עס האָט נאָך געהאַט עפּעס צו פאַרקויפן, האָט עס פאַרקויפט, כדי צונויפצוקלאַפּן דאָס ביסל געלט פאַר דער וואַנדערונג. מען האָט פאַרקויפט צו קריסטן און מאַריסקער די פעלדער און הייזער, בכדי מיט דעם געלט וואָס גיכער געלם צו ווערן פונם לאַנד. א באַגריף וועגן דערדאָזיקער מהומה גיט אונז א פאַראָרדענונג, וועלכע דער קעניג האָט אַרויסגעגעבן אין י. 1384 און וואָס לויט איר האָט ער פאַרלאַנגט אַן אָפּצאָל פון אַלע הייזער און פעלדער, וועלכע קריסטן און מאַריסקער האָבן אין משך פון די לעצטע 50 יאָר אויפגעקויפט פון די יידן. דעם אָפּצאָל האָט דער קעניג באַרעכנט לויט דער גרויס פון דער קניה־סומע און האָט מיט דער הילף פון דערדאָזיקער פאַראָרדענונג אַריינגעבראַכט זיך א הכנסה פון 2.221 ליוור.

נאָך דערדאָזיקער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון דער תקופה, וואָס שטייט אונטער דעם צייכן פון דער פּראָנצוויזישער יידן־פּאָליטיק און וואָס ציט זיך זינט לערך דער העלפט פונם 13־טן י״ה, וועלן מיר זיך איצט אָפּשטעלן ביי דעם יידישן ווירטשאַפטס־בילד און באַטראַכטן די כאַראַקטעריסטישע שטריכן זיינע, וואָס שיילן זיך אויס פון די קוועלן זינט לערך דעם י. 1250 ביז דעם סוף פון 14־טן י״ה.

אין דערדאָזיקער צייט רוקט זיך אַרויס אין פאָדערגרונט, ווי אין די איבעריקע שפּאַנישע מלוכות, לפי־ערך א קליין הייפעלע הויפישע יידן. געוויינלעך זענען דאָס געווען די רייכסטע באַנקירן, וועלכע דער קעניג פלעגט אָנגעטרויען דאָס איינמאָנען די יידישע שטייערן פאַר א פאָרויס איינגעצאָלטן אַרענדע־סכום. ביים סוף פון 13־טן און אָנהויב 14־טן י״ה פאַרנעמט אַזא שטעלע פון א שטייער־אַרענדאַר און הויפישן באַנקיר דער ייד יוסף אבליטאַס פון טודעלא, נאָך וועלכן עס גייט אַריבער די שטעלע צו דעם זון זיינעם עצמעל (אַמעיל, אַסמאַעיל) אבליטאַס. שוין אין י. 1276 איז דאָס פאַרמעגן פון דעם באַנקהויז אבליטאַס געווען אַזוי גרויס, אַז דער קעניג האָט עס געשאַצט אויף איין צענטל פון אַלע איבעריקע יידישע פאַרמעגנס איגם גאַנצן לאַנד. ער האָט פון דער משפּחה אבליטאַס גענומען 2.000 ליוור קרוינונגס־געלט, בעת אַלע איבע־ריקע יידן אין דער מלוכה האָבן געדאַרפט אַריינטראָגן 20.000 ליוור קרוינונגס־געלט. דאָס הויז אבליטאַס איז געקומען צו דעם גרויסן קאַפּי־טאַל דערעיקרשט א דאַנק די קרעדיט־געשעפטן מיט מלכים און מאַגנאַטן און ער האָט געהאַט א שם אויך אויסערהאַלב די גרענעצן פון נאַוואַרא.

פון די אבליטאַסעס איז אונז, א חוץ דעם דערמאָנטן דאָן יוסף און

דאָן עצמעל, נאָך באַקאַנט דאָן יהודה, א געניטער תבואה־הענדלער, וואָס האָט נאָכן טויט פון זיין פאָטער עצמעל (1342) געמוזט מסכים זיין דערצו, אז דער קעניג זאָל אים צונעמען די גאנצע ירושה נאָכן פאָטער, וואָס איז באַשטאַנען „פון וועקסלען, מזומן געלט, געשיר, פאַרשידענע שניצערייען, וואַזעס, גאָלד־און זילבער־זאַכן" וכרומה.

אין דער צווייטער העלפט פון 14־טן י"ה, נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם באַנק־הויז אבּליטאַס, טרעטן ארויס אין דער ראָלע פון הויפּישע באַנקירן און שטייער־ארענדאַרן די יידן יהודה הלוי (ארום י. 1380) און אברהם אזובי (אין די 90־קער יאָרן פונם 14־טן י"ה). דער לעצטער ארענדירט אלע שטייערן פון די נאַוואַרישע יידן פאַר אן אומגעהויערן ארענדע־פּרייז אין דער הויך פון 50.000 ליווּר.

ווי שוין דערמאָנט, זענען דידאָזיקע גרויס־יידן געווען געציילטע. וואָס אנבּאַלאַנגט די פּרנסות פון דער אנאָנימער יידישער מאַסע, לאָזן זיך פעסטשטעלן—לויט די קוועלן פון דער באַהאַנדלטער תקופה—אַזעלכע ווירטשאַפטס־געביטן, ווי קרעדיט, האנדל און מלאכה. א קלענערע ראָלע האָט אין דעראָזיקער צייט געשפּילט דער יידישער ערדבּאַזיץ, הגם עס ווערן אין די קוועלן נישט זעלטן דערמאָנט יידישע פעלדער און גערטנער. אויף מלוכהשע שטעלעס באַגעגענען מיר נישט קיין שום ייד, א חוץ די דערמאָנטע פאַר ארענדאַרן־באַנקירן, וואָס דער קעניג פלעגט זיי, אגב, איבערגעבּן אין ארענדע אויסשליסלעך די יידישע שטייערן.

אויף וויפל עס זענען אין דער פּראַקטיק אָפּגעהיט געוואָרן די פריער שוין באַהאַנדלטע וואוכעריי־געזעצן פון די י"י 1276 און 1330, לאָזט זיך אויף געווים נישט באַשטימען. ווי ס'ווייזט אויס, האָבּן די קעניגן אליין נישט גענומען די זאַך אזוי שטרענג, וואָרים אנדערש וואָלטן זיי געמוזט שטאַרק רעדוצירן די הכנסה־קוואַלן פון זייערע יידישע קאַמער־קנעכט. פון א העברעישער קוועלע פון 14־טן י"ה ווייזט זיך אַלנפאַלס ארויס, אז אין דער פּראַקטיק האָט מען נישט גענומען אין אכט די באַשטימונג פונם וואוכעריי־געזעץ פון י. 1330, לויט וועלכער עס זענען דערקלערט געוואָרן פאַר אומגילטיק אלע הלוואה־אָפּמאַכן, וואָס זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן ביי יידישע נאָטאַריוסן.

מיר לייענען, נעמלעך, אין דעראָזיקער קוועלע, אז די יידן פלעגן באָרגן ביי קריסטן אויף א „שטר־קנין", וועלכן מען פלעגט אויסשטעלן לויט די פאָרשריפטן פון תלמוד. א סך אויספירלעכער ווערן מיר דורך די קוועלן אינפאָרמירט וועגן דעם יידישן האנדל. עס באַקומט זיך פון זיי דער איינדרוק, אז די יידן פון נאַוואַרא האָבּן געשפּילט א דאָמינירנ־

דיקע ראָלע אין דעם תבואה-האנדל, ווי אויך אינם מסחר מיט וואָל-און זייד-פאבריקאטן. צו די באדייטנדסטע הענדלער האָבן באלאנגט די יידן פון טודעלא און פאמפּלאָנא, וועגן וועלכע עס ווערט אונז פון י. 1329 איבערגעגעבן, אז זיי האָבן פארמאָגט גרויסע באזארן מיט זייד-שטאָפן. אין טודעלא האָט אויך געלעבט דער שוין פריער דערמאָנטער ד׳אָן יהודה אבליטאס, וואָס האָט אויפן חשבון פון דעם בארימטן באנק-הויז געמאכט גרויסע תבואה-קניות.

ארום י. 1372 באגעגענען מיר אין פאמפּלאָנא דעם ייד אברהם האמעט, וועלכער באזאָרגט דעם קעניג מיט גרויסע תבואה-ליפערונגען. אין פאמפּלאָנא באווייזן זיך פון צייט צו צייט אויך יידישע שקלאפן-הענדלער. על-פי-רוב אָבער באגעגענען מיר זיי אין טודעלא, וואָס האָט געשמט אין מיטלאלטער מיט זיינע שקלאפן-ירידים.

פון יידישע בעלי-מלאכות ווערן אין די קוועלן פון 14-טן י״ה דערמאָנט: שוסטער, גארבער, זייד-ארבעטער, גאָלד-שמידן און אנדערע. אין דער גארבעריי אין טודעלא, וואָס איז געלעגן ביים עבראָ און וואָס האָט באלאנגט צום קעניג, האָבן אין י. 1387 געארבעט אויסשליסלעך יידן און זיי האָבן דערפאר געצאָלט דעם קעניג 35 סועלדאָס א יאָר.

קאַפּיטל עלף

דער סאָציאַלער אוןווירטשאַפטלעכער מצב פון די שפּאַנישע יידן אין דער צייט פון 11-טן יאָרהונדערט ביז דעם יאָר 1391

סוף

§ 34 דער קאמף ארום דער מאכט אין די אויטאָנאָמע קהילות.

צווישן די יידן אין די שפּאַנישע מלוכות האָט שוין ביים אָנהויב פון דער גרויסער „רעקאָנקוויסטא" געמוזט פאָרקומען א דיפערענצירונג אין קלאסן מיט קעגנזעצלעכע סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן, וואָס נישט זעלטן האָבן זיי געפירט צו אינערלעכע רייבונגען און קאמפן. ארויסדרינגען לאָזט זיך דערדאָזיקער פאקט פון די סאמע עלטסטע ידיעות וועגן דעם ווירטשאפטלעכן לעבן פון די יידן אויף די טעריטאָריעס, וואָס זענען דורך די רעקאָנקוויסטאָדאָרן צוריק דעראָבערט געוואָרן פון די אראבער. די ידיעות באקענען אונז, נעמלעך, מיט פארשיידנ-ארטיקע יידישע ווירטשאפטס-געביטן, אָנהויבנדיק פון מעכטיקע יידישע ערד-באזיצער, באנקירן און שטייערן-ארענדארן און ענדיקנדיק מיט די „קליינע מענטשן", ווי, א שטייגער, באזיצער פון קליינע ווייגערטנער, קרעמער, וואנדערנדיקע פעדלער, מעקלער, האנטווערקער וכדומה. ביי אזא פילפארביקייט פונם יידישן ווירטשאפטלעכן מצב איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אז עס זאָלן זיך נישט אנטוויקלען קיין קעגנזעצלעכע קלאסן-אינטערעסן און קלאסן-קאָנפליקטן. זענען אָבער די קוועלן, וואָס זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן פון די עלטערע צייטן, צו ווייניק אין צאָל און צו איינזייטיק לויטן אינהאלט, אז מיר זאָלן זיך קאָנען שאפן א גענעריקן באגריף וועגן דידאָזיקע פארהעלטענישן. ערשט אין 13-טן און 14-טן י"ה ווערט דער קוועלן-מאטעריאל מער רעדעוודיק, און א דאנק דעם לאָזן זיך אויסשיילן איייניקע עיקרדיקע פראגן, וואָס ארום זיי האָבן זיך אינם שפּאנישן יידנטום אנטוויקלט קעגנזעצלעכע סאָציאַל-ווירטשאפטלעכע שטרעבונגען און באוועגונגען.

איינע פון אזעלכע קאמפּס-פּראגן איז געווען די פּראגע, ווי אזוי עס זאָל צוזאמענגעשטעלט ווערן די רעפּרעזענטאנץ און די פּארוואלטונג פון די קהילות. אין אויסערסט אינטערעסאנטן מאטעריאל, וואָס אילוסטרירט אונז די קלאסן-קאָנפליקטן ארום דערדאָזיקער פּראגע, באזיצן מיר פון אראגאָניע. לויט צופעליקע ידיעות, וואָס זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן פון 12-טן י״ה, האָט דעמאָלט מיט יעדער קהילה אָנגעפירט א פּאָרשטייער, גערופן „albedinus“ וועלכער האָט געהאט אין זיינע הענט די געריכטס-און די פּארוואלטונגס-מאכט. די געריכטס-מאכט פלעגט ער אויספירן אליין אָדער מיט דער הילף פון איינעם אָדער מערערע דיינים. ביים אָנהויב פון 13-טן י״ה מערקט זיך א וויכטיקע ענדערונג: לויט א דאָקומענט פון י. 1228, וואָס באלאנגט צו דער קהילה פון קאלאטאיוד, טרעט שוין נישט מער ארויס קיין איינצלנער קהילה-פּאָרשטייער, נייערט א קאָלעגיום פון 4 פּאָרשטייער, וואָס ווערן גערופן “adenantati„ אָדער adelantados„ און וואָס שטעלן מיט זיך פאָר סיי די ריכטער און סיי די פּארוואלטער פון דער קהילה. אין אנדערע קהילות באגעגענען מיר אין משך פון 13-טן י״ה אזעלכע קאָלעגיעס פון 3 אָדער 5 אדעלאנטאדאָס. אין די העברעישע קוועלן ווערן זיי טיילמאָל גערופן „ברורים״ און דערפון איז ארויסצודרינגען, אז זיי זענען געווען געקליבענע. דער אופן, ווי אזוי זיי פלעגן געקליבן ווערן, איז נישט באוואוסט, עס לאָזט זיך בלויז פעסטשטעלן, אז דער וויכטיקער אמט פון די „ברורים״ איז בעת דעם 13-טן י״ה געלעגן אין די הענט פון דער יידישער פּלוטאָקראטיע.

אין די קהילות האָט געהערשט א רעזשים פון דער „אריסטאָקראטיע״, און די געוועלטיקער האָבן זייער אָפט אויסגענוצט זייערע שטעלעס פאר ריין פּערזענלעכע אינטערעסן. אמשטארקסטן זענען געוואָרן די מיסברויכן פון די ברורים אויפן געביט פון דער פינאנץ-פּארוואלטונג. עפּטער פלעגט אלץ פּאָרקומען, אז די ברורים פלעגן אראָפּווארפן פון זיך און פון „זייערע מענטשן״ דעם שטייער-סכום, וועלכן די קהילה האָט געדארפט אויספּרעסן פאר דעם קעניג און פאר אירע אייגענע צוועקן, און שאפן אן אומדערטרעגלעכן שטייער-דרוק פאר די ווייניקער באמיטלטע. נישט זעלטן פלעגט אויך טרעפן, אז די געלט-אריסטאָקראטיע פלעגט ביים קעניג אויספועלן ספּעציעלע שטייער-פּריווילעגיעס פאר זיך, וואָס מיט זייער הילף האָט זי זיך ענטוועדער אינגאנצן נישט באטייליקט אין דעם קהלשען שטייער-וועזן, אָדער זי האָט געצאָלט בלויז מינימאלע געלטער. ס'פאַרשטייט זיך, אז אזא האנדלונג פון דער געלט-אריסטאָקראטיע און פון אירע קהילה-פּאָרשטייער האָט געמוזט דערפירן צו כסדרדיקע רייבונגען.

אונטער דעם דרוק פון די וויניק־באַמיטלטע ווערן אין מאַנכע קהילות געשאַפן ספּעציעלע קאָמיסיעס פון געוויילטע שטייער־שאַצערס („הממונים על המס" אָדער „פּוסקים"), וואָס מוזן אָפּגעבן אַ שבועה, אַז זיי וועלן ערלעך שאַצן די פאַרמעגנס פון די שטייער־צאָלער און אויסמעסטן יעדן אײנעם זיין געהעריקן חלק שטייערן (קצבה). האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די „פּוסקים" פּלעגן אין אַ סך פאַלן נישט בעסער האַנדלען, ווי די „ברורים" און עס שווימען אַרויס אָנקלאָגעס קעגן זיי, אַז זיי מיספּרויכן מיט זייערע אַמטן. די וויניק באַמיטלטע און אָרעמע שיכטן רוקן דעריבער אַרויס די פאָדערונג, אַז מען זאָל די שטייערן פאַר־באַנדערטיילן צווישן די קהילה־מיטגלידער נישט מער אויפן סמך פון די שאַצונגען דורך די „פּוסקים", נייערט לויט פאַרמעגנס־דעקלאַראַציעס פון די שטייער־צאָלער גופא.

אַן אינטערעסאַנטע אילוסטראַציע פאַר די קאָנפליקטן, וואָס זענען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שטייער־פראַגע אַנטשטאַנען צווישן די אָרעמע און רייכע קהילה־מיטגלידער, געפינט זיך אין די ש"ות הרשב"א (1270—1310). די גבירים פון דער קהילה סאַראַגאָסאַ האָבן מיטן הסכם פון די ברורים אַרויסגעשיקט אַ דעלעגאַציע צום קעניג, אום אויסצופועלן ביי אים אַ פּריווילעגיע, אַז די שטייערן זאָלן נישט פאַרטיילט ווערן צווישן די קהילה־מיטגלידער אויפן סמך פון די פּערזענלעכע דעקלאַראַציעס, נייערט אַז מיט דער שטייער־פאַרטיילונג זאָל זיך פאַרנעמען אַ קאָמיסיע פון פּוסקים. קעגן דעמדאָזיקן אויפטו איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט אַ פּאַרטיי, וואָס האָט באַקעמפט דעם רעזשים פון די נגידים אין דער קהילה. דידאָזיקע פּאַרטיי האָט אין דער „אָלגפירײאַה" אָפּגע־האַלטן אַ פאַרזאַמלונג, וואו עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אָפּצונעמען ביי די ברורים די פולמאַכטן און נישט צו געבן זיי קיין שום געלט אויף צו דעקן די הוצאות פון דער דעלעגאַציע. די גבירים ענטפערן דערויף, אַז די פּריווילעגיעס זענען אויסן די טובה פון דער קהילה און אַז מען האָט אויך אויסגעפועלט אַ פּריווילעגיע קעגן מלשינים, וואָס איז דאָך זיכער אין די אינטערעסן פון אַלע קהילה־מיטגלידער. די קעגנערישע פּאַרטיי לאָזט זיך אָבער נישט איבערצייגן און זי טענהט כסדר, אַז די גבירים האָבן נישט געהאַט קיין שום רעכט איינגנמעכטיק אַרויסצושיקן אַ דעלע־גאַציע, אַז זיי זענען אויסן נאָר זייער אייגענע טובה און אַז די ברורים האָבן געשלאָסן יד־אחת מיט די גבירים (ש"ות הרשב"א III 394, 402).

סאַראַגאָסאַ איז נישט געווען די איינציקע קהילה, וואו עס איז גע־קומען צו אַזעלכע צוזאַמענשטויסן צווישן דער געלט־אַריסטאָקראַטיע און די אָרעמערע שיכטן. די באַוועגונג האָט אַרומגענומען כמעט אַלע קהילות

אין אראגאָניע. נישט אומעטום האָט זיך געלאָזט דורכפירן דער לאָזונג פון די שטייער-דעקלאראציעס, אָפט האָט זיך אפילו ארויסגעוויזן, אז אזא סיסטעם פירט צו נייע מיסברויכן, און מען האָט געמוזט בלייבן ביי דעם סיסטעם פון פוסקים-קאָמיסיעס. דערפאר אָבער האָבן די אָרעמערע שיכטן אָנגעהויבן אליץ ענערגישער צו פארלאנגען, אז עס זאָל געשאפן ווערן א קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פון די ברורים און פוסקים. דעם קאָנטראָל האָט מען זיך פאָרגעשטעלט — לויט דעם מוסטער פון די שטאָטישע אָרגאניזאציעס — אין דער פאָרם פון א קהילה-ראט, וואָס זאָל, לויט דער גרויס פון דער קהילה, באשטיין פון 6 ביז 30 פערזאָן. א חוץ דעם קאָנטראָל איז מען מיט דעם נייעם לאָזונג אויך אויסן געווען צו שאפן א וועג, אויף וועלכן די ווייניק באמיטלטע שיכטן זאָלן קאָנען ארייננדרינגען אין די קהילה-פארוואלטונגען און אָפשוואכן דאָרט די השפעה פון דער פלוטאָקראטיע.

ביים סוף פון 13-טן און אָנהויב 14-טן י״ה ווערן כמעט אין אלע אראגאנישע קהילות איינגעפירט די קהילה-ראטן („אנשי המעמד", „בעלי-העצה", „יועצים"). די האָפענונגען פון די פלעבייאישע שיכטן זענען אָבער דורכדעם ווייט נישט באפרידיקט געוואָרן, וואָרים די געלט-ארים-טאָקראטיע האָט פארשטאנען צו מאכן פון די ראטן א קאריקאטור. ראשית, האָט זי דורכגעזעצט, אז די קהילה-ראטן זאָלן זיין נישט מער, ווי באראטנדיקע קערפערשאפטן, און והשנית, האָט זי אין א ריי קהילות דורכגעפירט פאר די קהילה-ראטן אזעלכע וואל-אָרדינאציעס, אז עס זאָלן דאָרט קאָנען זיצן וואָס ווייניקער „נישט געוואונטשענע עלע-מענטן" פונם פלעבייער-קלאס. אויך האָבן די גבירים דערפאר געזאָרגט, אז די קהילה-ראטן זאָלן נישט האָבן קיין שום איינפלוס אויף דעם צוזא-מענשטעל פון די אויספירנדיקע אָרגאנען אין די קהילות.

אין לערידא, א שטייגער, האָבן די ברורים געהאט דאָס רעכט אליין צו באשטימען זייערע נאָכפאָלגער בעת דער קומענדיקער קאדענץ; אין פערפיגנאן האָבן געהאט אזא רעכט אלע סעקרעטארן פון דער קהילה. די סעקרעטארן און ברורים האָבן אין פיל קהילות בכלל געהאט די גאנצע דעה אין די ראטן, און געמאכט איז דאָס געוואָרן אויף אזא אופן, אז מען האָט זיי אָפגעגעבן דאָס רעכט צו באשטימען דעם פערסאָנאלן צוזאמענ-שטעל פון די ראטן. אין בארצעלאָנא, א שטייגער, ווערט דער קהילה-ראט יעדע 3 יאָר באנייט און די נייע מיטגלידער זיינע ווערן באשטימט דורך א „ווילער-קאָמיסיע", וואָס באשטייט סך-הכל פון 8 מיטגלידער: 3 קהילה-סעקרעטארן („נאמנים") און 5 ברורים. דאָסזעלבע זעען מיר אויך אין מאלאָרקא און אין אנדערע קהילות. בלויז אין געציילטע קהילות

האָט דער פלעבייער-קלאס אויסגעקעמפט בעסערע רעזולטאטן אין די ראטן.

אזוי, א שטייגער, האָט זיך אים איינגעגעבן אין קאסטעלאָן דע אמפוריאס און אין מורוויעדרא דורכצוזעצן א פרינציפ, אז דער קהילה-ראט זאָל באַשטיין פון פאַרשטייער, פון אלע דריי פארמעגנס-קלאסן, אין וועלכע ס'איז איינגעטיילט געוואָרען די דאָרטיקע יידישע באפעלקערונג. אין קאסטעלאָן דע אמפוריאס זענען אין קהילה-ראט אריין: 5 רעפרעזענטאנטן פונם „פארמעגלעכן קלאס", 4 פאַרשטייער פונם „מיטעלן קלאס" און 3 פאַרשטייער פונם „אָרעמען קלאס". אין מירוויעדראָ האָבן זיך די 3 שיכטן באטייליקט אינם ראט און יעדע שיכט מיט א גלייכער צאָל רעפרעזענטאנטן. ווי געזאָגט, זענען אָבער אזלכע דערגרייכונגען געווען אויסערסט זעלטענע. אין דעם רוב קהילות האָט די געלט-אריסטאָקראטיע געוועלטיקט סיי אין דער קהילה-פארוואלטונג, סיי אין דעם קאָנטראָל-אָרגאַן און סיי אין ראט.

נישט זעלטן פלעגט פאָרקומען דיזאָזיקע „אריסטאָקראטיזירונג" פונם ראט מיט דער הילף פון אויסערלעכע פאקטאָרן. אזוי, א שטייגער, ווערט אונז איבערגעגעבן וועגן דער קהילה אין מאלאָרקא, אז אייניקע גבירים האָבן פאר איר אויסגעפועלט ביים קעניג פעדראָ VI צוויי פריווילעגיעס, איינע אין י. 1348 און די צווייטע אין י. 1374, וואָס לויט זיי האָט דער קהילה-ראט געזאָלט באַשטיין בלויז פון „אלטע, ערלעכע און האָט רוב באַשטימטע קהילה-מיטגלידער". דאָרט, וואו דער קהילה-ראט איז געוואָרן א פעסטונג פון דער פלוטאָקראטיע, האָט מען תיכף-ומיד ארויסגערוקט אין פאָדערגרונט זיינע קאָמפעטענצן און אים איבערגעבויט פון א באראטנדיקער אין אן אויספירנדיקער קערפערשאפט. אזוי, א שטייגער, נעמט זיך דער אריסטאָקראטישער קהילה-ראט אין בארצעלאָנא דאָס רעכט פאנאנדערצוטיילן די שטייערן צווישן די קהילה-מיטגלידער, צו באזעצן מיט קאנדידאטן די העכערע אמטן אין דער קהילה און ארויסצוגעבן פארשידענע פאראָרדענונגען וועגן פארוואלטונגס-ענינים א. אז. וו.

אזוי ארום זענען צונישט געוואָרן די שטרעבונגען פון דעם פלעבייער-קלאס און די האָפענונגען זיינע, וועלכע ער האָט ביים סוף פון 13-טן י"ה צוזאמענגעבונדן מיט דעם קאמף פאר דער איינפירונג פון די קהילה-ראטן. נאָך א קאמף, וואָס האָט געדויערט מער ווי א גאנץ יאָר-הונדערט, האָט זיך די סיטואציע ווייניק וואָס געענדערט, און אויף אלץ איז ווייטער געלעגן דער חותם פון דער געלט-אריסטאָקראטיע

§ 35 דער קאמף צווישן די גרויסע און קליינע קהילות.

די סאָציאַלע אוןווירטשאַפטלעכע קאָנפליקטן האָבן זיך אינם שפּאַנישן יירנטום צעשפּילט נישט בלויז אויף דער געשילדערטער פלאַך פונם קהילה־לעבן, נאָר זיי לאָזן זיך אויך מערקן אויף א ברייטערן פלאַך, דהיינו אויפן שטח פון קהילות־דיסטריקטן.

צוליב דעם קעניגלעכן שטייער־סיסטעם זענען די קהילות פון יעדער פּראָווינץ—סיי אין קאַסטיליע, סיי אין אראַגאָניע—איינגעטיילט געוואָרן אין מערערע דיסטריקטן, גערופן „Callecta“, אָדער „Cullita“. דידאָזיקע איינטיילונג באַגעגענען מיר שוין ביים אָנהויב פון 13־טן י״ה, און דער צוועק אירער איז צו פארלייכטערן די פאנאנדערטיילונג פון די קעניגלעכע שטייערן, וואָס האָבן געדארפט אויפגעמאָנט ווערן ביי די יידישע קאַמער־קנעכט. יעדער דיסטריקט איז באַשטאַנען פון איין גרעסערער קהילה און פון מערערע קליינע קהילות („בני־הישובין“ „דרי הישובין“) וואָס צוזאמען האָבן זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט איין שטייער־דיסטריקט. דער קעניג פלעגט באַשטימען, וויפל דער גאַנצער דיסטריקט האָט געדארפט אריינטראָגן שטייערן אינם מלוכהשן אוצר, און ער פלעגט איבערלאָזן פאַר די קהילות פונם דיסטריקט סיי דאָס פארטיילן און סיי דאָס איינמאָנען פון די שטייערן. אויפן פאָן פונם דאָזיקן סיסטעם האָבן זיך איינגיכן אָנגעהויבן שארפע קאָנפליקטן צווישן דער גרויסער קהילה פונם דיסטריקט און די קליינע קהילות, די „בני־הישובין“. די צענטראַלע גמינע פלעגט אויסנוצן איר שטעלונג אינם דיסטריקט און אזוי מאַניפולירן ביי דער צעטיילונג פון די שטייערן, אז אויף די „בני־הישובין“ זאָל ארויספאַלן א וואָס גרעסערע שטייער־לאַסט. אזוי, א שטייגער, נעמען זיך די צענטראַלע קהילות פון ל ע ר י ד א און פ ע ר פ י ג נ א ן דאָס רעכט צו באַלאַסטן זייערע „בני־הישובין“ אָן א שום פארשטענדיקונג מיט די לעצטע. און בארצעלאָנא האָבן די נאמנים, לויט א פּריוויל עגיע פון י. 1280, באַקומען דאָס רעכט, צו באַלאַסטן אויף דעמזעלבן אופן די קליינע גמינעס פונם בארצעלאָנער דיסטריקט. דערביי קאָנען זיי מיט דער הילף פון די רעגירונגס־אָרגאַנען צווינגען די „בני־הישובין“, אז זיי זאָלן איינצאָלן די ארויפגעלייגטע שטייער־סכומים.

אין די ש״ות הרשב״א געפינען מיר אן אינטערעסאַנטע שטעלע, וואָס אינפאָרמירט אונז אויספירלעכער וועגן דידאָזיקע פארהעלטענישן. דער בארימטער רב פון בארצעלאָנא שרייבט דאָרט צו א מאָנפּעליער ייד, וואָס האָט אים אָנגעפרעגט מכוח די שטייער־ענינים אין אראַגאָניע. שרייבט אים דער רב: „זיי ווייסן, אז מיר (ד. ה. די קהילה אין בארצע־

לאנא) און די קהילות פון ווילאפראנקא, טאראגאָנא און מאַנבלאַנש האָבן אַ בשותפותדיקע קאַסע אויף צו באַצאָלן די שטייערן, לייגט אויף אונז ארויף די רעגירונג אַ שטייער־סכום, דאַן דיקטירן מיר זיי (ד. ה. די „בני־הישובין") נישט קיין שום באַפעלן, הגם מיר זענען אַ מערהייט (אינם דיסטריקט) און די קהילה אונזערע איז די צענטראַלע אין אַלע ענינים. וואָלטן מיר געהאַנדלט אָן אַ פאַרשטענדיקונג מיט זיי (ד. ה. די „בני־הישובין"), וואָלטן זיי אונז אוודאי נישט געפאָלגט. טייל מאָל שיקן מיר צו זיי אונזערע מענטשן, אָבער עס טרעפט אויך, אַז זיי שיקן צו אונז זייערע דעלעגאַטן. ווילן זיי נישט אויספירן אונזערע אַ החלטה (וועגן אַ פאַרשטענדיקונג מכוח די שטייערן), דאַן צווינגען מיר זיי דערצו מיט דער הילף פון די רעגירונגס־אָרגאַנען, אַז זיי זאָלן קומען צו אונז אָדער זיי זאָלן ביי זיך אינדערהיים אָננעמען דיזעלבע החלטות, וואָס מיר האָבן אָנגענומען. פאַראַן אָבער מקומות, וואו די צענטראַלע קהילה דיקטירט באַפעלן די בני־הישובין און נעמט אָן קעגן זיי געוואַלד־מיטלען, וואָרים אין דיזאָ־זיקע (שטייער־) זאַכן ריכטן זיך די דיסטריקטן לויט פאַרשיידענע מנהגים" (ש"ות הרשב"א III 411). אַזוי אידיליש האָט עס אָבער לגמרי נישט אויסגעזען אינם באַרצעלאָנער דיסטריקט, ווי עס שילדערט עס דער בארימטער רב. אינם פרט פון „דיקטירן באַפעלן די בני־הישובין" זענען די באַרצעלאָנער יידן זיכער נישט געווען הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט אַנדערע צענטראַלע קהילות.

אַזוי, אַ שטייגער, זענען אונז באַוואוסט פון די צייטן פונם קעניג יאַקאָב II אייניקע דאָקומענטן, וועלכע שילדערן אונז אַ שאַרפן קאָנ־פליקט, וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן דער אונטערגעוואָרפענער קהילה מאָנבלאַנש און די באַרצעלאָנער נאמנים. די לעצטע האָבן, נעמלעך, אייגנמעכטיק דורכגעפירט אַן אויספאָרשונג פון די פאַרמעגנס ביי די מאַנבלאַנשער יידן און האָבן נישט צוגעלאָזט זייערע דעלעגאַטן צו אַ בשותפותדיקער באַראַטונג וועגן דער פאַרטיילונג פון די שטייערן. די קהילה פון מאָנבלאַנש האָט זיך דעריבער געווענדעט צום קעניג מיט אַן אָנקלאָג קעגן די באַרצעלאָנער נאמנים און זי האָט געפּועלט, אַז דער קעניג זאָל זיך דורך זיינע באַאַמטע אַריינמישן אין דעם ענין.

§ 36 אַ פלעבייער־שטימע וועגן דער ממשלה פון דער יידישער געלט־אַריסטאָקראַטיע אין שפּאַניע.

די גערייצטע שטימונגען פון דעם געדריקטן פּלעבייער־קלאַס אין די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע קהילות קומען אַמבולטסטן צום אויסדרוק אין אַ מוסר־שריפט, וואָס איז אונז אויפגעהיט געוואָרן פון סאַמע אָנהויב פון

15-טן י״ה און וואָס קלינגט אונז, ווי א פארצווייפלטער אויסגעשריי צו־ליב דעם רעזשים פון דער נאָך מאכט און פראכט שטרעבנדיקער יידישער געלט־אריסטאָקראטיע. דער מחבר פון דערז׳אָזיקער מוסר־שריפט „אגרת מוסר״ (1416), איינער אן אומבאקאנטער ר׳ שלמה אלמי, שילדערט אונז אין ליידנשאפטלעכע ווערטער די אויפפירונג פון די גבירים און ער דערציילט אונז, „אז דאָס לעבן פון די פאָרשטייער אונזערע, פון יענע הויכגעשטעלטע לייט, וואָס האָבן זיך אין די קעניגלעכע הויפן פאָרגע־שטעלט אלס פירער (פון די יידן) , איז ווייט נישט געווען קיין ערלעך לעבן. די קעניגן האָבן זיי געמאכט פאר הויכע באאמטע, זיי האָבן זיי אָנגעטרויט די שליסלען צו די קעניגלעכע אוצרות׳ אָבער זיי די גבירים, זענען צוליב זייער עשירות געוואָרן געוואלדיק שטאָלץ ביי זיך, און האָבן פארגעסן, אז אמאָל זענען זיי געווען אָרעם און דערנידריקט. זיי האָבן זיך געלאָזט אויפבויען פאלאצן, אין זייערע וועגנס האָבן זיי איינגעשפאנט די שענסטע מוילאייזלען, זייערע ווייבער און טעכטער האָבן נאָכגעמאכט די גרויסע דאמען און זיי האָבן געגומען שטאָלצירן מיט פוץ און צירונג. דידאָזיקע לייט האָבן פאר חכמה, ארבעט און מלאָכה געהאט בלויז ווער־טער און פאראכטונג, דערפאר אָבער האָבן זיי געהאלטן פון לײדיק־גיין, פון גאווה און פראכט... איינער האָט דעם צווייטן נישט פארגונען און זיי האָבן זיך קעגנזייטיק געמסרט פאר די קעניגן און שררות, נישט מערקנדיק, אז זיי וואָרפן זיך אויף אזא אופן אליין אריין אין אָפגרונט... זיי האָבן דאָס ארבעטס־פאָלק אויסגערויבט און אויסגעפלינדערט. זיי פלעגן תמיד טראכטן, ווי אזוי אראָפצוואַרפן פון זיך די שטייערן און ארויפצולייגן זיי אויף די אומבאמיטלטע. דורך זייער פירונג האָבן זיי זיך געמאכט פארהאסט ביי די פיינט זייערע, וואָס האָבן בלויז געוואַרט אויף א געלעגנהייט, בכדי פטור צו ווערן פון זיי און צו פארטרייבן זיי פון די קעניגלעכע און פירשטלעכע הויפן.״ און עס באמערקט נאָך דער מחבר, און זיי פלעגן ביי זיך לאָזן צען מאָל מאָנען די שטייערן, ביז מען האָט פון זיי ארויסבאקומען דאָס געלט. פאר צדקה איז ביי זיי געווען זעלטן ווען אָפן דאָס בייטל. דער פארביטערטער מוסר־זאָגער פארגעסט אויך נישט צו דערמאָנען וועגן די רבנים, אז זיי האָבן געוויינלעך געהאלטן מיט די אומווירדיקע גבירים, נישט האָבנדיק די נויטיקע מוט און ענערגיע, בכדי צו שטעלן זיי א ווידערשטאנד.

די ווערטער פון ר׳ שלמה אלמי וועגן די נידריקע גבירים ווערן טאקע באשטעטיקט דורך אן אויסערסט טרויעריקן פאקט, וואָס האָט פאסירט אין קאסטיליע ארום י. 1379: איינער פון דעם סאָרט גבירים, וואָס ווערן כאראקטעריזירט אין אלמיס מוסר־שריפט, א געוויסער יוסף פיכאָן

האָט דעמאָלט געהאלטן אין ארענדע די שטייערן, וועלכע די יידן פון גאנץ קאסטיליע האָבן געדארפט צאָלן לטובת דעם קעניג. ביים איינמאָנען די שטייערן האָט ער אָנגענומען כלערליי געוואלד-מיטלען, דערביי האָט ער פון די שטייערן אראָפּגענומען א טייל פאר זיך. סוף-כל-סוף האָט מען אים פאר די מיסברויכן פארמסרט פארן קעניג, אָבער דער קעניג האָט אים געשאָנקען די שטראָף. פיכאָן האָט זיך אָבער אויפן גרונט פון די פריווילעגיעס, לויט וועלכע די יידישע אויטאָנאָמע געריכטן האָבן געקאָנט צוציען צו דער שטרענגסטער פאראנטוואָרטונג יעדן מלשין, האָט דאָס דיינים-געריכט אין ס י ו י ל א פארפירט א פראָצעס קעגן פיכאָנען און מען האָט אים פארמשפט צום טויט. דער טויט-אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן מיט דער הילף פון די מלוכה-אָרגאנען.

פיכאָן איז נישט געווען דער ערשטער און אויך נישט דער לעצטער רינג אין דער קייט פון די יידישע פלוטאָקראטן, וואָס האָבן — לויט ‚שבט יהודה" — אין א גרויסע מאָס גורם געווען צו דעם צוזאמענברוך פון די יידן אין שפאניע. שוין אונטער דער ממשלה פון א ל פ אָ נ ס XI (1325—1350) האָט זיך שטארק ארומגעטומלט מיט דער יידישער פלוטאָקראטיע, און די גלחים פלעגן טאקע בעת די וויכוחים מיט די רבנים באנוצן אלס ארגומענט קעגן די יידן די פירונג פון די „יידישע גראנדן", „וואָס קלערן בלויז וועגן אייגענע כיבודים און וואָס לאָזן זייערע קינדער לערנען זינגען און פעכטן".

אינהאַלט-פאַרצייכעניש:

אַרייַנפיר — — — — — — 12

קאַפּיטל איינס — — — — — — 13

דאָס יידישע ווירטשאַפטס-בילד
ביים סוף פון אַלטערטום

קאַפּיטל צוויי — — — — — — 21

די יידן אין מיטל- און מערב-
איירָאָפּע און זייער סאָציאַל-ווירט-
שאַפטלעכע לאַגע ביזן סוף פון
8-טן יאָרהונדערט

קאַפּיטל דריי — — — — — — 29

אין דער בלי-תקופה פונם יידישן
וועלט-האַנדל

קאַפּיטל פיר — — — — — — 47

דאָס ווירטשאַפטס-לעבן פון די
יידן אין די לענדער אונטער
דער מאַכמעדאַנישער ממשלה

קאַפּיטל פינף — — — — — 61

דער איבערבּרוך אין דער סאָ־
ציאַלער און ווירטשאַפטלעכער
לאַגע פון די מערב־אייראָפּעישע
יידן אין דער צייט פון די ער־
שטע קרייצצוגן

קאַפּיטל זעקס — — — — — 73

די סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע
געשיכטע פון די יידן אין ענג־
לאַנד

קאַפּיטל זיבן — — — — — 85

די סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע
לאַגע פון די יידן אין פראַנקרייך

קאַפּיטל אַכט — — — — — 103

דער סאָציאַלער און ווירטשאַפט־
לעכער מצב פון די יידן אין
שפּאַניע אין דער צייט פון 11־טן
י"ה ביזן י. 1391

קאַפּיטל ניין — — — — — 133

דער סאָציאַלער און ווירטשאַפט־
לעכער מצב פון די שפּאַנישע
יידן אין דער צייט פון 11־טן
יאָרהונדערט ביז דעם י. 1391

קאַפּיטל צען — — — — — — 159
דער סאָציאַלער אוןווירטשאַפט-
לעכער מצב פון די שפּאַנישע
יידן אין דער צייט פון 11-טן
יאָרהונדערט ביז דעם יאָר 1391

קאַפּיטל עלף — — — — — — 173
דער סאָציאַלער און ווירטשאַפט-
לעכער מצב פון די שפּאַנישע
יידן אין דער צייט פון 11-טן
יאַרהונדערט ביז דעם יאָר 1391

רשימה פון נעמען, וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך.

א

אַבדור ראַמאַן III 59.
אַבדור ראַמאַן, קאַליף 58.
אַבו איסהאַק פון עלווירא 109.
אַבולפיה יוסף, הויפבאַאַמטער 124.
אַבולפיה שמואל בן מאיר 126.
אַבולפיה שמואל הלוי 128.
אַבו-גאַש-האַרון 54, 56.
אַביבאַליה שמואל, פינאַנץ-פירער 126.
אַבליטאַס 155.
אַבליטאַס, באַנק-הויז 171.
אַבליטאַס יהודה 172.
אַבליטאַס יוסף 170.
אַבליטאַס צמעל 170.
אַבנאַדעאַן דוד 143.
אבנבנטרעקאַ אשר, הויף-ייד 143.
אבנדאַהועט אַלפאַקים שלמה, רעפאַזיטאַריוס 143.
אבנכיוויה 144.
אבנפיה 144.
אבנצעבריט 144.
אַברבליה 153.
אַברבליה ראַוויה 144.
בברבנאל, דאן יהודה, הויפבאַנקיר 124, 164.
אַברבנאל, דאן שמואל, שאַצמייסטער 124.
אברהם איבן אַלפאַכאַר, דיפלאָמאַט 123.
אברהם פון סאַראַגאָסאַ, אַ 143.
אַגאָבאַר, מאָנאַך 32.
אַגריפוס, קיסר 16.
אהרן, ייד פון לינקאָלן 77, 78.
אַזובי אברהם, שטייער-אַרענדאַר 171.
אַז-זאַהירא, קאַליף 54, 56.
אָטאָ דער גרויסער 63.
אָטאָ II 64.
איבן האַוקאַל, רייזנדער 44.
איבן-יוסף, בעל-יועץ פון קאַליף 48, 49, 54.
איבן יעקב 36, 37, 42, 45.
איבן-סאַאַר איבראַהים 54.
איבן קרדדבה 29, 30, 31, 32, 35, 55.
איבן שפרוט 59.

איאָצענט III, פויפּסט 100, 103.
אַלאַזאַ (אליעזר) רעפּאָזיטאַריוס 142.
אַל-אַזירא, קאַליף 56.
אַל-האַקים, קאַליף 48, 5‎.
אליה, פּרעסביטער 83.
אַלמאָאַלם שלמה, הויפּדאָקטאָר 110.
אַלמאַנזור, מושל 59.
אַל-מיטאַ-וואַקיל, קאַליף 48, 50.
אַלמי שלמה 180.
אַלס IX ‏131.
אַלעקסאַנדער, אַלאַבאַרק 16.
אַלפאָנס II ‏143.
אַלפאָנס III ‏138, 140, 145, 153, 160, 161.
אַלפאָנס IV ‏154, 155, 163, 164.
אַלפאָנס VI, קעניג 123.
אַלפאָנס VII, קעניג 123.
אַלפאָנס VIII, קעניג 123.
אַלפאָנס X, קעניג 116, 117, 123, 127, 129.
אַלפאָנס XI, קעניג 118, 127, 181.
אַלפאָנס, גראַף 89.
אַלפאָנסאָ על באַטאַלאַדאָר 142.
אַלפאַקים שמואל 153.
אָמאַר, קאַליף 47, 48, 52.
אַמולאָ, אַרציבישאָף 66.
אמרם איבן שאַליב, הויפּ-דאָקטאָר 123.
אַסטרוג פון טאָרטאָזאַ 151.
אַסטרוג ראַוויה 144.
אָפּיסיאַל נתן, געלערנטער 103.
אַראָניוס י. 31.
אַרסאַ פּאַטריטש 38.
אַשליי, היסטאָריקער 74.

ב

באַטאַלאָדאָר אַלאָנסאָ, קעניג 166.
באָנאַפּאָס, באַיולוס 143.
באָנעטוס וויטאַליס 153.
באַפּאַרול 150.
בונים גאַשי, צאָל-באַאַמטער 103.
בלאַנש, גרעפין 87.
בן אַדרט שלמה 157.
בן ברזלי יהודה 147, 151, 152.
בנימין פון טבריה 52.
בנימין פון טודעלאָ 85, 93.
בן ששת יצחק 154, 155, 156, 157.
בענדעט, ייד פון פראַנקרייך 100.
בענוועניסטע 150.
בענוועניסטע דע פּאָרטאָ 144.

בענוועניסטע יוסף 125.
בענוועניסטע ששת 143.
בערענגאַי ראָמאַן, גראַף 147.
בער פריץ, היסטאָריקער 116, 143.
בר כוכבא 14, 18.

ג

גאַודיאָקוס (שמחה), ייד פון פראַנקרייך 40.
גאָלאַט אַלאַצאַר (אליעזר) 154.
גאָלדשמיד ל. 15.
גאָנזאָלאַ מאַרטינעז 125, 116.
גואיפרעד, ערצבישאָף 101.
גומפּלאָוויטש מאַקסימיליאַן 3.
גיל דאָן, בישאָף 116.
גרעגאָר I, פּויפּסט 24, 26.
גרעגאָר IX, פּויפּסט 160.
גפרערער, היסטאָריקער 81.

ד

דאַגאָבערט, קעניג 27, 28.
דאַנאָלוס, מינץ-מייסטער 28.
דאָן זאַג (יצחק), באַנקיר 123.
דאָן יוסף, באַנקיר 123.
דאָן מאיר דע מאַלעאַ, שאַצ-מייסטער 123.
דואַרטע, קעניג 164.
דיניז, קעניג 161.
די סימאָנסען 31.
דעליטש פראַנץ 15.
דעמעטריוס, אַלאַבאַרך 16.
דע פּאָרטאָ 153.

ה

האַדריאַן, קיסר 18.
האַמעט אברהם, הויף-ליפעראַנט 172.
האַקים, מושל 59.
האַרון אל-ראַשיד, קאַליף 48.
הוגען דאָן אברהם, באַנקיר 124.
הונא 15.
היינריך I, קעניג 74.
היינריך II, קעניג 64, 74, 75, 77, 82, 118, 126.
היינריך III, קעניג 76, 79.
היקסון 144.
היקסון אַסטרוג יעקב 144.
הלוי יהודה, שטייער-אַרענדאַר 171.
העליאַט פון וועזול 94, 97, 102.
הרכבי 31.

ו

וואַיציער, בישאָף 36.
וואַקאַר שמואל איבן 125.
וויטקלעף, קעניג 42, 73.
וועספּאַזיאַן, קיסר 67.

ח

חמא בר עקילאי 15.
חסדאי 144.
חסדאי איבן פאדל, וועזיר 109.
חסדאי איבן שפרוט 37, 39, 44.

ט

טיטוס, קיסר 67.
טעאָבאַלד II, קעניג 167.
טעאָדאָזיוס, קיסר 18.
טעאָדאָרוס, ייד פון מאַלאָרקאַ 17.
טעאָפילאַקטאָס 46.

י

יאַפיה, באַיוּלוס 142.
יאַקאָב I, קעניג 134, 137, 143, 144, 148, 149, 150.
יאַקאָב II, קעניג 134, 153, 154, 155, 179.
יאָרדאַנעס, גריכישער שרייבער 43.
יהודה איבן עזרא 123.
יהודה הנשיא 14.
יוסטיניאַנוס, קיסר 45.
יוסיפוס פלאַוויוס 67.
יוסף איבן דשאַי 58.
יוסף, זון פון שמואל הנגיד 109.
יוסף איבן מיגאַש, דיפּלאָמאַט 109.
יוסף איבן שושן, פינאַנציעלער יועץ 123.
יוסף, באַיוּלוס 144.
יוסף, כוזרישער כאַגאַן 37, 44, 59.
יעקב איבן דשאַי 58, 59, 60.
יעקב איבן קיליס, ייד פון באַגדאַד 56.
יעקב בן אליעזר נמץ 37.
יצחק ישראלי, דאָקטאָר 57.

כ

כהון גדליה, שאַצמייסטער 161.
כהון יהודה, שאַצמייסטער 161.

כ

כאָרענסקי משה 43.
כילפעריך, קעניג 27.
כערעס דע לאַ פראָנטערא 127.

ל

לודוויג דער הייליקער,
קעניג 168.
לודוויג דער פרומער, קעניג 32,
40, 41, 103.
לודוויג VII,קעניג 98.
לודוויג IX, קעניג 92.
לודוויג, קעניג פון אַרל 63.

מ

מאיר בן שמעון, רב אין
פראַנקרייך 92, 101.
מאַכמעד 50.
מאַלבייס 78.
מוקוואַדערי, געאָגראַף 44.
„משקא", קעניג 37.

נ

ניסם פון באַרצעלאָנאַ 156.

ס

סאַלווא דאָנאַ 165.
סאַנטאַרעס משה, אויבער-רב 165.
סאַנכאָ II, 160.
סאַנכאָ IV, 116, 123, 130, 166.
סאַראַק-איבן-יוסוף, וועזיר 56.
סטעפאַן III, פויפסט 40.
סעווערוס, בישאָף 17.

ע

עגיקאַ, קעניג 57.
עדוואַרד, קעניג 73, 80.
על באַרכילאָן אברהם 124.
עצמעל דאָן 155.

פ

פאָרטעלאַ מוסא, אַרענדאַר
145.
פיכאָן יוסף, 126, 180, 181.
פעדראָ I, 165.
פעדראָ III, 138, 140, 144, 148.
פעדראָ IV 126, 137, 154, 155,
156, 177.
פעטעווין 78.
פעטרוס, דאָזש 38.

פערפעקטוס, באיולוס 143.
פרעבאליה 150.

פ

פיליפ II, 94, 104.
פיליפ III, 168.
פיליפ-אויגוסט, קעניג 87.
פיליפ דער שיינער 167, 168.
פילון האלכסנדרוני 16.
פערדינאנד I, קעניג 111.
פערדינאנד III, קעניג 126, 127.
פערדינאנד IV, 118, 124.
פערנאנדא, קעניג 163, 164.
פריסקוס, ייד פון פאריז 27.
פריסקוס, מינץ-מייסטער 28.

צ

צידעליוס, הויפדאקטאר 123.

ק

קאוואלעריא אברהם 144.
קאוואלעריא יהודה דע 143, 152, 153.
קאוואלעריא שלמה 144.
קאראלינגער, קעניגן 29.
קארלאמאן, קעניג 40.
קארל דער גרויסער, קעניג 29, 34, 111.
קארל דער תם, קעניג 41, 42.
קארל מארטעל 61.
קארל, קעניג 40.
קלאוודיוס, קיסר 16.
קרעסעלין 87.

ר

ראדזער I, הערצאג 64.
ראוויה משה 145.
רבא 15.
רבי קלונימוס 92.
ריגאר, כראניקער 100.
רידיגער, בישאף 65.
ריכארד לייבנהארץ, קעניג 75, 76.
רשב״א 151, 175, 178, 179.

ש

שטובס, היסטאריקער 75.
שלמה פון פאריז 78.
שמואל איבן נאגרעלא, ווזיר 109.
שמואל, ייד פון דייטשלאנד 42.